די יוגנט איז שטאַרק, איז אונטערנעמעריש. זי וואָגט, זי האָט אין זיך פייער, מוט און זיכערקייט. די עלטער האָט נישט מער די אַלע כוחות. אָבער זי האָט דערפאַר: שכל הישר, אויסרעכענונג, דערפאַרונג, פאַרשטאַנד און איבערלעגטקייט. נאָר ביידע כוחות צוזאַמען, קענען ברענגען אַ גייסטיקן אויפשטייג. זקנה ביום דין ובחרות ביום קרב, לויטעט די יידישע פּאַראַלע. קעמפן, זאָל מען ווי אַן יינגער, אָבער אורטיילן, ווי אַן אַלטער. אויב עס פעלט דאָס יוגנטלעכע פייער, אויב עס איז נישטאָ קיין

מוט און קיין אונטערנעמונגס גייסט, האָט מען גאָר נים פון דעם גאַנצן שכל, פון דער גאַנצער חכמה און דערפאַרונג. פון אַ צווייטער זייט: אויב עס איז נישטאָ קיין אויסגערעכנטקייט, קיין פאַרשטאַנד און קיין דערפאַרונג, קען דאַן דאָס בלויזע פייער, דער בלויזער אונטערנעמונגס גייסט, פאַרפירן, ווער ווייסט ווי ווייט.

אַ גרויסער דענקער האָט זייער טרעפלעך באַהויפּטעט, אַז יוגנט און עלטער זענען געגליכן צו דער היינטיקער מאָדערנער אייזנבאַן. די אייזנבאַן, דער צוג, לויפט און דערגרייכט דעם ציל, דעם ענד פונקט, אַדאַנק צוויי הויפּט כוחות. קודם קומט דער כוח פון דעם לאָקאָמאָטיוו, מיט דעם ברענענדיקן פייער, וואָס טרייבט דעם גאַנצן צוג און באַוועגט אים, ביז ער ברענגט אים צו דעם ריכטיקן אָרט. דאַן קומען די אייזערנע פעסטע רעלסן, די גלייזן, וואָס האַלטן דעם לאָקאָמאָטיוו און דערלאָזן נישט, אַז דער צוג זאָל זיך ענטגלייזן. די רעלסן פאַרהיטן, אַז דער לאָקאָמאָטיוו מיט דעם גאַנצן צוג, זאָל נישט פאַרפליען ערגעץ, ווער ווייסט וואוהין. רעלסן אַליין, אָן אַ לאָקאָמאָטיוו פאָרן נישט, רירן זיך נישט פון אָרט. אַ לאָקאָמאָטיוו אַליין, אָן רעלסן איז געפערלעך. ווי איז צו דעם, וואָס לאָזט זיך פאָרן מיט אַ מאַשין אָן אַ גלייז.

אויך אַ גאַנץ פאָלק, איז ווי אַ צוג, וואָס באַוועגט זיך צו אַ געווויסן פונקט. אַ פאָלק שטייט נישט אויף איין אָרט. עס אַנטוויקלט זיך. די אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק, הענגט אויך אָפּ פון די צוויי כוחות: פון דעם יוגנטלעכן פייער

און פון דעם געלייז, אויף וועלכן עס פירט דער עלטערער דור. דער בלויזער געלייז אליין, דער בלויזער עלטערער דור, איז אן לעבן, אן באוועגונג און קען נישט מאכן קיין ווייטערע שריט. דאס בלויזע יוגנטלעכע פייער אליין, איז ווי דער לאקאמאטיוו, אן די רעלסן און קען פארפארן ערגעץ, פון וואנען ער זאל קיין מאל נישט קענען ארויס.

ביים באנייען דעם משכן, האט משה רבינו צענויפגעפירט די יוגנט מיט דעם עלטער. ער האט זיי געוויזן, אז נאר צוזאמען קענען זיי אויפנעמען א זיכערע רייזע אין דער צוקונפט.

אין דער גמרא איז פאראן א סברא, אז די גרויסע טראגעדיע וואס האט פאסירט מיט די צוויי זון פון אהרן הכהן, מיט נדב ואביהו, איז געקומען, דערפאר, ווייל זיי האבן נישט געוואלט זיך אונטערגעבן אונטער דער השפעה פון דעם עלטערן דור.

באמת שטייט אין אונדזער תורה מפורש, פארוואס דאס אומגליק האט פאסירט. דער פסוק זאגט: ויקריבו לפני ד׳ אש זרה; זיי האבן מקריב געווען פאר ג־ט פרעמד פייער. חז״ל האבן אבער נישט געוואלט פארטייטשן דעם אויסדרוק פון אש זרה, בוכשטעבלעך. זיי האבן דערפאר, אין דעם אויסדרוק אריינגעטייטש, פארשיידענע פשטים און אריינגעלייגט פארשיידענע כוונות.

לויט איין שיטה, איז דער חטא פון נדב ואביהו באשטאנען אין דעם, וואס זיי זענען אריין: לפני ולפנים של קדשי הקדשים; זיי זענען אריין, אין דעם טיפן אינעווי-

ניק פון דעם יידישן היליקטום. אַ צווייטע שיטה האַלט, אַז זיי זענען געווען: שתויי יין; אָנגעטרינקען מיט וויין. אַ דריטע שיטה זאָגט, אַז זיי זענען געווען: מורי הלכה בפני רבם; זיי האָבן זיך דערלויבט צו פּסקנען הלכות, אין דער קעגנוואַרט פון זייער רבין, ניט באַראַטנדיק זיך פריער מיט אים. אַ פערטע שיטה אין דער גמרא באַהויפּטעט, אַז זיי האָבן זיך אויסגעדריקט: מתי ימותו שני זקנים הלו ואני ואתה מנהיג את הדור; ווען וועלן שוין אַ מאָל אָפּשטאַרבן די צוויי אַלטע לייט — משה און אהרן — און מיר ביידע וועלן איבערנעמען די פירונג. זיי האָבן — הייסט דאָס — אַרויסגעקוקט אויף דעם טויט פון משה און אהרן.

דער גאַנצער צעטל פון חטאים, וואָס חז"ל האָבן צוגעשריבן צו נדב ואביהו, איז פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעך. מיר ווייסן פון דער גמרא, אַז נדב ואביהו זענען געווען די גרעסטע יידן אין זייער דור. די תורה אַליין דערציילט, אַז ווען ג־ט האָט גערופן משה רבינו, ער זאָל אַרויפקומען צו אים, שטייט, ער זאָל מיטנעמען מיט זיך נדב ואביהו. נאָך דעם אָפּשטאַרבן פון נדב ואביהו, האָט משה רבינו געזאָגט צו אהרן: בקרבי אקדש; זאָגט די גמרא, אַז משה רבינו האָט געמיינט מיט דעם צו באַהויפּטן, אַז דעם אמתן קידוש השם האָבן זיי, נדב ואביהו, באַוויזן. די גמרא זאָגט דאָן, אַז משה רבינו האָט זיך אויסגעדריקט: עכשו אני רואה שהם גדולים ממני וממך; איצט זע איך, אַז זיי זענען גרעסער פון אונדז ביידע.

אויב נדב ואביהו, זענען דאן געווען אזוי גרויס, ווי קומט דאס, וואס חז״ל האבן צו אזעלכע גרויסע מענטשן, צו־געשריבן אזעלכע חטאים?

מיר לעבן היינט אין א צייט, אין וועלכער דער ענין ווערט פאר אונדז גאר קלאר.

ווידער שטייען מיר היינט אין א צייט פון א פייער־לעכער שמחה, ביי דער באנייאונג פון אונדזער מדינת ישראל. אויך מיר היינט פארמאגן אין אונדזער מדינת ישראל א יוגנט, אויף וועלכער מיר קענען זיין שטאלץ. יעדער פון אונדז, ווען ער באזוכט אונדזער יידישע מדי־נה און זעט מיט אייגענע אויגן די גרויסקייט פון דער דארטיקער יוגנט — די יידישע סאלדאטן און די יידישע חלוצים וחלוציות — דערפילט ער די באדייטונג פון יענעם אויסדרוק: עכשו אני רואה שהם גדולים ממני וממך; זיי שטייען העכער פון אונדז אלע. זייער מסירת נפש, זייער קאמף מיט די יידישע שונאים, זייער העל־דישער מארש אין מבצע סיני, זייער הארטנעקיקע פאר־טיידיקונג פון די גרענעצן, דאס האט ממש נישט קיין פארגלייך אין קיין געשיכטע פון קיין שום פאלק. ווען מיר דערזעען נאך די גרויסע הייליקע ארבעט פון דער זעל־בער יוגנט, ביים בנין הארץ; ווען מיר זעען, ווי אזוי זיי האבן פארוואנדלט מדבריות אין בליענדיקע גערטנער, ווי אזוי זיי האבן אויסגעטריקנט קראנקע מאלאריע זומ־פן, ווי אזוי זיי האבן מיט זייערע מיילער פארטריבן בייזע ווינטן און מיט זייערע אטעמס באלעבט טויטע געגענדן,

מוזן מיר צוגעבן, אַז קיין איינציקער פון אונדז קען זיך נישט פאַרגלייכן צו זיי.

די איינציקע בקשה וואָס מיר האָבן איז: דערפירט נישט צו קיין טראַגעדיעס פון נדב ואביהו. רעוואָלטירט נישט קעגן דעם אַלטן דור. הלוואי וואָלט אונדזער פייער־דיקע יידישע יוגנט פון מדינת ישראל, זיך אַנטוויקלט און פאַרגעשריטן אויף די רעלסן און אויף די געלייזן פון אונדזער דריי טויזנט יעריקע טראַדיציע. זיצנדיק אויף דער ערד פון ישראל, פליט די פאַנטאַזיע פון דער ברווי־זנדיקער יוגנט, מיט אַמאָל, ביז צו צייטן פון נ״ך. מיט אַמאָל וואָלט די יוגנט געוואָלט, דערגרייכן אַ לעבן פון נ״כישע צייטן. עס איז אָבער אַ סך בעסער, דאָס זעלבע לעבן צו דערגרייכן, אויף דעם אויסגערעלסטן, אויסגע־באַנטן און אויסגעטראָטענעם וועג, אויף וועלכן עס זענען געגאַנגען יידישע דורות, במשך פון 2500 יאָר. אויף דעם געלייז פון די אַלע דורות, איז דער וועג אַ געזיכערטער. אָן דעם געלייז איז עס אַ פלאַמענדיקער פלי, וואָס איז מסוכן און געפערלעך.

אונדזער בקשה, וואָס מיר האָבן היינט איז: זאָל די יוגנט זיך נישט אַריינרייסן אין דעם: לפני ולפנים פון דעם קדשי קדשים; אין דעם טיפן הייליקטום פון דורות. זאָל די יוגנט איבערלאָזן דאָס הייליקטום צו דער עלטערער גענעראַציע, זיי, די עלטערע פאַרשטייען בעסער, ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט הייליקטימער. הלוואי זאָל אונדזער יוגנט פון מדינת ישראל ניט זיין קיין: שתויי יין, נישט

זיין באפאלן פון שכרות. זאלן די גרויסע נצחונות זייערע, נישט פארשיכורן זיי אזוי ווייט, אז זיי זאלן דענקען, אז זיי דארפן מער קיינעם נישט, זאלן זיי זיך נישט וואגן צו דעצידירן אין שווערע פראגן פון הלכה, ניט נעמענדיק אפילו קיין עצה פון די לערער, פון דעם עלטערן דור.

ענדלעך איז אונדזער וואונטש, אז די טייערע יידישע יוגנט פון מדינת ישראל, זאל נישט זיך ארומטראגן מיט דעם געדאנק פון: מתי ימותו שני זקנים הללו ואני ואתה ננהיג את הדור; ווען די פאר אלטע לייט וועלן אפשטארבן, וועלן מיר איבערנעמען די ממשלה און איינפירן אונדזער סיסטעם, פארווארפנדיק די גאנצע ירושה פון דעם צווייטויזנטיעריקן יידישן לעבן.

זאל אונדזער היינטיקע גרויסע שמחה פון דער באנייאונג פון מדינת ישראל, חלילה, נישט פארשטערט ווערן מיט קיין טראגעדיעס פון נדב ואביהוא. זאלן מיר נישט זיין פארשיכורט, זאלן מיר זיך הייליקן מיט די הייליקייטן פון אונדזער אלטער יידישער תורה.

תזריע-מצורע

די סדרה פון תזריע און מצורע גייען זייער אָפט צו־זאַמען און אויך זייער אינהאַלט איז אַ געמיינזאַמער. ביידע סדרות, רעדן פון די דינים בנוגע צו ריינקייטן און אומריינקייטן ביים מענטש. חז״ל אין דער גמרא האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואָס די דינים, בנוגע צו ריינקייטן און אומריינקייטן ביים מענטשן, שטייען אין דער תורה ערשט נאָך די דינים פון ריינקייטן און אומ־ריינקייטן ביי דער בהמה, חיה און עוף. אין דער סדרה פון דער פאַריקער וואָך, אין שמיני, איז אַרומגערעדט געוואָרן וועגן טהור און טמא ביי חיות, בהמות און עופות. ערשט דאָן, שטייען אין די היינטיקע סדרות, די דינים פון טהור און טמא, ביים מענטש. חז״ל האָבן דאָ געפונען אַ געלעגנהייט צו רעדן, וועגן דער שטעלונג פון דעם מענטש אין דעם קאָסמאָס. רבי שמלאי האָט געזאָגט, אַז ווען ג־ט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער דעם מענטש באַשאַפן צו אַלעם לעצטן. קודם איז געשאַפן געוואָרן דער גאַנצער קאָסמאָס: הימל און ערד; גראָז און פלאַנצן; חיות

און עופות. צום לעצט איז געקומען דער מענטש. אויך ביי די דינים פון דער תורה קומען קודם די דינים פון דער בהמה, חיה ועוף און צו לעצט די דינים פון דעם מענטש.

אַ זייער טיפן, פילאָזאָפישן געדאַנק האָט דאָ רבי שמלאי אַרויסגעבראַכט. ביי דעם וועלט — באַשאַף, איז דער מענטש געקומען אַלס דער לעצטער פון דער בריאה. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געשען? חז״ל זאָגן: כדי שלא יאמרו, אדם שותף היה במעשי בראשית. שפּעטערע מענטשן זאָלן נישט קענען באַהויפּטן, אַז דער מענטש איז געווען אַ שותף אין דער בריאה. ווען דער מענטש זאָל געווען געשאַפן ווערן פריער, פאַר אַנדערע שאַפונגען, וואָלטן שפּעטערע דורות נאָך געקענט באַהויפּטן, אַז דער מענטש מיט זיין שכל און זיין כוח, האָט זיך באַטייליקט אין דער שאַפונג פון די ברואים וואָס זענען געקומען נאָך אים. דער מענטש איז דערפאַר געקומען דער לעצטער, ווען אַלעס איז שוין געווען פאַרטיק. דער מענטש האָט מיט אַמתדיקער שאַפונג גאָר קיין שום שייכות נישט.

איינער פון אונדזערע אַלטע מפרשים שטעלט זיך אָפּ אויף אַן אינטערעסאַנטער פראַגע: פאַרוואָס זענען מלאַכים יאָ געשאַפן געוואָרן פאַר דער בריאה? פאַרוואָס האָט מען נים קיין מורא געהאַט, אַז מלאכים וועלן זיך אַמאָל איינרעדן, אַז זיי זענען געווען שותפים אין דער בריאה? דער תירוץ איז, אַז אַזאַ איינרעדעניש און אַזאַ העזה, קען אפילו אַ מלאך קיין מאָל נישט האָבן, נאָר אַ מענטש. אַ

מלאך וואָלט קיין מאָל אפילו נישט געחלומט, אַז ער האָט געהאָלפן, אָדער זיך באַטייליקט אין מעשי בראשית. דאַקעגן אַ מענטש וואָלט זיך טאַקע אַזוי איינגערעדט. אָט איז דאָך פאַקטיש דער מענטש געשאַפן געוואָרן גאַר צולעצט, ווען אַלעס איז שוין געווען פאַרטיק. פון דעסט־וועגן, וויל ער אַליין דערגיין דעם סוד פון דער בריאה. ער זוכט כסדר נאָר צו קענען עפּעס באַשאַפן; ער וויל וויסן, ווי אַזוי עס איז געשען דער וועלטבאַשאַף; כדי צו קענען נאָכמאַכן. איצט דאַרפן מיר זיך פאָרשטעלן: ווען דער מענטש זאָל געווען זיין אַנוועזנד ביים באַשאַף; ווען ער וואָלט מיט זיינע אויגן געווען געזען די בריאה, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן איינרעדעניש ער וואָלט געהאַט.

דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן צולעצט, ווען אַלצ־דינג איז שוין געווען פאַרטיק. ער האָט דערפאַר ניט קיין מעגלעכקייט, אפילו, צו דערבליקן דאָס, וואָס עס איז געווען, אָדער דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען, איידער ער איז דערשינען אויף דער וועלט־אַרענע. דער מענטש ווייסט דערפאַר, אַז אַ דיקער, שווערער פאַרהאַנג פאַר־דעקט פאַר אים דאָס געהיימניש פון דער בריאה און ער וועט קיין מאָל נישט קענען דערבליקן דאָס, וואָס עס איז געשען פאַר אים. אָבער איין זאַך: דער מענטש קען זיך נאָך אַליין איינרעדן און רעדט זיך טאַקע איין, אַז די תורה פון דער בריאה, די געזעצן פונעם באַשאַף, דאָס קען ער מיט זיין שכל, מיט זיין פאַרשטאַנד יאָ באַגרייפן. ער מיינט, אַז מיט הילף פון ווּיסנשאַפט קען מען זיך

דערגרונטעוועט צו געוויסע, אייביקע נאַטור-געזעצן און תורות פון דעם קאָסמאָס. די תורה האָט דערפאַר, אויך די דינים און די געזעצן פון דעם מענטש, געשטעלט צו סאַמע לעצט, כדי צו ווייזן, אַז אפילו די דינים און געזעצן, וואָס באַציען זיך צו די דערשיינונגען וואָס זענען געשאַפן פאַר אים, וועט דער מענטש קיין מאָל נישט דערגיין. דער מענטש מיט זיינע געזעצן איז דער שפּעטסטער אין נאַטור און ער וועט דעם פריער, קיין מאָל נישט באַגרייפן.

דער פסוק אין תהלים זאָגט: אחור וקדם יצרתני; צום שפּעטסטן און צום פריערסטן, איז דער מענטש געשאַפן געוואָרן. די גמרא זאָגט, אַז די כוונה פון דעם פסוק איז: זכה, אומרים לו קדמת במעשי בראשית, לא זכה אומרים לו יתוש קדמך. ווען אַ מענטש פירט זיך ווי אַ מענטש, איז ער דער ערשטער פון דעם וועלט באַשאַף. פירט ער זיך אָבער נישט ווי אַ מענטש, דאַן איז דאָס קלענסטע ווערעמל פריער געשאַפן פון אים.

נאָך אונדזערע, גאָר אַלטע פילאָזאָפן האָבן איינגעטיילט די גאַנצע בריאה אין צוויי קאַטעגאָריען: אין זאַכן, וואָס געהערן צום באַגריף פון „עצם״ און אין זאַכן, וואָס באַלאַנגען צום באַגריף פון „תאר״; אין סובסטאַנצן און אין אַטריבוטן. אין אַנדערע ווערטער: אַלעס אין דער וועלט מוז זיין: אָדער אַ ציל, אַליין פאַר זיך אָדער אַ מיטל צו אַ ציל. אַ זאַך, וואָס איז אַ מיטל צו אַ ציל, קומט פריער פאַר דעם ציל. מען באַדינט זיך מיט דעם מיטל, כדי צו דערגרייכן דעם ציל. דאָס מיטל צום ציל קען

נישט קומען, נאָך דעם וואָס דער ציל איז שוין דערגרייכט געוואָרן, ווייל, דאַן דאַרף מען מער קיין שום מיטל נישט. אין דער טעטיקייט איז דערפאַר דער ציל, דער ענדפונקט, וואָס נאָך אים קומט מער גאָרנישט. דאַקעגן אין דעם געדאַנק, איז דער ציל, דאָס ערשטע, ווייל, נאָר דאַמאָלס, ווען מען האָט אַ ציל פאַר זיך, נאָר דאַמאָלס זוכט מען געוויסע מיטלען, כדי צו צוקומען צום ציל. דערפאַר איז דער תכלית, דאָס ערשטע אין דעם געדאַנק און דאָס לעצטע אין דער טעטיקט. מיר זאָגן אויך: סוף מעשה, במחשבה תחילה; דאָס, וואָס עס איז דער סוף אין דער מעשה, דאָס איז דאָס ערשטע, אין דער מחשבה.

ווי באַקאַנט, שטייט די יידישע פילאָזאָפיע בנוגע צו דער וועלט שאַפונג, אויף דעם אַזוי גערופענעם „טע־לעאָלאָגישן" שטאַנדפונקט. דאָס מיינט, אַז די בריאה איז געשאַפן מיט אַ פּלאַן און מיט אַ ציל. מיר גלויבן, אַז דער מענטש איז דער תכלית פון דער בריאה. די גאַנצע בריאה, איז צוליב דעם מענטש. דערפאַר, איז דער מענטש געשאַפן געוואָרן צולעצט. אַלצדינג איז געשאַפן געוואָרן פריער פאַר דעם מענטש, ווייל, אַלצדינג איז בלויז אַ מיטל פאַר דעם ציל — פאַר דער מענטשהייט. דער מענטש איז טאַקע דער לעצטער אין דער שאַפונג, אָבער אַלס ציל, איז ער דער ערשטער, אין דעם געדאַנק פון דער בריאה.

אָננעמענדיק אַזאַ שיטה, האָבן חז"ל דערפאַר געהאַל־טן, אַז אַ מענטש דאַרף זיך ניט אַזוי פיל אָפּגעבן מיט

זאכן, וואָס זענען נישט קיין ציל אליין פאַר זיך, נאָר פירן צו אַ ציל. דער מענטש דאַרף זיך הויפּטזעכלעך צו פאַרנעמען, מיט דעם תכלית און נישט מיט קיין מיטלען. אַזוי ווי די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט, איז בלויז אַ מיטל און נישט קיין תכלית; דער מענטש דאַקעגן, איז דער ת:לית פון אַלעם, איז דערפאַר דער חוב פונעם מענטש, זיך צו פאַרטיפן בעיקר אין דעם מענטש און נישט אין דעם דרויסן. פאַרנעמט זיך דער מענטש מיט דעם שטור־דיום וועגן מענטש, וועגן זיין טבע, זיינע איינגעשאַפטן, זיינע גרויסקייטן און זיינע נידעריקייטן, דאַמאָלס באַ־שעפטיקט ער זיך מיט דעם תכלית פון וועלט־באַשאַף. אויב אָבער דער מענטש איז אין גאַנצן אַריינגעטאָן בלויז אין דעם דרויסן, בלויז אין דער נאַטור פון קאָס־מאָס, מיינט דאָס, אַז צום תכלית קומט ער קיין מאָל ניט.

מיט רעכט זאָגט דערפאַר די גמרא: אחור וקדם יצרתני; דער מענטש איז דער לעצטער געשאַפן געוואָרן, אָבער איז אין געדאַנק געווען דער ערשטער. זכה; פאַר־שטייט דער מענטש זיין שטעלונג, דאַן: אומרים לו, קדמת במעשי בראשית; זאָגט מען אים: דו ביסט געווען אין געדאַנק, אין תכלית פון דער בריאה, נאָך איידער עס איז עפּעס געשאַפן געוואָרן. לא זכה; פאַרשטייט אָבער דער מענטש נישט זיין תכליתדיקע שטעלונג, דאַן: אומרים, לו, יתוש קדמך; זאָגט מען אים: אויב דו ביסט נישט דער תכלית, וואָס זשע איז דיין יחוס? אַ מינדסטע ווערעמל איז פריער באַשאַפן געוואָרן פון דעם מענטש.

דאָס אומגליק פון דער פאַרדאַרבענער מענטשהייט באַשטייט אין דעם, וואָס זי גיט זיך אַמווייניקסטן אָפּ מיט זיך אַליין, מיט דעם תכלית פונעם באַשאַף. אַ מענטש רעדט זיך איין, אַז ער אַליין איז תמיד אין דער בעסטער אָרדענונג, זיך אַליין, דאַרף ער ניט שטודירן. בעיקר, דאַרף ער צו פאַרשטיין דעם דרויסן; אָבער די שטרעבונג כסדר בלויז צו באַרייכערן דעם דרויסן און שאַפן נייע מיטלען, וואָס זענען אַליין פאַר זיך, ניט קיין ציל, דאָס קומט אויך פון גאווה, פון איינרעדעניש, פון רייסן זיך צו געדאַנקען, וועלכע באַלאַנגען כלל נישט צו אים.

דאָ קומען מיר צו דעם טיפן זין פון די דינים, וועלכע געפינען זיך אין די צוויי סדרות פון דער היינטיקער וואָך. געוויינלעך מיינט מען, אַז די דינים האָבן צו טאָן בלויז מיט היגיענע און ריינקייט פון דעם קערפּער. חז״ל האָבן די מיינונג גאַנץ אָפּגעלייקנט. די תורה האָט דאָ באַרירט בעיקר די סודות פון דער מענטשלעכער נשמה. אונדזער תורה באַטאָנט אויף אַ סך ערטער, אַז אויב אַ מענטש געדענקט אין זיין תכלית און ער לעבט אַ תכלית־דיק לעבן, ברענגט דאָס אים דאָס גרעסטע גליק. אויב אַ מענטש האָט גליק אין לעבן, ווערט ער קיין מאָל ניט קראַנק. אַלע קראַנקהייטן קומען פון: זיין אומגליק־לעך, פון ניט לעבן אַזאַ לעבן, צו וועלכן מען איז באַשטימט. דייטלעך זאָגט די תורה: אם שמוע תשמע בקול ד׳ אלקיך והישר בעיניו תעשה והאזנת למצוותיו ושמרת כל חקיו, כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך,

כי אני ד׳ רופאך. אויב איר וועט לעבן, לויט די געזעצן פון דער תורה, וועט איר טאקע קיין מאל נישט קראנק זיין, ווייל איך ג־ט, בין דיין היילער. חסידישע ספרים דערקלערן, אז דערפאר הויבט מען אן צו לערנען פרקי אבות אין חודש „אייר״, נאך פסח, ווייל פרקי אבות, לערנען דעם תכלית פון דעם מענטש און זענען א רפואה צו דער מענטשלעכער נשמה. דאס ווארט „אייר״ מאכט: אני ד׳ רופאך.

ווען די תורה רעדט פון די נגעים טיילט זי זיי איין, אין דרייערליי מינים, אין: שאת, ספחת און בהרת. געוויס זענען פאראן זייער א סך מינים פון קערפערלעכע קראנק־הייטן. אבער געפאלנקקטן פון דער נשמה, מענטשלעכע טומאה, שטאמען פון דריי סיבות. קודם כל: שאת, דאס מיינט גאווה, גרויסקייט, איינרעדעניש, פוסטע אנגעבלא־זנקייט. דאן: ספחת, וואס שטאמט פון ספחני נא, פון אנ־זאמלען; קיינמאל נישט האבן גענוג; וועלן איינשלינגען אלס. און פון: בהרת, וואס מיינט, גלאנץ, פון דעם ווארט בהיר. א מענטש ווערט פארפירט, פון דעם דרויסנדיקן גלאנץ און מכלומרשטע שיינקט און פארגעסט פון תכלית.

ערשט ווען דער מענטש, וועט זיך באפרייען פון גאווה, פון וועלן אלעם פארשלינגען און פון דעם אפנא־רעדישן פאלשן גלאנץ, וועט ער אויסגעהיילט ווערן פון אלע טומאות און וועט לעבן א ריין יידיש לעבן.

אחרי-קדושים

נאָך די צווילינג סדרות פון תזריע מצורע האָבן מיר אין דער היינטיקע וואָך אויך צוויי סדרות, וואָס גייען צוזאַמען — אחרי, קדושים. אין די סדרות פון תזריע מצורע, האָט זיך גערעדט פון מענטשלעכע אומריינקייטן און פון דעם, ווי אַזוי מען קען זיך רייניקן פון טומאות. אין די צוויי סדרות פון דער וואָך, רעדט זיך פון דעם, ווי אַזוי מען ווערט הייליק. הייליקייט ביי אונדז, יידן, מיינט נישט, זיך אָפּזאָגן פון לעבן, נאָר פאַרקערט: דווקא לעבן, אָבער דאָס לעבן מוז זיין אַ הייליק לעבן.

אין תזריע מצורע, האָט מען אונדז געלערנט, אַז רייניקן פון שמוץ און טומאה באַלאַנגט צום כהן, צום גייסטיקן מנהיג. אין אחרי-קדושים לערנט מען אונדז, אַז אָנווייזן דעם וועג פון קדושה, אָנווייזן ווי אַזוי אַ ייד קען לעבן אַ הייליק לעבן, האָט אויך באַלאַנגט צום כהן, צום גייסטיקן מנהיג. יעדער ייד האָט זיך געדאַרפט איינקוקן אין כהן און לערנען פון אים, ווי אַזוי צו לעבן אַ הייליקן לעבן.

די ערשטע ווערטער פון דער סדרה פון אחרי לויטן דערפאַר: בזאת יבא אהרן אל הקודש; מיט דעם איז אהרן, דער ערשטער יידישער כהן גדול, אריינגעקומען אין הייליקטום. אַ ייד קען זיך דענקן: ווער ווייסט, וואָס אהרן האָט געטאָן כדי אריינצוקומען אין קדשי הקדשים; כדי צו זיין הייליק. זאָגט דערפאַר דער פסוק, אַז: בזאת; אָט מיט דעם זאת. נישט מער, ווי בזאת, האָט אהרן דערגרייכט דעם קודש. דער מדרש זאָגט, אַז בזאת, מיינט תורה, אַזוי ווי עס שטייט; וזאת התורה. בזאת, מיינט שבת, אַזוי ווי עס שטייט: אשרי אנוש יעשה זאת, שומר שבת. בזאת, מיינט ירושלים, אַזוי ווי עס שטייט: זאת ירושלים. בזאת, מיינט דאָס יידישע פאָלק, אַזוי ווי עס שטייט זאת קומתך. בזאת מיינט צדקה, אַזוי ווי עס שטייט: בחנוני נאָ בזאת. בזאת, מיינט קרבנות אַזוי ווי עס שטייט: בזאת יבא אהרן אל הקודש. בזאת, מיינט אויך אמונה, אַזוי ווי עס שטייט: בזאת אני בוטח.

שטעלן מיר צונויף דעם גאַנצן צעטל פון דעם מדרש, באַקומען מיר פאָלגנדן סאַלדאָ: הייליקייט באַשטייט פון: אמונה, תורה, שבת, ירושלים, יידיש פאָלק, צדקה און קרבנות. אַ ייד, וואָס גלויבט אין ג־ט, לערנט תורה, היט אָפּ שבת, געדענקט אין ירושלים, איז טריי צום יידישן פאָלק, גיט צדקה און ברענגט קרבנות, איז ער הייליק און ער לעבט אַ הייליקן לעבן.

דאכט זיך: גאָר נישט אַזוי שווער צו קומען צו דער מדרגה פון הייליקייט. אפילו אין אונדזערע היינטיקע,

גייסטיק אָרעמע דורות, פאַרמאָגן מיר נאָך אויך ב״ה, אַ סך יידן מאמינים, וואָס לערנען תורה, היטן שבת, זענען געבונדן מיט דעם יידישן פאָלק און דעם יידישן לאַנד און זיי גיבן צדקה. בלויז איין זאַך פעלט אונדז. עס פעלן אונדז די קרבנות, וואָס דער מדרש רעכנט אין דעם צעטל פון הייליקייט. קיין קרבנות האָבן מיר היינט נישט. אָבער מערקווירדיק, דער מדרש העלפט אונדז אויך דאָ אַרויס און דערקלערט אונדז, וואָס דער ענין פון די קרבנות האָט באַדייטעט. אין פסוק שטייט: בזאת יבא אהרן אל הקודש; ווען אהרן האָט געדאַרפט אַריינקומען אין הייליקטום, האָט ער געברענגט: אַ פר בן בקר, אַ רינד; אַן איל, אַ ווידער און שני שעירי עיזים; צוויי ציגעלעך. דער מדרש זאָגט, אַז מיט די דרייערליי קרבנות האָט אהרן דערמאָנט די יידן, אַז זיי שטאַמען פון אברהם, יצחק ויעקב. דער פר בן בקר. דער רינד, האָט דערמאָנט אברהם. ביי אברהם שטייט: ואל הבקר רץ אברהם. דער איל, האָט דערמאָנט אין יצחק. יצחק איז געלעגן אויף דער עקדה. אָבער אַנשטאָט אים, האָט אברהם מקריב געווען אַן איל. די צוויי ציגעלעך האָבן דערמאָנט אין יעקב, וואָס האָט געמאַכט מטעמים פאַר זיין פאָטער, פון צוויי ציגעלעך, כדי צו באַקומען די ברכות.

וואָס איז די כוונה פון דעם מדרש? דער כהן גדול, וועלכער האָט געלערנט דאָס פאָלק, ווי אַזוי צו לעבן אַ הייליקן לעבן, האָט געמוזט אָנווייזן בעיקר אויף די מדות, אויף די אייגנשאַפטן, וואָס הייליקן דעם מענטש. קודם

רירונג מיט אַ צווייטן מענטש. עס איז גאָר נישט מעגלעך, אַז אַ מענטש, וואָס זעט, אַז דער צווייטער האָט מער פון אים און בעסער פון אים, זאָל יענעם נישט מקנא זיין, אָדער, ווען ער זעט, אַז דער צווייטער וויל אים טאָן שלעכטס, זאָל ער יענעם נישט פיינט האָבן. אָבער, ווען אַ מענטש גלויבט אין השי״ת, האָט ער נישט קיין קנאה; ווען ער גלייבט, אַז עס איז דאָ שכר ועונש און די השגחה באַצאָלט פאַר גוטס און שטראָפט פאַר שלעכטס, האָט ער נישט קיין שנאה. דערפאַר שטייט אין דער תורה, נאָך דעם ואהבת לרעך כמוך, דער: אני ד׳, דאָס מיינט צו זאָגן, אַז צום ואהבת לרעך, מוז מען האָבן די אמונה אין דעם: אני ד׳. דער פר בן בקר האָט דערמאָנט אברהם, וואָס אַדאַנק זיין טיפער אמונה, האָט ער זיך אויסגעציי־כנט מיט זיין מדת החסד, מיט זיין גרויסער אהבת הבריות.

דער איל האָט דערמאָנט יצחקן, וואָס סימבאָליזירט דעם מסירת נפש. אָן מסירת נפש, אין נישטאָ קיין היי־ליקייט. הייליק לעבן מיינט: לעבן מיט אַן אידעאַל און לעבן מיט אַן אידעאַל, פאַרלאַנגט צו קענען האָבן מסירת נפש פאַר דעם אידעאַל. אַ גלייכגילטיקער מענטש, קען נישט זיין הייליק. אויך דער אידעאַל, קען נאָר דאַמאָלס זיין הייליק, ווען ער איז געהייליקט מיט מסירת נפש. דער כהן גדול האָט דערמאָנט דאָס פאָלק: זיי זאָלן זיך נישט שרעקן פאַר דעם עול תורה ומצוה אפילו, ווען עס איז צומאָל שווער צו האַלטן יידישקייט, מוז מען האָבן

איז געקומען דער פר בן בקר, דער רינד, וואָס האָט דערמאָנט אין אברהם. אברהם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער מדת החסד, מיט גוטסקייט. אברהם לויפט נע־מען אַ רינד, כדי מיט דעם פלייש אויפצונעמען פרעמדע מענטשן. קראַנקערהייט באַמיט ער זיך מכבד צו זיין די אורחים. דאָס איז דער סימבאָל פון אהבת הבריות. די סדרה פון קדושים תהיו, הייליק זאָלט איר זיין שטעלט דעם ערשטן באַדינג פון: ואהבת לרעך כמוך. דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי דיך אַליין. מען קען ניט זיין הייליק, ווען מען האָט ליב בלויז זיך און מען רעכנט זיך נישט מיט יענעם. דער כהן האָט מיט דעם פר בן בקר געוויזן, אַז אפילו ווען מען לערנט תורה און מען היט שבת און מען גיט צדקה, אָבער מען האָט נישט ליב דעם חבר, איז מען נישט הייליק. מען מוז האָבן די אהבה צום חבר, וואָס מיינט מיטפילן מיט אים, אָפּהיטן יענעמס כבוד, ווי זיין אייגענעם, טראַכטן דעם חבר נישט ווי צו טאָן, פונקט ווי מען טראַכט, אַליין זיך צו היטן פון יסו־רים. נאָר אַ מענטש מיט אַזאַ מדה, האָט געקענט פּרע־טענדירן אויף הייליקייט.

איינער פון אונדזערע חסידישע רבים האָט באַמערקט, אַז דער ואהבת לרעך כמוך איז געבונדן מיט אמונה. אָן אמונה, איז כלל נישט מעגלעך צו האָבן די מדה פון ליב האָבן יענעם גלייך ווי זיך. נאָר נאַראָנים רעדן זיך איין, אַז מען קען מקיים זיין דעם ואהבת לרעך בלויז פון אַ מענטשלעכן שטאַנדפונקט. אַ מענטש מוז קומען אין באַ־

אין זיך די מדה פון מסירת נפש; מען מוז זיך דערמאַנען, אַז יצחק האָט זיך געלאָזט מקריב זיין אויף דער עקדה פאַר דעם יידישן אידעאַל. וואונדערלעך שילדערט דער מדרש: מאותו איל לא יצא אף דבר אחד לבטלה; פון יענעם ווידער, וואָס מען האָט מקריב געווען אָנשטאָט יצחקן, איז קיין זאַך נישט פאַרלוירן געגאַנגען. אפרו יסודו של מזבח הפנימי; די פאַרברענטע אש איז דער פונדאַמענט פון דעם אינערן מזבח, דער סוד פון יעדן יידישן הייליקן פונק, וואָס ברענט אויף דעם מזבח פון דעם יידישן אינערן הארץ. גידיו לנימי כינורו של דוד; זיינע אָדערן האָבן געניצט פאַר די סטרונעס פון דעם פידל פון דוד המלך. דוד ליידט פון זיינע שונאים, אָבער אין די גרעסטע ליידן, האָט ער נאָך מוט צו שפילן זיינע הערלעכע געזאַנגען פאַר ג-ט ב״ה. עורו לאזור מתניו של אליהו: פון זיין פעל איז געווען געמאַכט דער גאַרטל פון אליהו הנביא, וועלכער האָט געהאַט מסירת נפש פאַר דעם אמת פון אמונה. קרנו השמאלי להר סיני; דער לינקער האָרן איז באַשטימט געוואָרן אַלס שופר פאַר דעם באַרג סיני, ביי קבלת התורה, קרנו הימיני לשופר של משיח; דער רעכטער האָרן ליגט אָנגעגרייט מיט אים צו בלאָזן פאַר דער גאולה שלימה. דאָס איז דער שופר של משיח, וואָס מיר וועלן אי״ה בקרוב הערן, ווען די גאולה שלימה וועט קומען.

די כוונה פון דעם מדרש איז, אַז אָן דעם מסירת נפש, וואָס איז געווען דער סימבאָל פון דעם איל פון

דער עקדה, איז נישטאָ קיין שום יידישער אידעאַל. דער יידישער פונק, אין דעם אינערן פון אַ יידיש האַרץ, פאַרלאַנגט מסירת נפש, ער זאָל זיך אין גאַנצן נישט פאַרלעשן. יידישער קיום אין צרות און אין ליידן און דאביי נאָך זינגען תהלים פון דוד, שטאַמט פון די סטרונעס פון דודס פידל, וואָס זענען געווען פון די אָדערן פון יענעם מסירת נפשדיקן איל. אמתע אמונה קומט פון אליהו הנביא, וועלכער האָט מיט מסירת נפש געקעמפט, טראַגנדיק אויף זיך אַ גאַרטל פון דער פעל פון יענעם מסירת-נפשדיקן איל. די תורה איז געגעבן געוואָרן מיט דעם שאַל פון אַ שופר, וואָס איז געקומען פון דעם לינקן האָרן פון יענעם מסירת-נפשדיקן איל. און אויך די גאולה שלימה וועט קומען דורך דעם שופר, וואָס וועט זיין געמאַכט פון דעם רעכטן האָרן פון יענעם מסירת-נפשדיקן איל.

דער כהן גדול האָט געוויזן, אַז אָן מסירת נפש איז נישטאָ קיין שום יידישער אידעאַל. די צוויי ציגעלעך האָבן דאָן דערמאָנט אין יעקב אבינו. יעקב שטעלט זיך פאַר זיין אַלטן פאָטער יצחק, כדי צו באַקומען פון אים די ברכות פון עולם הזה. זיין מוטער רבקה גיט אים מיט מטעמים פון צוויי ציגעלעך. אויך דער כהן גדול שטעלט אַוועק צוויי ציגעלעך, וועלכע זענען ביידע גלייך. דער כהן וואַרפט דאָן אויף ביידע צוויי גורלות: איינער לד׳, אַ צווייטער לעזאזל. מיט דעם דעמאָנסטרירט דער כהן, אַז עולם הזה איז פונקט, ווי די צוויי ציגעלעך. עולם הזה

קען זיין לד״ און עולם הזה קען זיין לעזאזל. עס קען זיין פאַר ג-ט און עס קען זיין פאַר דעם טייוול. אין דעם מענטש אַליין איז עס געווענדט. ער קען זיך ווילן אַן עולם-הזהדיקן לעבן, וואָס זאָל זיין לד׳, אָדער אַ עולם-הזהדיקן לעבן, וואָס זאָל זיין לעזאזל. דער מענטש האָט אין זיך אַ יצר טוב און אַ יצר הרע. דאַכטן, דאַכט זיך, אַז זיי זענעןביידע גלייך. זיי קומען אפילו ביידע מיט די זעלביקע טענות. אָבער דאָך: איינער פירט לד׳ און דער צווייטער לעזאזל.

אָט קומט דער יצר הרע און טענהט צום מענטש: הער נאַר; דיין לעבן איז קורץ! דערפאַר כאַפּ און עס; כאַפּ און טרינק; געניס פון דער וועלט; גיב נאָך דיינע תאוות, איידער עס ווערט צו שפּעט! . . . דער יצר טוב טענהט פונקט דאָס זעלבע, נאָר מיט אַן אַנדערן אויספיר. דער יצר טוב זאָגט: הער נאַר! דיין לעבן איז קורץ! פּוסט זענען די תאוות; זיי ברענגען נישט קיין שום גליק, קיין שום פרייד; טו עפּעס פאַר דיין נשמה, פאַר דיין גייסט; טו עפּעס פאַר דיר אַליין, פאַר דיין אייביקייט; טו עפּעס גיך, אָדער עס ווערט שפּעט.

גלייך זענען די טענות אָבער פאַרשידן איז דער ציל פון די צווייערליי טענות. דער וועג פון לעזאזל פירט צו פאַרלוירנקייט; דער וועג פון לד׳ פירט צו הייליקייט. מענטש! אין דיר אַליין ליגט די ברירה. זייער לייכט איז די דעציזיע. זייער לייכט איז דער וועג, וואָס פירט צו הייליקייט. מען קען לעבן אַן עולם-הזהדיקן לעבן, וואָס

זאָל זיין געהייליקט. דאָס איז דער סוד פון דער צווייטער סדרה, פון קדושים תהיו: אַלע זאָלט איר זיין הייליק, כי עם קדוש אתה; ווייל אַ הייליק פאָלק איז דאָס יידישע פאָלק.

אמור

אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך לייענען מיר אַן עפּיזאָד, וואָס לויט זיין איינפאַכן אינהאַלט האָט ער פאַר אונדז נישט קיין פּירוש. די פּסוקים דערציילן פון אַ משפּט, וואָס איז פאָרגעקומען אין מדבר. אַ מאַן, וואָס איז געווען אַ זון פון אַ יידישער מאַמען, האָט פאַרפירט אַ קריג מיט אַ צווייטן יידן אין דער יידישער מחנה. בשעת דעם קריג, האָט דער זון פון דער יידישער מאַמען געלעסטערט ג-טס נאָמען און געשאָלטן. יידן האָבן אים געבראַכט פאַר משה רבינו; משה רבינו ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט אים. ער פרעגט זיך אָן ביים רבונו של עולם און דער פּסק לויטעט: דעם מגדף את השם קומט מיתה.

חז״ל באַמערקן, אַז במשך פון דער צייט, וואָס יידן האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר זענען פאָרגעקומען בלויז: צוויי אַזעלכע משפּטים פון טויט-שטראָף. איין משפּט איז געווען דער פון מגדף און אַ צווייטער משפּט איז פאָרגעקומען ביים מקושש (במדבר ט״ו ל״ב).

דאָרט דערציילן די פּסוקים אַזאַ מעשה: ויהיו בני

ישראל במדבר; ווען יידן זענען געווען אין דער מדבר, האָבן זיי געפונען אַ מאַן, וואָס האָט מחלל שבת געווען; ער האָט געקליבן האָלץ אום שבת. די יידן האָבן אים געבראַכט צו משה רבינו. אויך אין דעם פאַל ווייסט משה רבינו נישט וואָס מיט אים צו טאָן. ער פרעגט דעם רבונו של עולם און דער פסק לויטעט: דעם מקושש קומט מיתה.

איבער דעם אינהאַלט פון די צוויי מעשיות, האָבן אונדזערע גאונים און חכמים זיך שטאַרק געמאַטערט. ערשטנס: צו וואָס דערציילט די תורה די מעשיות? וואָס לערנען מיר פון די דערציילונגען? דעם דין, אַז אַ מגדף קומט מיתה ווייסן מיר פון דער תורה, וועלכע האָט דעם דין אָנגעדייטעט אַ סך מאָל. אפילו אַ טאַטן און אַ מאַמען, אַז מען שעלט קומט מיתה. אַ דיין, אַז מען שעלט איז מען עובר אויף אלהים לא תקלל און אַזוי ווייטער. דאַן, איז בכלל שווער: ווי קומט דאָס, אַז משה רבינו זאָל ניט געווען וויסן אַזאַ פשוטן דין? ביי דער צווייטער מעשה איז גאָר שווער צו פאַרשטיין, וואָס עס פאַרגעקומען, ווייל, אַז אַ מחלל שבת קומט מיתה, שטייט אַ סך מאָל אין דער תורה און פלוצעם ווייסט אפילו משה רבינו נישט וואָס מען טוט מיט אַ מחלל שבת? די אַלע פראַגן זענען פראָבלעמען פון הלכה און זיי ווערן פאַרענטפערט מיט פאַרשידענע תירוצים פון הלכה שטאַנדפונקט, וואָס נישט דאָ איז דער פלאַץ צו רעדן וועגן דעם. איך וויל בלויז ציטירן איין זאַץ פון דער גמרא, וואָס איז זייער

מערקווירדיק בנוגע צו די צוויי עפּיזאָדן. די גמרא זאָגט: שניהם היו ביום אחד ובפרק אחד; די צוויי מעשיות זענען פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט און אין דעם זעלביקן טאָג. (תורת כהנים אמור, סנהדרין ע״ה) אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך, ביי דער מעשה פון דעם מגדף שטייט: ויביאו אותו אל משה וינחהו במשמר: מען האָט אים געברענגט און מען האָט אים איינגע־שפּאַרט. צו וואָס האָט די תורה אַזוי שטאַרק באַטאָנט דעם „אים״? מען ווייסט דאָך, אַז אים און נישט אַ צוויי־טן. דערויף זאָגט די גמרא: אותו ולא את המקושש עמו; מען האָט אים איינגעשפּאַרט אַליין, נישט צוזאַמען מיט דעם מקושש. דאָס מיינט, אַז ביידע זענען געווען אין איין טאָג. אָבער טראָץ דעם, וואָס משה רבינו האָט ביי ביידע געמאַכט אַ פראַגע און ער האָט זיי ביידע גע־דאַרפט איינשפּערן, האָט ער זיי נישט אַלע ביידע געגעבן אין איין תפיסה, נאָר יעדן באַזונדער.

עס איז באמת אַ רעטעניש, פאַרוואָס חז״ל האָבן אָט די צוויי זינדיקע לייט צונויפגעפּאָרט אין איינעם און באַהויפּטעט, אַז ביידע זענען פאָרגעקומען אין־איין טאָג? קודם, איז זייער שווער צו פאַרשטיין: מיר ווייסן, אַז גאַנ־צע 40 יאָר האָבן יידן געוואַנדערט אין דער מדבר. נו? איז במשך פון דער גאַנצער צייט נים פאָרגעקומען, קיין שום אַנדערער זינדיקער ייד, קיין שום חוטא, נאָר דער מקושש און דער מגדף? אויב עס זענען במשך פון דער גאַנצער צייט טאַקע נישט געווען מער קיין זינדיקע יידן,

נאָר די צוויי, ווי קומט דאָס, אַז די איינציקע צוויי זינ־דיקע האָבן זייערע זינד באַגאַנגען, גראַדע אויסגערעכנט אין דעם זעלביקן טאָג?

אָט דער פאַרוויקלטער ענין ווערט פאַר אונדז קלאָר, דורך אַן אַנדערע באַקאַנטע שטעלע פון דער גמרא. די גמרא דערציילט, אַז דער גרויסער רבי עקיבאָ האָט אַמאָל געהאַלטן אַ מאָדנע דרשה: די תורה דערציילט אַ מעשה, אַז עס איז געווען אַ מאַן, וואָס האָט געהייסן צלפחד בן חפר. ער האָט ניט געהאַט קיין זין, נאָר טעכטער. די טעכטער זענען געקומען פאַר משה רבינו און האָבן גע־טענהט: אונדזער פאָטער איז געשטאָרבן אין דער מדבר ער האָט קיין זין ניט געלאָזט. פאַרוואָס זאָל מען זיי ניט געבן ירושה, דאָס חלק לאַנד אין ארץ ישראל, וואָס זייער פאָטער וואָלט געווען גענומען, ווען ער וואָלט געווען געלעבט. רבי עקיבא האָט דערויף געזאָגט: ווייסט איר, ווער דער מאַן, דער צלפחד בן חפר איז געווען? דאָס איז געווען דער מקושש, אָט יענער וואָס האָט אַמאָל, אין דער מדבר, מחלל שבת געווען און מען האָט אים געהרגעט. רבי עקיבאָ האָט זיין באַהויפּטונג באַגרינדעט מיט דער פאָלגנדער דרשה. די טעכטער פון צלפחד האָבן גע־טענהט: אבינו מת במדבר; אונדזער פאָטער איז גע־שטאָרבן אין מדבר. צו וואָס האָבן זיי באַטאָנט דעם במ־דבר? מיר ווייסן דאָך אַליין, אַז עס איז אוודאי געשען אין דער מדבר. וואו דען אַנדערש, האָט עס געקענט פּאַ־סירן? דאָס גאַנצע חומש הייסט: במדבר און עס דער־

ציילט בלויז פון געשעעענישן, וואס זענען פארגעקומען אין מדבר. דערווארט במדבר איז דא איבעריק. ער לערנט אונדז, אז צלפחד איז געשטארבן דורך דער מעשה, וואס איז אמאל פארגעקומען אין דער מדבר. דאס מיינט די מעשה פון יענעם מקושש עצים ביום השבת, וואס האט פאסירט אין דער מדבר. פון דעם איז צו מערקן, אז צלפחד און דער מקושש דאס איז איין פערזאן.

ווייטער זאגט די גמרא, אז רבי יהודה בן בתירא האט זיך אויפגערעגט אויף רבי עקיבא; ער האט צו אים געזאגט בזה הלשון: עקיבא! בין כך ובין כך אתה עתיד ליתן את הדין; הער אוים, עקיבא! סיי ווי ועסטו געצוינגן ווערן צו פאראנטווארטונג פאר דיין באהויפטונג. איין מאל: אפילו עס זאל פאקטיש זיין אמת, אז צלפחד איז געווען דער מקושש, ווער בעט דיך, אז דו זאלסט דאס דערציילן? די תורה האט דאך זיכער געוואוסט, ווער דער מקושש איז געווען. אויב זי האט געפונען פאר נייטיק, נישט צו דערציילן זיין נאמען, צו וואס טוסטו דאס? דאן, אויב עס ניט אזוי: אויב צלפחד איז גאר ניט געווען דער מקושש, האסטו מיט א שפיצפינדיקער דרשה באשולדיקט אומזיסט אן אומשולדיקן מענטש אין א שווער פארברעכן, אין א פארברעכן פון חילול שבת.

ווען מען פארטיפט זיך אין דעם ענין, איז עס באמת שווער צו פארשטיין: ווי אזוי רבי עקיבא איז געקומען צו דער מאדנער דרשה, מיר נישט, דיר נישט, צו מאכן פון צלפחד בן חפר א מחלל שבת? ווי אזוי האט רבי

עקיבאַ אויפן גרונט פון וואָרט „במדבר" געקענט אַרויפ־וואַרפן די שווערע זינד פון חילול שבת, אויף עפעס אַ צלפחד בן חפר? עס איז אפילו אַ קעגן דעם, אונדז גוט באַקאַנטן, כאַראַקטער פון רבי עקיבאַ. ווי באַקאַנט, האָט רבי עקיבאַ זיך אויסגעדרוקט, אַז ואהבת לרעך כמוך, זה כלל גדול בתורה; דאָס הויפּט פּרינציפּ פון תורה איז: ליב צו האָבן דעם חבר, ווי זיך אַליין. פרעגט זיך אַ שאלה: הייסט דאָס ליב געהאַט זיין חבר, ווי זיך, ווען מען נעמט און מען וואַרפט אַרויף אויף אַ חבר, אַ שווער פאַרברעכן בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט אַן אויסגע־קליגלטן דרש?

דער ענין איז אָבער ניט אַזוי איינפאַך, ווי מען דענקט. מיר דאַרפן זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס עס איז אייגנטלעך געווען דער מאָטיוו פון יענעם מאַן, וואָס האָט אים שבת געקליבן האָלץ. אין דער מדבר, האָט מען קיין האָלץ נישט געדאַרפט; נישט צו הייצן, ווייל עס איז דאָרט געווען ענגוג היים; נישט צום בויען, ווייל אין דער מדבר האָבן יידן נישט געבויט; נישט צום קאָכן, ווייל מען האָט געלעבט מיט דעם מן. אויך קיין מעשה לה־כעים, כדי צו ווייזן אַז ער איז מחלל שבת, איז עס נישט געווען. אויב מעשה להכעים, האָט ער געקענט זיך אויס־געפינען עפעס אַ שטאַרקערע עבירה, ווי קלויבן האָלץ. דער מדרש זאָגט דערפאַר: מקושש לשם שמים נתכוין: דער מקושש האָט גאָר געמיינט פאַר ג־ט וועגן. ער האָט געהערט, ווי יידן רעדן צווישן זיך, אַז עס נישט געפער־

לעך; מען מעג טאָן עבירות און עס וועט גאָר נישט געשען. זייענדיק אַ פרומער ייד, האָט ער געהאַלטן, אַז מען מוז קעגן אַזאַ שיטה פּראָטעסטירן. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז דער פּראָטעסט קעגן אַזאַ שיטה, מוז זיך אויסדרוקן אין מעשים, אין פאַקטן. מען מוז אַזאַ מיינונג דעמאָנסטראַטיוו באַקעמפן. ער האָט באַשלאָסן מפקיר צו זיין, זיין לעבן; אַליין מחלל שבת צו זיין, כדי צו ווייזן, אַז פאַר חילול שבת הרגעט מען און מיט דעם אָנלערנען דעם עולם, ניט צו טאָן קיין עבירות.

רבי עקיבאַ האָט דערפאַר גאָר קיין באַשולדיקונג נישט געוואָרפן אויף צלפחד בן חפר, נאָר פאַרקערט: אים אַריינגעשטעלט צווישן די, וואָס האָבן געהאַט מסירת נפש פאַר קיום התורה. אָבער רבי יהודה בן בתירה זאָגט אים, אַז סוף סוף איז דאָך דער מקושש פאַראורטיילט געוואָרן אַלס אַ חוטא, אַלס אַ זינדיקער; סוף סוף איז דאָס נישט דער יידישער וועג, צו מאַכן דעמאָנסטראַציעס, צו הרגענען זיך, אָדער יענעם, פאַר עבירות. מיט הרגענען זיך אַליין, אָדער יענעם, ברענגט מען ניט קיין יידן צו יידישקייט. וואָס די כוונה פון מקושש האָט אַלץ געקענט זיין, זיין טאַט איז פאַרדאַמט געוואָרן און ער איז אויף אייביק אין דער תורה, דערקלערט געוואָרן אַלס אַ הוטא.

מיט כוונה האָבן דערפאַר אונדזערע חכמים צונויפגעפאָרט די מעשה פון דעם מגדף מיט דער מעשה פון דעם מקושש. צווישן ששים רבוא יידן, זענען אין משך פון 40 יאָר בוודאי געווען גענוג זינדיקע יחידים. פון זיי

רעדט מען נישט. ווען זיי דערציילט מען נישט. דער מגדף און דער מקושש אָבער, זענען ניט געווען קיין פּוס־טע זינדיקע מענטשן. די צוויי מעשיות זענען אין אונ־דזער תורה פּאַראַייביקט געוואָרן, ווייל דאָ האַנדלט זיך נישט אין קיין פּערזענלעכע זינדיקער, נאָר אין צוויי שיטות, וואָס די צוויי פּערזאָנען האָבן רעפּרעזענטירט. דאָס זענען געווען צוויי עקסטרעמע שיטות, וואָס האָבן עקזיסטירט און עקזיסטירן ביז היינט ביי אונדז, יידן. פון איין זייט אַ מגדף, וועלכער לעסטערט ג־טס נאָמען. ער וויל נישט וויסן פון קיין ג־ט. ער אָנערקענט נישט קיין גלויבן, קיין מצוות און קיין עבירות. פון אַ צווייטער זייט אַ מקושש, וועלכער האַלט, אַז מען דאַרף מאַכן דעמאָנסטראַציעס און זיך הרגענען, כדי דערמיט צו צווינ־גען, נישט עובר צו זיין אויף קיין עבירות.

ווען עס האַנדלט זיך אין שיטות, וויל אפילו משה רבינו אַליין נישט דעצידירן. ער שפּערט זיי ביידע איין אָבער נישט צוזאַמען, ווייל זיי זענען וויטע עקסטרע־מען. ער פרעגט ביים רבש״ע און דער פּסק לויטעט, אַז ביידע זענען זינדיקע, זענען חוטאים. דער מגדף איז אַ שמוציקער ג־ט לעסטערער; דער מקושש ווענדעט אָן פאַלשע מיטלען. ער האַלט, אַז דער צוועק הייליקט די מיטלען... דער קיום התורה, קומט נישט מיט זיך אַרומ־הרגענען, נאָר מיט אויפקלערונג, מיט לערנען, מיט פאַר־ברייטערן דאָס הערלעכע ליכט פון אונדזער הייליקער תורה. דאָס איז אַן אייביקער אמת וועגן יידישקייט.

בהר־בחקותי

ווידער האָבן מיר צוויי סדרות, וואָס גייען צוזאַמען. היינטיקן שבת, לייענען מיר די סדרה פון בהר און די סדרה פון בחוקותי. אין פלוג דאַכט זיך, אַז די צוויי סדרות האָבן קיין שום שייכות נישט צווישן זיך; אַז אינ־האַלטלעך זענען זיי גאָר ווייט איינע פון דער צווייטער. אָבער, נאָך אַ טיפערן אַריינבליק געפינען מיר די פאַר־בינדונג און דעם צוזאַמענהאַנג פון דיביידע סדרות.

די סדרה פון בהר, לערנט אונדז: די דינים פון שמיטה, די דינים פון יובל, די יידישע אַגראַר געזעצן און די יידישע סאָציאַלע אָרדענונג. די סדרה פון בחוקותי, רעדט אין אַלגעמיינעם: פון לערנען תורה, פון לעבן לויט די געזעצן פון תורה און פון היטן די מצוות. מיט דער סדרה פון בחוקותי, פאַרענדיקט זיך דאָס דריטע חומשל פון דער תורה. דער אינהאַלט פון דער סדרה איז אין קורצן: די פסוקים שילדערן דאָס גליקלעכע, ברכהדיקע לעבן, וואָס יידן וועלן האָבן, ווען זיי וועלן היטן די תורה און לעבן לויט אירע פאַרשריפטן. זיי וועלן האָבן: רייכ־טום, זיכערקייט, שלום און כל טוב, אין זייער גשמיות־

דיקן, טאָגטעגלעכן לעבן. דאַן קומט אַ לאַנגער שרעק־לעכער קאַפּיטל פון צרות, פּיין, ליידן, קראַנקהייטן און פּיזישע יסורים, וואָס וועלן קומען אויף יידן, אויב זיי וועלן נישט לעבן מיט די געזעצן פון תורה.

ווען מען שטודירט די פּסוקים פון דער היינטיקער סדרה, אַזוי די פּסוקים, וואָס רעדן פון ברכות, ווי אויך די פּסוקים, וואָס רעדן פון קללות, איבערציייגט מען זיך, אַז אונדזער תורה האָט דאָ פאַרויסגעזאָגט אַ טעאָריע, וועלכע איז אַ ביסל אומפאַרשטענדלעך. דער טיפערער אינהאַלט פון דער היינטיקער סדרה איז, אַז עס איז פאַראַן אַ פעסטע פאַרבינדונג צווישן דעם אינערן לעבן פון דעם מענטש און דער דרויסנדיקער וועלט. וועלט און מענטש, זענען עפּעס ווי געבונדן איינער צום צווייטן. די אויפפירונג פון דעם מענטש, ווירקט אויף דער דרויסנ־דיקער נאַטור פון דער וועלט. אין אַנדערע ווערטער: דאָס איידעלע לעבן פון אַ מענטש, זיטן, מאָראַל און אַנטשטענ־דיקייט ברענגען ברכות פון דער נאַטור. אויסגעלאַסנקייט און פאַרדאָרבנקייט פון דעם מענטש, ברענגען קללות פון דער נאַטור. מענטשלעכע חטאים און דרויסנדיקע קללות, זענען אין אונדזער סדרה פאַרבונדן מיט אַ פאַר־העלטעניש פון אורזאַך און קאָנסעקווענץ. מענטשלעכע אַנשטענדיקייט און ברכות פון דער דרויסנדיקער נאַטור, זענען געבונדן איינע מיט דער צווייטער.

אַזאַ טעאָריע, איז אַ ביסל שווער צו באַגרייפן. מיר קענען לייכט פאַרשטיין אַז אַ מענטש קען באַקומען אַ באַ־

ליונונג פאַר גוטע מעשים און קען באַקומען אַ שטראָף פאַר זינד. אָבער, אַז ברכות פון דער נאַטור און קללות פון דעם דרויסן, זאָלן זיין אַ נאַטירלעכע קאָנסעקווענץ פון מענטש־לעכע מעשים, דאָס איז נישט אַזוי לייכט אויפצופאַסן.

ערשט מאָדערנע וויסנשאַפט באַשטעטיקט די טעאָ־ריע. פסיכאָלאָגיע פון אונדזער צייט דערנענטערט זיך וואָס אַמאָל מער צו דער שיטה, אַז עטיק, מאָראַל און זיטן, זענען איינגעבוירן אין די מענטשלעכער נאַטור. עטיק און זיטן זענען ביים מענטש פונקט אַזוי נאַטיר־לעך, ווי אַנדערע איינגעשאַפטן, וואָס דער מענטש האָט פון זיין געבוירנהייט. אין קורצע ווערטער: לויט דער דאָזיקער שיטה, זענען מאָראַל, עטיק און זיטן, אַ נאַ־טירלעכע נויטווענדיקייט ביים מענטש, פונקט ווי עסן און טרינקען, אָדער ווי רו און באַוועגונג. יעדער מענטש ווייסט, אַז אויב ער זאָל זינדיקן קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, בנוגע צו עסן אָדער טרינקען וכדומה. וואָלטן די זינד זיך נוקם געווען אין אים און וואָלטן ביי אים פאַר־אורזאַכט פאַרניכטונג און אונטערגאַנג. דאָס זעלבע איז אויך ביי זינד קעגן עטיק, מאָראַל און זיטן. אויך די זינד פון דעם כאַראַקטער, מוזן נאָך זיך ברענגען פאַרניכטונג און אונטערגאַנג פון דעם מענטש, ווייל אויך די זינד זענען קעגן דער נאַטור פון דעם מענטש. אָט איז היינט למשל אַלגעמיין באַקאַנט, אַז אַ סך פיזישע, קערפּערלע־כע קראַנקהייטן שטאַמען פון געוויסע פסיכישע דעפעקטן. אויב אַזוי פאַרוואָס זאָלן זינד קעגן דער פסיכישער נאַטור

פון דעם מענטש, נישט קענען פאַראורזאַכן די זעלבע קאָנסעקווענצן, ווי די זינד קעגן דער פיזישער נאַטור פון דעם מענטש? .

אָט דעם פאַרוויקלטן ענין, האָבן אונדזערע חכמים דערקלערט גאָר פשוט. עס איז כלל נישט נייטיק אויפ־צווייזן, אַז דאָס הויפּט ציל און הויפּט תכלית פון דעם מענטשלעכן לעבן. איז צו געפינען גליק און צו האָבן אַ גליקלעך לעבן. אויב אַ מענטש האָט נישט קיין גליק אין לעבן, דאַמאָלס איז: טוב לו שלא נברא משנברא; זיין לעבן האָט נישט קיין זין, קיין ווערט און קיין תכלית. עס קענען דאַמאָלס נישט העלפן: קיין פאַרמעגנס, קיין תענוגים, קיין שום גרויסע פאַרגעניגנס. אָן גליק, איז דאָס לעבן דאָ אויף דער וועלט אַ גיהנום. אויב דער זין און תכלית פון לעבן, איז צו דערגרייכן גליק, פרעגט זיך אַ שאלה: וואָס איז די סיבה; וועלכעס איז דער הויפּט־שטער, וואָס ברענגט צו דעם, אַז זייער ווייניק מענטשן זענען גליקלעך און זייער ווייניק מענטשן דערגרייכן דעם ציל פון לעבן?

חז״ל באַהויפּטן, אַז עס זענען פאַראַן דרייערליי סי־בות דערצו. 1) אורזאַכן פון אַ ריין פיזישן כאַראַקטער, וואָס זענען פאַראַן אין יעדן מענטש. 2) אורזאַכן פון פסיכישן כאַראַקטער וועלכע לויערן אויף יעדן מענטש. 3) אורזאַכן, וועלכע שטאַמען פון דעם דרויסן און זענען נישט אָפּהענגיק פון דעם מענטש אַליין.

צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערן אַלערליי פּי־

זישע דאגות פון א מענטש; אלערליי מיני קראנקהייטן און חולאתן, וואס באפאלן יעדן מענטש; זיי ברענגען אויף אים פארשיידענע יסורים און ליידן. פארשטייט זיך, אז א מענטש, וואס לעבט אין יסורים און אין ליידן, קען נישט זיין גליקלעך. אויסער קראנקהייטן זענען פאראן פיזישע יסורים פון אן אנדער מין דהיינו: פרנסה. אויב א מענטש הונגערט; ער האט נישט צו עסן, אדער ער מוז זייער שווער ארבעטן צו פארדינען זיין פיזישן דערהאלט, האט ער אויך יסורים און קען נישט גליקלעך זיין.

צו דער צווייטער קאטעגאריע געהערן אלערליי מיני פסיכישע ליידן פון דעם מענטש, ווי למשל: פחד, מורא און שרעק. א מענטש קען זיין פיזיש געזונט און האבן זיין פרנסה, דאך זאל ער זיין אומגליקלעך: ער שרעקט זיך פאר שלעכטע מענטשן, פאר שטארקערע פון אים; ער שרעקט זיך פאר שלעכטער סאציאלער ארדענונג. ער פילט זיך נישט זיכער. ער האט נישט קיין מנוחה. עס פעלט אים די גייסטיקע רו און ער האט נישט קיין גליק אין לעבן. צולעצט קומט א דריטע סיבה, וועלכע איז גאר נישט אפהענגיק פון דעם מענטש. זי איז אין גאנצן א דרויסנדיקע. דאס איז, דער טויט. א מענטש קען זיין רייך און געזונט און פאר קיינעם נישט קיין מורא האבן און דאך זיין אומגליקלעך. ער דערמאנט זיך, אין דעם עלנדן סוף פון א מענטש. ער זעט פאר זיך דאס בילד פון א פינצטערן קבר מיט ווערים, וואס פרעסן דעם מענטש־לעכן גוף, נאך זיין אפשטארבן וכדומה. דאס אליין, גע־

נוגט, אַז דער מענטש זאָל אַריינפאַלן אין אַ שטימונג פון יאוש און אומגליקלעכקייט. אָט דאָס זענען די סיבות, וואָס דערלאָזן נישט דעם מענטש צו זיין גליקלעך און דערפאַר פאַרלירט ער דעם תכלית און ציל פון לעבן.

אין אַלע צייטן, האָבן גרויסע חכמים און דענקער געזוכט צו געפינען מיטלען, ווי אַזוי צו באַזייטיקן די סיבות פון די מענטשלעכע אומגליקן. עס איז זיי קיין מאָל נישט געלינגען. ביז היינט, עקזיסטירן אַלץ די דריי־ערליי אורזאַכן, וועלכע ברענגען אומגליק צו דער מענטשהייט.

אין קורצע ווערטער באַהויפטן חז״ל, אַז מאַראַל, עטיק און זיטלעך לעבן, לויט דער יידישער תורה, זענען די אמתע רפואה צו אַלע ליידן און במילא ברענגען זיי דעם תכלית און דאָס גליק פאַר דעם מענטש.

אַ ייד, וואָס לעבט על פי תורה גיט קודם כל אַכטונג אויף זיין עסן און אויף זיין טרינקען. מיט דעם אַליין ווערט ער אָפּגעהיט פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן. אָפּ־היטן פון קראַנקהייטן, מיינט נים זיך אויסצוהיילן פון אַ חולאת, נאָר צו לעבן אַזוי, אַז מען זאָל זיך נישט דאַרפן צו היילן. אַ ייד, וואָס לעבט על פי תורה, ליידט נישט קיין יסורים, אפילו ווען ער האָט נישט קיין פּר־נסה ברייווח. ער באַגנוגנט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט. אין קלאָרע ווערטער זאָגט דער פסוק אין דער היינטיקער סדרה: ונתתי לחמכם לשובע; איך וועל אייך געבן אייער שפּייז צו דער זעט. רש״י זאָגט: אוכל קמעא ומתברך

במיעיו; איר וועט עסן אַ ביסל שפּייז, וואָס וועט אייך געבן די פאַלשטענדיקע נאַרונג. ווען אַ מענטש זאָל עסן נאָר דאָס, וואָס ער דאַרף אויף צו דערהאַלטן זיין גוף, וואָלט ער קיין מאָל ניט קראַנק געוואָרן. אויך ווען אַ מענטש זאָל פאַרברויכן נאָר דאָס, וואָס ער באַדאַרף און ניט מער, וואָלט קיין מאָל קיינעם נישט געפעלט קיין פּרנסה. אַלע פיזישע יסורים, וואָלטן דאַן אויף אַ נאַטיר־לעכן אופן פאַרשוואונדן פון דער וועלט. אפילו אַן אומ־גליק, וואָס וואָלט אַמאָל פּאַסירט, וואָלט אויך קיין יסורים נישט פאַרשאַפט. אַ גלויביקער ייד נעמט אַן אַלעס באַ־הבה.

די גמרא דערציילט: הלל הנשיא איז אַמאָל אַהיימגע־קומען פון אַ רייזע. אַריינקומענדיק אין זיין שטאָט, האָט ער דערהערט אַ יאָמערלעך, אומגליקלעך קול פון אַ הויז. ער האָט תיכף באַמערקט, אַז ער איז זיכער, אַז די אומ־גליקלעכע שטימע שטאַמט נישט פון זיין הויז. די גמרא זאָגט, אַז הללס גרויסער בטחון האָט אים געבראַנגט צו דעם אָפּטימיזם. די מפרשים שטעלן זיך אָבער אָפּ און פרעגן: פון וואַנען האָט זיך גענומען די פעסטע זיכער־קייט צו הלל, אַז עס איז נישט געשען אין זיין הויז? זיי פאַרענטפערן, אַז דער פשט איז גאָר אַנדערש. הלל האָט געזאָגט, אַז זיכער איז עס נישט פון זיין הויז, ווייל ביי אים, אפילו עס זאָל עפּעס חלילה פּאַסירן, וועט קיינער נישט אַזוי יאָמערלעך שרייען. מען האָט בטחון אין ג־ט און מען נעמט דאָס שלעכטע אויך באהבה, אַן אַ געשריי.

פון דעם איז צו זען, אַז לעבן על פי תורה פאַרהיט נאַטירלעך פון אַלע פיזישע ליידן. בנוגע צו פסיכישע ליי־דן, פאַרשטייט זיך גאָר פשוט, אַז ווען מענטשן זאָלן לעבן מאָראַליש, וואָלט קיינער קיינעם קיין שלעכטס נישט מע־טאָן און קיינער וואָלט קיינמאָל קיין מורא נישט באַ־דאַרפט צו האָבן. ווען עס וואָלט געהערשט עטיק אין דער וועלט, וואָלט די סאָציאַלע אָרדענונג געווען אַ גערעכטע; קיין שעבוד מלכיות, וואָלט נישט עקזיסטירט; מנוחה וואָלט געווען איבעראַל און מענטשן וואָלטן געלעבט גליק־לעך. תורה איז דערפאַר אַ רפואה אויך פאַר פסיכישע ליידן.

ענדלעך, ווען מען לעבט אין גייסט פון תורה. שרעקט מען זיך נישט פאַר דעם טויט. עס שטאַרבט בלויז דער גוף, אָבער די נשמה לעבט. דאָס ברענגט גליק און תכלית פון לעבן. רבי יוחנן זאָגט דערפאַר, אַז לעבן על פי תורה ברענגט: חירות מן היסורין, חירות מן המלכיות וחירות מן המלאך המות; אַ ייד, וואָס לעבט מיט תורה איז פריי פון יסורים; קיין שום יסורים, שטערן אים נישט צו דעם תכלית פון לעבן: חירות ממלכיות, ער האָט קיין פחד נישט; חירות ממלאך המות, דער טויט שרעקט אים נית. דאָס איז דער סוד פון די צוויי סדרות פון בהר און בחו־קותי. ווען יידן וועלן איינפירן זייער סאָציאַל און אינ־דיווידועל לעבן, לויט די פאַרשריפטן פון דער תורה, ווע־לן זיי האָבן די נאַטירלעכע קאָנסעקווענצן: גליק אין לעבן און דעם תכלית פון לעבן.

במדבר

דער פערטער חומש פון דער תורה, הייסט במדבר. ער אנטהאלט אין זיך, אויסער מצוות און דינים, אויך א גאנצע צאל פון היסטארישע פאסירונגען, וואס זיינען פארגעקומען, בעת יידן האבן געוואנדערט אין דער מד־בר. אין דעם חומש ווערט דערציילט פון צוזאמענשטויסן, וואס האבן פאסירט צווישן יידן און פארשידענע פעל־קער, (עמון, מואב, אדום און אמורי) וועלכע האבן גע־וואלט שטערן די יידן אין זייער וועג צום לאנד כנען. בעיקר אבער שילדערט דער חומש די פארשידענע רע־וואלוציעס, וואס זיינען פארגעקומען אין יידישן לאגער גופא. די דאזיקע רעוואלוציעס ווערן געשילדערט אין אויפברויזנדיקע דערציילונגען, וועלכע האבן פארשידענע נעמען: אספסוף, מתאוננים, מתאוים, מרגלים, עדת קרח און א. וו. אלע אויפשטאנדן האבן געהאט איין ציל: צו פארשאפן צרות אין דער יידישער מחנה און צו רעוואל־טירן קעגן דער פירונג פון משה רבינו.

אין דער היינטיקער סדרה איז פאראן דער באפעל פון

הקב"ה צו משה רבינו, ער זאָל איינאָרדענען אַ דיסציפּלין. יעדער שבט זאָל האָבן זיין פאָן און זיין עלטסטן, כדי אָרדענונג און אָרגאַניזאַציע זאָל הערשן אין דעם יידישן לאַגער.

זאָגט דער מדרש, אַז משה רבינו, דערהערנדיק דעם באַפעל פון השי"ת צו מאַכן פאָנען און אויסוויילן עלטסטע פאַר יעדן שבט, התחיל משה מיצר; האָט משה, — הייסט עס — זיך שטאַרק דערשראָקן, ואמר עכשו עתידה היא המחלוקת להנתן בישראל. ער האָט זיך געטראַכט: פּרעזידענטן און פאָנען! אָט דאָס, וועט ערשט אַרויסרופן דער אמתן מחלוקת. משה רבינו האָט גוט געוווסט, וואָס פאַראַ צרות ער ליידט פון דער פּאַרטייאישקייט ביי יידן; איצט הערט ער נאָר, אַז יעדע פּאַרטיי זאָל האָבן אַ אייגענע פאָן מיט אַן אייגענעם פירער, דאָס וועט ברענגען די ריכטיקע צרה. יעדע גרופּע וועט וועלן דווקא זיין די ערשטע; יעדע פאָן וועט וועלן דווקא זיין דאָס אויבערשטע פון שטייסל. אם אני אומר לשבט זה שישרה בדרום הוא אומר אי אפשי אלא במזרח; ווען איר וועל אַ געווויסן שבט זאָגן, אַז זיין פּלאַץ איז אויף דרום-זייט, וועט ער ענטפערן, אַז ער וויל נאָר דעם מזרח.

דער מדרש זאָגט, אַז ווען משה רבינו איז געווען אַזוי שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם, אַז יידן וועלן זיך נישט קענען פאַראייניקן ביים טראָגן דעם משכן, דאַמאָלס האָט אים הקב"ה געענטפערט„ שרעק זיך נישט! טכסים יש להם מיעקב אביהם, כמו שהקיפו את מיטתו כך יקיפו

את המשכן; פאַראַן ביי די יידישע קינדער פון לאַנג, אַן אָנגענומענער דיסציפּלינירטער סדר; אַזוי ווי זיי זיינען געווען פאַראייניקט ביים טראָגן דעם אָרון מיט זייער פאַר־שטאָרבענעם פאָטער יעקב, אַזוי זאָלן זיי זיך פאַראייניקן ביים טראָגן דעם משכן.

וואָס איז די כוונה פון דעם מדרש? וואָס הייסט דאָס, אַז אַזוי ווי זיינען געווען פאַראייניקט ביים ארון פון דעם טויטן יעקב, אַזוי זאָלן זיי זיין פאַראייניקט ביים ארון פון משכן?

איינער פון אונדזערע רבנים באַמערקט, אַז דער העַ־ברעאישער וואָרט אָרון ווערט באַנוצט פאַר צוויי באַדיי־טונגען. אָרון מיינט אַן אָרון הקודש, וווּ עס שטייען די ספרי תורות; און אָרון מיינט אויך דעם קאַסטן, אין וועל־כן מען טראָגט אַ מת.

אין אַמאָליקע צייטן איז דער ארון הקודש געווען פאַר יידן דאָס איינציקע מיטל, וואָס האָט פאַראייניקט יידי־שע קינדער. אין דרויסן האָט מען זיך געקריגט, געהאַט פאַרשידענע חילוקי דיעות, אָבער אין שול, ביים ספר תורה זיינען אַלע געווען פאַראייניקט. היינט איז דער ארון הקודש ליידער נישט מער קיין פאַראייניקונגס מיטל ביי יידן; פאַרקערט, די גרעסטע מהלוקתן קומען פאַר דווקא אין שול און דווקא ביים ארון הקודש. דערפאַר פאַראיי־ניקט היינט די יידישע קינדער אַן אַנדערער ארון, דער אָרון פון אַ מת. ווען מען שטייט אין אַנגעזיכט פון ארון מיט אַ מת, זיינען אַלע שטיל. דער טויט פאַראייניקט

אַלעמען. אויף דעם בית הקברות איז קיין מחלוקת נישט־
טאָ.

ווען משה רבינו האָט מורא: יידן וועלן זיך נישט פאַראייניקן, ביי די הייליקע אידעאַלן, ביים משכן, ביים ארון הקודש, זאָגט אים הקב״ה; דערמאָן זיי, אַז ביים טויטן יעקב, ביי דער מטה פון דעם פאַרשטאָרבענעם, האָבן זיי זיך שוין גאַנץ גענוי פאַראייניקט. אויב דער טויט קען זיי פאַראייניקן, צו וואָס וואַרטן אויף אַ מטה פון אַ מת, פאַרוואָס זאָל אַ לעבעדיקער אידעאַל, זיי ניט קענען פאַראייניקן?

עס ווערט דערציילט אַ וויץ: חסידים זיצן אַמאָל אין בית המדרש און שמועסן חסידות. ווי געוויינלעך מאַכט מען ביי אַזאַ שמועס, אַ לחיים. דער שמועס איז אָבער אַ לאַנגער און דער בראָנפן איז אויסגעגאַנגען און מען דאַרף אַ פרישן טרונק. ביי קיינעם פון זיי אין נישטאָ אַ גראָשן אין טאַש, צו קענען קויפן בראָנפן. וואָס טוט מען? העלפט ג־ט! אין קלויז אַריין קומט אָן חיימל, אַ יונגער מאַן, ערשט נאָך דער חתונה, ער עסט קעסט און האָט נאָך דעם גאַנצן נדן. שטעלט זיך אויף איינער פון די אַלטע חסידים, און טוט אַ זאָג: הער נאר חיימל, נעם אַרויס צען גראשן און שיק נאָך בראָנפן! — פאַרוואָס עפּעס איך? פרעגט חיימל. — פאַרוואָס דו? ווייל דו האָסט יאַרצייט נאָך דיין טאַטן! ענטפערט דער חסיד. — נאָך מיין טאַטן? שרייט אוים חיימל! וואָס מיר האָט זיך געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט... מיין טאַטע לעבט

ב"ה ער זאָל לעבן. וואָס פאַרא רייד זיינען דאָס עפּעס?

אַזוי? מאַכט דער אַלטער חסיד, און דיינע רייד האָבן עפּעס אַ זין? באַרעכן נאַר, וואָס דו זאָגסט: דיין טאַטע לעבט, דערפאַר שיקסט דו נישט נאָך קיין בראַנפן. דאָס הייסט, אַז ווען ער וואָלט געווען אַ געשטאָרבענער און דו וואָלסט היינט געהאַט יאָרצייט, וואָלסטו שוין יאָ געשיקט נאָך בראַנפן. אויב אַזוי, וואָס ארט דאָס דיך. אַז דיין טאַטע לעבט? ער זאָל לעבן, צו וואָס עפּעס ווארטן אויף זיין טויט, נעם טאַקע שוין און שיק נאָך בראַנפן.

יידישע קינדער פאַראייניקן זיך בלויז אין אַן עת צרה: ווען דער שונא שטייט אים אויף דעם רוקן, אָדער חלילה ביי אַ טראַגישן טויטפאַל. אין גוטע זיינען קיין מחלוקת נישט געווען. נישט קיין פּאַרטייען און נישט קיין פאַנען. ווען דאָס יידישע פאָלק, דער עם חכם ונבון, זאָל נאָך האָבן אַ קאפּיטשקע שכל און זיך באַרעכענען: צו וואָס עפּעס ווארטן אויף אַ טראַגעדיע, אויף אַ היטלער, אויף אַ מטה פון אַ מת? נישט בעסער, זיך צו פאַראייניקן ביים ארון הקודש, ביים אידעאַל, ביי יידישקייט, ביי יידישער תורה און יידישן וויסן?

שוין די ערשטע קינדער פון יעקב אבינו זיינען געווען געשטראָפט מיט דער אייגענשאַפט. אַזוי ווי עס איז נאָר געקומען דער **וישב יעקב,** יעקב האָט זיך באַזעצט, ער האָט זיך באַרואיקט פון זיין נע ונדקייט און זיך איינגעריכטעט, איז באַלד אַרויסגעשפּרונגען דער רוגזו של יוסף, האָבן באַלד זיינע קינדער אָנגעהויבן די רכילותן און די

קריגערייען. ערשט ווען זיי שטייען פאַר אַ מצרישן שני למלך, וואָס באַשולדיקט זיי אין שפּיאָנאַזש און וויל זיי פאַרהאַפטן, דאַמאָלט ברעכן זיי אויס אין אַ געוויין: אבל אשמים אנחנו על אחינו; מיר זיינען שולדיק, — באַקענען זיי זיך — וואָס מיר האָבן זיך געהרגט צווישן זיך. ווען עס שטאַרבט דער אַלטער יעקב און זיי האָבן מורא, יוסף זאָל זיך אין זיי נישט נוקם זיין, פאַראייניקן זיי זיך ווידער. אין מצרים ווען די שקלאַפעריי האָט דערגרייכט ביז צום שרעקלעכסטן גראַד, האָבן זיי זיך אויך פאַראייניקט. אָבער תיכף אין ערשטן יאָר מדבר, ווען עס איז געווען מן צו עסן, בארה של מרים צו טרינקען און פייגעל צו בראָטן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה, מיט מתאוננים, מיט מרגלים און מיט אַ קרח און אַזוי ווייטער.

ביז אויף דעם היינטיקן טאָג איז עס ליידער אַ פאַקט, אַז שווער, זייער שווער איז צו פאַראייניקן יידן אַרום אַ שיטה, אַרום אַן אידעע, אָדער אַרום עפּעס אַ הייליקע פּאָזיטיווע אַרבעט. זיי פאַראייניקן זיך בלויז אין אַ עת צרה. אפילו אַזאַ זאַך, ווי אַן אַלגעמיינעם קאַמפּיין, אַן אַלגעמיינע צדקה אַקציע, קען מען קיין פאַראייניקטע נישט שאַפן, נאָר דאַמאָלט ווען עס האַנדלט זיך אין אַ רעטונגס־אַקציע, אין מציל זיין פון אַ צרה. די העכסטע צייט איז אַ קלער צו טאָן: אפשר טאַקע זיך פאַראייניקן אָן אַ צרה, וואָס וואָלט באמת אָפּגעהיט פון אַ סך, גאָר אַ סך צרות. הלוואי!

נשא

אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואך באגעגענען מיר זיך מיט אן אומפארשטענדלעכער צוזאמענשטעלונג פון דריי פרשיות, וועלכע האבן — דאכט זיך — קיין שום שייכות נישט, איינע צו דער צווייטער.

קודם קומט די פרשה פון א סוטה, — פון א מאראליש-געפאלענע פרוי. דאן שטייט די פרשה פון א נזיר, — פון א מענטש, וועלכער נעמט אויף זיך א לעבן פון אסקעטיזם, פון אפזאגן זיך פון דער וועלט און ניט גע־ניסן פון עולם הזה. צולעצט קומט די פרשה פון ברכת כוהנים, — פון דער פליכט, וואס די כהנים האבן געהאט צו בענטשן דאס יידישע פאלק, אין נאמען פון ג-ט ב"ה.

האט די גמרא טאקע זיך אפגעשטעלט, אויף דער דא־זיקער סמיכת הפרשיות. די גמרא פרעגט: וכי מה ענין נזיר לפרשת סוטה? וואס פאר א שייכות האט א נזיר צו א סוטה; וואס פאר א באדייטונג האט די נעבענאנאנדער שטעלונג פון אט די צוויי פרשיות? ווי מיר ווייסן האט יעדעס פינטעלע אין אונדזער תורה, א געוויסע כוונה און

אַ געוויסן טעם. אויך די צונויפשטעלונג פון די פרשיות האָט אַ געוויסן מאָטיוו. דערפאַר פרעגט די גמרא: ווי קומט די פרשה פון דעם נזיר צו דער פרשה פון דער סוטה? ענטפערט דאָן די גמרא: לומר לך שכל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין; ווען איינער זעט די מאָראַלישע געפאַלנקייט פון אַ הפקר פרוי, זאָגט ער זיך אָפּ פון ווייַן און שיידעט זיך אָפּ פון דעם עולם הזה.

וואָס מיינט דאָ די גמרא?

פאַרטיפנדיק זיך אין די ווערטער פון חז״ל געפינען מיר דאָ, דעם אַזוי גערופענעם שליסל צו יידישקייט. אויף אַ סך שטעלן אין גמרא און אין מדרש געפינען מיר, אַז לויט חז״ל מיינט יידישקייט: צו לעבן אַ לעבן, וואָס איז אַ סינטעז פון גוף און נשמה. בלויז גוף, בלויז תאווה און בלויז קערפערלעכקייט איז אַ זינד. אויך בלויז נשמה, בלויז גייסט, בלויז רוחניות איז אַ זינד; אָפּזאָגן זיך פון קערפערלעכקייט איז אַ שווערע זינד. תורה לא בשמים היא. די תורה איז געגעבן געוואָרן, ניט צו קיין מלאכים אין הימעל, נאָר צו מענטשן מיט אַ מענטשלעך לעבן. ווען מען לעבט אַן אסקעטיש לעבן, אָן עולם הזה, קען מען קיין תורה גאָר נישט מקיים זיין, ווייל תורה באַציט זיך: אויף עסן, אויף טרינקן, אויף דעם געניסן פון דער וועלט און נישט אויף אָפּזאָגן זיך פון דער וועלט. אויב אַ מענטש אַנטלויפט פון דעם לעבן, פון דער לעבנספרייד און לעבנספאַרגעניגונגען איז ער אַ חוטא, איז ער אַ זינדיקער.

יידישקייט באַשטייט אין דעם, צו קענען אויסלייטערן אין זיך די חיהשע אינסטינקטן און צוימען די ווילדע ליידנשאַפטן, אַזוי אַז דאָס עולם הזהדיקע לעבן. זאָל זיין בקדושה ובטהרה; מיט ליבשאַפט צו ג־ט און צו מענטשן.

ליידער פאַרשטייט די גרויסע וועלט ביז היינט נאָך נישט דעם סוד פון דעם יידישן לעבנסשטייגער. דערפאַר באַגעגנט מען אין דער היינטיקער מאָדערנער וועלט טאַקע נישט מער, ווי די צוויי טיפּן: אָדער אַ סוטה, אָדער אַ נזיר. אָדער אַ סוטה, וואָס איז דער סימבאָל פון מאָראַלישער ירידה, פון תאווה און געפאַלנקייט; מען באַגעגנט הפקרדיק לעבן, שכרות, גניבה און רציחה. פון אַ צווייטער זייט געפינט מען אַ נזיר, וואָס איז דער סימבאָל פון אַסקעטיזם, פון זיך פאַרשליסן אין מאָנאַסטירן, אין קלויסטערס און זיך אָפּזונדערן פון דער וועלט.

סוטה מיינט הפקרדיקע געפאַלנקייט און נזיר מיינט פאַנאַטיזם; אַרומגיין באָרוועס און לעבן אין פאַרשלאָסענע אינסטיטוציעס.

מיר יידן האָבן אַלס פאָלק אַליין מיטגעמאַכט אַזעלכע צוויי עפּאָכן. ווען מיר האָבן געלעבט אין אונדזער אייגענעם לאַנד אין ארץ ישראל, האָבן מיר געהאַט צייטן פון דעם ערשטן מקדש און צייטן פון דעם צווייטן מקדש. אין די צייטן פון דעם ערשטן מקדש, האָבן מיר געליטן פון דעם קלאַס מענטשן, וואָס האָט זיך נאָכגעגעבן אַלע תאוות. „איכה היתה לזונה", זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין שכרות, אין שוואוילטאָג און אין הפקרדיקע פאַרגע־

ניגנס. זיי האָבן עובר געווען אויף ע״ז, גילוי עריות און שפ״ד. יידן זיינען דאַמאָלס געווען מאָראַליש געפאַלן. אין צייטן פון צווייטן מקדש זיינען יידן מאָראַליש גע־שטאַנען זייער הויך, צו הויך, אַזוי אַז עס האָבן זיך ביי אונדז געשטאַרקט די סעקטן, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו די איסיים; זיי זיינען אַנטלאָפן אין די וועלדער און זיך אָפּגעזאָגט פון דער וועלט; זיי האָבן גערעדט לשון הרע און פאַרשפּרייט רכילות מיט שנאת חינם צווישן יידן. די זינד פון דעם צווייטן מקדש זיינען גרעסער, ווי די פון דעם ערשטן מקדש. אויף די זינד פון דעם ערשטן מקדש. אויף די זינד פון דעם סוטה־טיפּ, האָבן יידן געליטן בלויז זיבעציק יאָר און פאַר די זינד פון דעם נזיר־טיפּ, ליידן מיר נאָך ביז היינט.

נאָך אָט די צוויי פרשיות פון סוטה און נזיר, קומט דאָן די פרשה פון ברכה כהנים. די כהנים, די גרויסע פּערזענלעכקייטן פון דעם יידישן פאָלק האָבן געדאַרפט בענטשן די יידן אין נאָמען פון השי״ת. זייער ברכה איז וואונדערלעך אין איר פשטות. זי הייסט „ברכה משולשת״. ווייל בלויז דריי זאַצן זיינען אין איר דאָ. אָבער די קור־צע דריי זאַצן אַנטהאַלטן איז זיך דאָס גאַנצע, וואָס מיר האָבן ביז אַהער באַטאָנט וועגן יידישקייט. אין דער ברכה פון די כהנים געפינט זיך נישט קיין שום עקסטרעמקייט. נישט מיט קיין גבורה, ניט מיט קיין רייכטימער און ניט מיט קיין שוואוילטאָגיקן לעבן, האָבן די כהנים געבענטשט די יידן. אויך נישט מיט קיין בלויז רוחניותדיקייט, בלויז

גייסטיקייט, אָדער בלויז נשמהדיק לעבן, נאָר די פאַר־בינדונג פון גוף און נשמה. קודם קומט דער „יברכך ד׳ וישמרך״. ג־ט זאָל זיך בענטשן און דיך היטן. די גמרא זאָגט, אַז די ברכה מיינט גשמיות; יברכך בממון וישמרך בגוף, דאָס הייסט אַז יידן זאָלן האָבן זייערע קערפּער־לעכע הצטרכותן. זיי זאָלן האָבן אַלעס, וואָס זיי דאַרפן פאַר דעם מאַטעריעלן לעבן. דאַן „יאר ד׳ פניו אליך ויחנך״. ג־ט זאָל דערלייכטן זיין פּנים צו דיר און דיך לייטזע־ליקן. דאָס באַציט זיך אויף גייסט, אויף תורה, ווייל תו־רה איז ליכט. אָן תורה איז פינסטער. תורה איז אויך חן, ווייל מיר זאָגן „אתה חונן לאדם דעת״. צו תורה מוז מען ערשט בעטן דעם אלקים יחננו... לדעת בארץ דרכך: צו תורה דאַרף מען האָבן דעם וחנותי את אשר אחון. דאַן „ישא ד׳ פניו אליך וישם לך שלום״. ג־ט זאָל אויפ־הויבן זיין פּנים צו דיר און דיר געבן שלום. ווייל אָן שלום איז קיין שום ברכה גאָר נישט ווערט.

דריי קורצע פסוקים, דריי זאַצן און זיי אַנטהאַלטן אין זיך אַלצדינג, וואָס אַ פאָלק דאַרף. מאָדערנע סאָציאָ־לאָגיע האַלט, אַז אַ מאָדערנער שטאַט דאַרף האָבן דריי קלאַסן פון מענטשן: 1) די פיזישע אַרבעטער און באַאַמ־טע. 2) די גייסטיקע אַרבעטער און דערציער. 3) די אַר־מיי און די פּאָליטישע באַשיצער פון דער מדינה. די דריי קלאַסן מענטשן זיינען נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון יעדער מדינה, ווייל די מדינה שטייט אויף דריי יסו־דות: 1) די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, 2) דער קול־

טורעלער מצב, 3) די זיכערקייט פון דרויסן.

אַ שאָד, וואָס די מאָדערנע סאָציאָלאָגן האָבן נישט אַריינגעקוקט אין דער תורה. זיי וואָלטן זייער גאַנצע טעאָריע געפונען אין דער ברכה פון די כהנים; דריי בר־כות האָבן די כהנים געגעבן דעם יידישן פאָלק. די ערשטע רעדט פון דעם עקאָנאָמישן מצב. די צווייטע פון קול־טור און די דריטע פון דעם שלום מיט דעם דרויסן, ווייל אונדזער זיכערקייט פון דרויסן איז קיינמאָל נישט באַ־שטאַנען אין דעם מיליטערישן זיג לגבי דעם דרויסן, נאָר אין דעם שלום מיט דעם דרויסן.

אונדזער היינטיקע בקשה איז אויך ניט מער ווי דאָס, אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו זען מדינת ישראל עקאָנאָמיש שטאַרק, קולטורעל הויך, אין גייסט פון אונדזער תורה; און שלום מיט די שכנים. אונדזער אייביקע תורה האָט אונדז געגעבן אַ ברכה, וואָס איז אייביק אַקטועל.

בהעלתך

די ערשטע פרשה פון דער היינטיקער סדרה רעדט וועגן דעם אָנצינדן פון די ליכט אין דעם משכן. דאָס אָנצינדן איז אויסגעדרוקט, דורך דעם וואָרט: „בהעלתך". רש"י באַמערקט: שתהא שלהבת עולה מאליה; דער פלאם זאָל אויפגיין פון זיך אַליין. וואָס מיינט דאָס?

דער פסוק דערציילט דאָן, אַז: ויעש כן אהרן; אהרן האָט אַזוי געטאָן, ווי ג-ט האָט געבאָטן. באַמערקט ווידער רש"י: להגיד שבחו של אהרן שלא שינה; דער פסוק דערציילט די לויב פון אהרן, אַז ער האָט נישט געענ־דערט. די באַמערקונג איז שוין גאָר שווער. וואָס פאַר אַ לויב איז דאָס פאַר אהרן, אַז ער האָט נישט געענדערט? האָט ער דען געקענט ענדערן? ווען ער ענדערט, וואָלט דאָך זיין גאַנצע עבודה געווען אַ פסולע. אפילו אַ פשוט־טער מענטש, מוז פאָלגן אַ געבאָט פון ג-ט, על אחת כמה וכמה, אַ כהן גדול ווי אהרן. וואָס פאַר אַ שבח איז דאָס פאַר אַ כהן גדול, אַז ער האָט אויסגעפירט דעם באַ־פעל פון ג-ט?

אינטערעסאַנט איז אויך דער מדרש, וועלכער זאָגט

אויף דעם בהעלותך. הה"ד יגדיל תורה ויאדיר; דאָס האָט אויך געמיינט דער פסוק, תורה זאָל ווערן פאַרגרעסערט און פאַרשענערט. וואָס איז די כוונה פון דעם מדרש?

אויך די פסוקים אַליין זיינען אומפאַרשטענדלעך. נאָכדעם, ווי עס שטייט אַז אהרן האָט טאַקע אַזוי געטאָן, ווי ג-ט האָט אים געבאָטן, זאָגט דאָן דער פסוק: וזה מעשה המנורה מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא כמראה אשר הראה ד' את משה כן עשה את המנורה; און אַזוי איז געווען די אַרבעט פון דער מנורה: אויסגעהאַמערט פון גאָלד, ביז אויף איר פיסגעשטעל, ביז איר בלום איז זי געווען אויסגעהאַמערט. אַזוי ווי ג-ט האָט געוויזן צו משה, אַזוי האָט ער געמאַכט די מנורה. דאַכט זיך, אַז די פרשה רעדט דאָ בלויז פון צינדן די ליכט פון דער מנורה. ווי קומט אהער די באַשרייבונג, ווי אַזוי די מנורה איז אויסגעאַרבעט געוואָרן? דאָס איז דאָך געשטאַנען דייטלעך אין די סדרות פון תרומה און ויקהל. צו וואָס איבערחזרן דאָ וועגן דער אַרבעט פון דער מנורה?

אויך ביי דער אַרבעט פון דער מנורה באַטאָנט דאָרט דער פסוק, אַז פונקט ווי ג-ט האָט געהייסן מאַכן אַזוי האָט ער געמאַכט, דאָס מיינט בצלאלן, דעם קינסטלער וועלכער האָט די מנורה געגאָסן. אָבער דאָ איז די באַמערקונג פאַרשטענדלעך. די אַרבעט פון דער מנורה איז געווען איינע פון די גרעסטע קונסט אַרבעטן, און עס קומט טאַקע אַ גרויסע לויב פאַר בצלאל, אַז ער האָט

געמאַכט פונקט ווי עס איז געווען אָנגעוויזן פון ג־ט.

עס איז אָבער זייער שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי בצלאל האָט געקענט מאַכן די מנורה, פונקט ווי ג־ט האָט געוויזן משהן. מיר ווייסן אַז, נתקשה משה במעשה המ־נורה; משה האָט באין אופן ניט געקענט באַגרייפן, ווי אַזוי די מנורה זאָל געמאַכט ווערן. און ג־ט האָט ערשט געמוזט אַרוים נעמען אַ מנורה פון אונטער דעם כסא הכבוד און ווייזן משה רבינו; ערשט דאַמאָלס האָט משה פאַרשטאַנען, ווי אַזוי די אַרבעט דאַרף זיין אויסגעפירט. איצט שטעלט זיך אַ פראַגע: משה רבינו הערט פון דעם רבונו של עולם אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו מאַכן אַ מנורה. דער רבונו של עולם איז דער אמתדיקער בעל הסברה, און קען בוודאי גוט געבן צו פאַרשטיין יעדן פּלאַן. אָבער משה רבינו קען דעם פּלאַן, אפילו פון דעם רבונו של עולם נישט אויפנעמען, ביז ג־ט ב״ה ווייזט אים ניט, די פייערדיקע מנורה פון כסא הכבוד. איצט גייט משה אַראָפּ צו בצלאלן. די פייערדיקע מנורה האָט ער מיט זיך ניט מיטגענומען, און משה רבינו איז נאָך אַ כבד פה אויך; ווי אַזוי האָט משה רבינו געקענט איבערגעבן דעם פּלאַן צו בצלאל בלויז מיט ווערטער? ווי איז משה רבינו גע־ווען אומשטאַנד צו איבערגעבן דאָס, וואָס דער רבש״ע האָט אים מיט ווערטער כביכול נישט געקענט איבער־געבן? קען מען דאָס פאַרשטיין?

אָבער דאָ איז גאָר אַן אַנדערער פּשט, אין דעם גאַנצן ענין. אין ערשטן פסוק פון דער היינטיקער סדרה שטייט,

אַז ג־ט האָט געזאָגט צו משה: ער זאָל זאָגן אהרן, ווי אַזוי ער דאַרף אָנצינדן די ליכט. עס שטייט אָבער אין ערגעץ נישט, אַז משה איז געגאַנגען צו אהרן און האָט אים איבערגעגעבן די ווערטער פון ג־ט. עס שטייט בלויז: ויעש כן אהרן, דאָס מיינט צו זאָגן אַז אַזוי ווי ג־ט האָט גערעדט צו משה, אַזוי האָט טאַקע אהרן אַליין געטאָן, נישט וואַרטנדיק ביז משה וועט צו אים קומען און אים איבערגעבן די ווערטער פון ג־ט. דאָס באַמערקט רש״י להגיד שבחו של אהרן שלא שינה; די גרויסקייט פון אהרן איז געווען אין דעם, אַז ער האָט אַליין פון זיך פינקטלעך אָן אַ שום ענדערונג געטאָן, אַזוי ווי ג־ט האָט גערעדט צו משה.

דאָן דערציילט דער פסוק אַז וזה מעשה המנורה; נים נאָר ביים אָנצינדן איז געשען אַזוי, נאָר אויך ביי דער מעשה, ביים אויספּערטיקן די מנורה, האָט דאָסזעלביקע פּאַסירט. ג־ט ב״ה מוז משה רבינו ווייזן אַ פייערדיקע מנורה, כדי ער זאָל פאַרשטיין, ווי אַזוי זי צו מאַכן. אָבער פאַקטיש איז די מנורה אויפגעפירט געוואָרן פון בצלאל, נאָך איידער משה רבינו האָט אים איבערגעגעבן דעם פּלאַן. פּונקט ווי ג־ט האָט גערעדט צו משה, אַזוי האָט ער בצלאל אַליין געמאַכט די מנורה. כמראה אשר הראה ד׳ משה דאָס וואָס משה רבינו האָט געמוזט זען, כן עשה את המנורה, דאָס האָט בצלאל אַליין אויסגעפירט.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געשען? דאָ ליגט דער גאַנצער סוד פון יידישע תורה. תורה ווערט אָנגערופן ליכט: תו־

רה אור; אַלעס וואָס איז ג־טלעך, וואָס איז גוט, וואָס איז איידעל און נאבל, ווערט פון יידישער תורה פאַרבונדן מיט ליכטיקייט. אָבער תורה אידעאַלן זיינען קיינמאָל נישט געווען און קענען אויך היינט נישט זיין, קיין אָפּ־געשלאָסענע זאַך. תורה איז דאָס, וואָס די גרויסע יידי־שע נביאים, תנאים און גאונים האָבן אין יעדן דור אַליין פון זיך אַנטוויקלט אין דעם גייסט פון תורה. אין יעדן דור, דאַרף מען בלויז אָנצינדן דאָס ליכט פון תורה און דער שלהבת דאַרף זיין עולה מאליה; דער פלאַם דאַרף שוין דערנאָך אַליין גיין פון זיך. עס טויג נישט בלויז איבערצוגעבן דאָס פאַרגאַנגענע און אַליין גאָר ניט צו־צוגעבן. וואָלטן אונדזערע גרויסע גייסטער אין יעדן דור נישט געווען באַרייכערט די תורה פון זיך, ווער ווייסט צו תורה וואָלט זיך געווען געהאַלטן ביז היינט. תורה הייסט: מורשה קהלת יעקב, נישט ירושה, ווייל ירושה הייסט דאָס, וואָס מען נעמט. ירושה מיינט בלויז דאָס, וואָס גייט אויטאָמאַטיש איבער פון איין דור צום צווייטן. מורשה דאַקעגן הייסט מאַכן ארבן: דאָס, וואָס מען נעמט, אַזוי איבערגעבן, אַז דער נייער דור זאָל עס האָבן אין זיך, און זאָל עס אַנטוויקלען. יעדער דור מוז אָנהויבן דאָרט, ווי דער לעצטער איז געבליבן שטיין.

יידן זיינען דערפאַר אַנדערש פון אַלע אומות העולם, ווייל יידן האָבן זייער תורה אין זיך אַליין. יידן זיי־נען קינדער פון אברהם יצחק און יעקב. די גמרא זאָגט, אַז אונדזערע אבות האָבן מקיים געווען די תורה, נאָך

איידער זי איז געגעבן געוואָרן. אין בלוט פון יעדן ייד איז דאָ די פּאָטענציעלע פעאיקייט, אויף אויפצונעמען תורה. אויב אַ ייד לעבט נישט על פּי תורה, לעבט ער צוגלייך נישט על פּי זיין יידישע נאַטור: ער לעבט דאַמאָלס אַ פרעמד לעבן.

אהרן האָט געוויזן, אַז ביי דער מנורה, וואָס סימבאָליזירט תורה, דאַרף ער נישט וואַרטן ביז משה וועט מיט אים אויסקנעלן אַלע דינים. אַליין אינטואיטיוו האָט ער פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען דאַרף דאָס צו מאַכן.

דאָסזעלביקע האָט געטאָן בצלאל דער ערשטער יידישער קינסטלער. די מנורה וואָס סימבאָליזירט די יידישע תורה, דאַרף אַרויסגעבראַנגט ווערן פון דעם יידן אַליין. אין זיין אינטואיציע דאַרף דער פּלאַן זיך געפינען; ער האָט טאַקע אַליין אַזוי אויסגעגאָסן, פּונקט ווי דער רבש"ע האָט געוויזן צו משה. נאָכדעם, ווי דער רבש"ע האָט געוויזן דעם פּלאַן און משה האָט אים געהאַט, איז שוין פאַר בצלאל, אין זיין יידישער נשמה, געווען לייכט דאָס אַרויסצוברענגען.

דאָס אַלעם זאָגט דער מדרש אין דעם איינעם זאַץ: הה"ד יגדיל תורה ויאדיר; עס איז אַזוי געשען, ווייל תורה דאַרף ווערן וואָס אַמאָל מער פאַרגרעסערט און פאַרשענערט. תורה מיינט נישט בלויז דאָס, וואָס מען קנעלט אַריין אין דעם דור, נאָר דאָס, וואָס יעדער דור גיט צו, דאָס וואָס ער פאַרגרעסערט און פאַרשענערט זי. דער ייד דאַרף לעבן אין דער תורה און די תורה דאַרף לעבן אין ייד.

שלח

דער גרעסטער טייל פון דער היינטיקער סדרה שילדערט פאַר אונדז די מעשה פון די מרגלים; משה רבינו האָט אויסדערוויילט 12 פאַרשטייער פון די יידן און האָט זיי געשיקט צום לאַנד כנען, כדי אויסצוקוקן און אויסצוזוכן דאָס לאַנד און צוריק צוברענגען אַ ראַפּאָרט, ווי אַזוי דאָס לאַנד זעט אויס. אָנגעהויבן האָט זיך די גאַנצע מעשה זייער לייכט און זייער גרינג. דער גאַנצער ענין פון די מרגלים האָט פון אָנהויב אָן, נישט אָנגענומען קיין צו ערנסטן כאַראַקטער. דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו משה רבינו: שלח לך, דאָס מיינט; מהיכי תיתי; אויב דו ווילסט, קענסט דו דיר שיקן מענטשן, וואָס זאָלן אַ קוק טאָן אויף דעם לאַנד. רש״י זאָגט: אני איני מצווה לך אם תרצה שלח. עס מוז נישט זיין: מען קען זיך באַגיין אָן דעם אויך, נאָר אויב דו משה ווילסט, מעגסטו עס טאָן.

מערקווירדיק! ווי פון אַזאַ קליינִיקייט, פון אַזאַ מהיכי תיתי זאַך, איז אַרויסגעקומען אַזאַ שרעקלעכע טראַגע-

דיע. חז״ל זאָגן, אַז די גרעסטע טראַגעדיע, וואָס יידן האָ־בן געהאַט אינערלעך, ביי זיך אַליין, איז געווען די מרגלים־מעשה. פון דער געשיכטע איז אַרויסגעקומען אַ בכיה לדורות, אַ געוויין אויף אייביק. נאָכדעם, ווי יידן האָבן אויסגעהערט דעם באַריכט פון די מרגלים שטייט, אַז יידן האָבן אויפגעהויבן אַ גרויס געוויין. גראַדע איז דאָס געווען אין דעם נייַנטן טאָג פון חודש אב, האָט ג־ט ב״ה געזאָגט צו די יידן: — אַזוי שטייט אין דער גמרא און אין מדרש — היינט וויינט איר טאַקע אומזיסט, אָבער פאַר דאָס וועט איר אַמאָל אין דעם היינטיקן טאָג וויי־נען ערנסט. עס וועט שוין זיין, פאַרוואָס צו וויינען. עס וועט זיין אַ חורבן, עס וועט זיין אַ תשעה באָב.

ווי מיר ווייסן האָט די מעשה פון די מרגלים, קודם כל פאַראורזאַכט, אַז די יידן זיינען געבליבן נאָך גאַנצע פערציק יאָר אין דער מדבר. דער גאַנצער ערשטער דור, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון מצרים איז אויסגעשטאָר־בן אין דער מדבר און נישט געהאַט קיין זכיה אַריין צו קומען קיין ארץ ישראל. אויסערדעם האָט נאָך די מרג־לים־מעשה גורם געווען, אַז שפּעטער זאָל קומען דער חורבן און יידן זאָלן פאַרטריבן ווערן פון זייער לאַנד.

פאַקטיש ווייסן מיר, אַז צוויי גרויסע זינד זיינען די יידן באַגאַנגען אין דער מדבר. איין זינד איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געמאַכט אַן עגל און אַ צווייטע זינד איז די מעשה פון די מרגלים. אויבערפלעכלעך קומט אויס, אַז די זינד פון דעם עגל איז געווען אַ סך אַ גרעסערע

פון דער זינד פון די מרגלים. ביים עגל האָבן דאָך די יידן געזינדיקט מיט אַ שווערע זינד פון געצנדינסט. זיי האָבן זיך געבוקט צו אַ גאָלדן קאלב. ביי די מרגלים דאַ־קעגן האָבן יידן בלויז געזינדיקט מיט ווערטער, וואָס זיי האָבן גערעדט אויף ארץ ישראל. אָבער חז״ל זאָגן, אַז די זינד פון די מרגלים איז געווען פיל גרעסער פון די זינד פון דעם עגל און דערפאַר איז די שטראָף פאַר די זינד פון די מרגלים געווען אַ סך אַ גרעסערע, ווי די שטראָף פאַר די זינד פון עגל. פאַר די זינד פון עגל האָט דער רבונו של עולם באַלד מוחל געווען די יידן און האָט געזאָגט צו משה רבינו: סלחתי כדבריך. אָבער פאַר די זינד פון די מרגלים, האָט דער רבונו של עולם נישט געוואָלט מוחל זיין און כאָטש משה רבינו האָט שטאַרק געבעטן פאַר די יידן, האָבן זיי געמוזט ליידן די גרויסע שטראָף פון אויסשטאַרבן אין דער מדבר. אויך זענען זיי מיט דער שטראָף נאָך נישט אָפּגעקומען אינגאַנצן, ווייל דער שפּעטערער חורבן איז אויך געקומען, אַלס שטראָף פאַר דער זינד. אונדזערע חכמים האָבן פון דעם געלערנט, אַז שלעכטע ווערטער זענען ערגער פון שלעכ־טע מעשים. דער חטא פון די מרגלים, וואָס איז באַשטאַ־נען אין רעדן שלעכטס, איז געווען געפערלעכער פון דעם חטא פון עגל, וואָס איז באַשטאַנען אין טאָן, אין דינען די עבודה זרה. מעשים קענען ווערן פאַרגעסן, אָבער ווער־טער ווערן אויף אייביק אויסגעקריצט אין די מענטשלע־כע הערצער און פאַראורזאַכן אייביקן שאָדן.

די גמרא אין סנהדרין דף ק"ד ע"ב ברענגט, אַז רבי יוחנן, ווען ער האָט געלערנט די מגלה פון איכה וואָס ירמיהו האָט אָנגעשריבן אויף דעם יידישן חורבן, האָט ער אויסגעפינען, אַז די קאַפּיטלעך פון איכה זיינען געשריבן אַלע לויט דעם אלף בית. יעדעם קאַפּיטל האָט די פסוקים לויט דעם אלף בית; דער ערשטער פסוק הויבט זיך אָן מיט אַן אלף, דער צווייטער מיט אַ בי"ת און אַזוי ווייטער.

האָט רבי יוחנן דאָן געפרעגט: בשביל מה חקדים ירמיהו פ"ה לעי"ן? פאַרוואָס שטייט אין איכה דער אלף בית כסדר ריכטיק, ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר דער בוכשטאַב ע שטייט נאָך דער פ? עס שטייט קודם: פצו עליך פיהם און דאַן: עשה ד" אשר זמם? ריכטיק איז דאָך די „ע" פאַר דער „פ". נאָר: בשביל מרגלים שאמרו בפיהם מה שלא ראו בעיניהם. דער חורבן איז געקומען דורך די זינד פון די מרגלים און די מרגלים האָבן געזאָגט מיט דעם מויל דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געזען מיט זייערע אויגן. ר' יוחנן מיינט מיט דעם, אַז דער אות „פ" מאַכט „פה" און פה מיינט דאָס מויל. דער אות ע דאַקעגן מאַכט עין, דאָס הייסט דאָס אויג. יעדע פאַלשקייט באַשטייט אין דעם, וואָס מען איז מקדים דאָס מויל פאַר דעם אויג: דאָס הייסט מען זאָגט פריער, איידער מען זעט.

ירמיהו, באַוויינענדיק דעם יידישן חורבן, וואָס איז געקומען דורך די מרגלים, האָט אויך באַוויזגט דאָס וואָס מען איז מקדים דעם פה פאַר דעם עין. דאָס גאַנצע אומ-

גליק קומט פון דעם, וואָס מען זאָגט פריער, נאָך איידער מען זעט.

די מפרשים פרעגן: פאַרוואָס זאָגט די גמרא, אַז יר־מיהו האָט די קאַפּיטלעך פון איכה אַזוי געשטעלט, אַז די פ״ה איז פאַר דער ע״ין, מיר זען דאָך, אַז דער ערשטער קאַפּיטל איז גאָר געשטעלט ריכטיק, קודם די עין און דערנאָך די פה; אין ערשטן קאַפּיטל שטייט קודם על אלה אני בוכיה און דאַן פרשה ציון בידיה? פאַרוואָס האָט ירמיהו אין ערשטן קאַפּיטל נישט געטוישט די אותיות? פאַרוואָס האָט ער אין ערשטן קאַפּיטל נישט געשטעלט די פה פאַר דער עין?

איך האָב געהערט פון מיין פאָטער זצ״ל, ווי ער האָט פאַרענטפערט די פראַגע גאָר פשוט: די מרגלים, ווען זיי זיינען צוריק געקומען מיט זייער באַריכט, האָבן זיי אָנ־געהויבן מיט דעם, אַז דאָס לאַנד איז פרוכטבאַר און שיין, וגם זבת חלב ודבש וזה פריה. איז דאָך אַ פראַגע: צוליב וואָס האָבן די מרגלים, וועלכע זיינען אויסן געווען צו רעדן בלויז שלעכטס אויף ארץ ישראל, געפונען פאַר נוי־טיק צו רימען דאָס לאַנד, אַז עס איז פעט און פרוכט־באַר? אָבער רש״י זאָגט, אַז דאָס האָבן די מרגלים גע־טאָן דערפאַר, ווייל יעדער ליגנער ווייסט, אַז ער מוז אָנהויבן מיט אַן אמת כדי דער ליגן זאָל זיך אָנעמען. אַ ליגנער וועט נישט אָנהויבן מיט דעם ליגן; וויסנדיק, אַז בלויז ליגנס גלייבט מען ניט, מוז ער דעם ליגן פאַרגלעטן מיט אַ ביסל אמת, וואָס ער דערציילט פון אָנהויב און

דערנאָך קען ער שוין שיטן די ליגנס, וויפיל ער וויל. דערפאַר האָבן די מרגלים קודם געזאָגט דעם אמת, אַז דאָס לאַנד איז פעט און גוט און דאַן האָבן זיי געשיט זייערע ליגנס.

איז דאָך ריכטיק, וואָס ירמיהו האָט אין ערשטן קאַפּיטל געשטעלט קודם די עין דערנאָך די פה, ווייל צוערשט האָבן די מרגלים אויך געזאָלט קודם דאָס, וואָס זיי האָבן פאַקטיש געזען. שפּעטער האָבן זיי געזאָגט, וואָס זיי האָבן נישט געזען, דערפאַר זיינען די שפּעטערע קאַפּיטלעך געשטעלט קודם די פה, דאַן די עין.

פאַר דעם חטא פון רעדן לשון הרע און רכילות זענען מיר אין גלות ביז צום היינטיקן טאָג. מות וחיים ביד הלשון. די צונג איז די געפערלעכסטע זאַך ביים מענטש. אויב אַ מענטש טוט אַן עבירה, קען ער תשובה טאָן, ער קען גוט מאַכן די עבירה, אויב ער זינדיקט מיט דעם מויל, קען ער ניט גוט מאַכן, ער האָט מייסטנטיילס, ניט אַמאָל די מעגלעכקייט פון קענען גוט מאַכן דאָס, וואָס ער האָט געמאַכט שאָדן מיט זיין לשון הרע.

דער הייליקער חפץ חיים האָט אויסגערעכנט, אַז דער, וואָס רעדט לשון הרע איז עובר אויף זיבעצן לא תעשהס, אויף פערצן עשהס און אויף דריי אָרורס. די גמרא זאָגט, אַז דער, וואָס רעדט לשון הרע, איז ווערט מען זאָל אים וואַרפן פאַר די הינט.

ליידער ווערן זייער אַ סך נכשל אין דער מיאוסער עבירה.

קרח

אויף דער היינטיקער סדרה זאָגט דער מדרש: פשרה זו יפה נדרשת. די פרשה פון קרח לאָזט זיך שיין דרשנען. די היינטיקע סדרה הייסט עס, — לויט דעם מדרש — איז דאָס בעסטע מאַטעריאַל פאַר דרשות. קרח איז טאַקע איינגעזינקען געוואָרן, אָבער בני קרח לא מתו; זיינע בנים לעבן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג; זיינע דעמאַגאָגישע יורשים פירן אָן מיט זיין ירושה, מיט זיין צעשטערערישער אַרבעט. קרחס נאָמען לעבט ביז היינט אין דעם יידישן פאָלקלאָר; מען זאָגט נאָך אַלץ: רייך ווי קרח, אַ סוף ווי קרח, איינגעזינקען ווי קרח, אַ קריגער ווי קרח, קאַרג ווי קרח און אַזוי ווייטער. דערפאַר לאָזט זיך די מעשה פון קרח ביז היינט נאָך דרשנען אויף פאַר שידענע אופנים.

די פרשה פון קרח איז אין דער תורה אַריינגעשטעלט צווישן די סדרות פון בהעלותך און שלח פון איין זייט און די סדרות פון חקת און בלק פון דער צווייטער זייט. די סדרה פון בהעלותך דערציילט אונדז פון אַן אספסוף, פון אַ נידעריק געזינדעל און פון מתאוננים; דאָס זענען

געווען סתם יידן, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַ גאַנצע רע־וואָלוציע, ווייל עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט, דווקא אין דער מדבר, צו האָבן פלייש. זיי זענען אפילו געווען גרייט, צוריק צו גיין קיין מצרים און דינען פרעהן, צוליב דעם סיר הבשר, צוליב דעם פלייש־טאָפּ. די סדרה פון שלח דערציילט אונדז פון מרגלים, וואָס האָבן צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן אויסגעטראַכט אויף דעם יידישן לאַנד מעשיות אַזעלכע, וואָס האָר און נעגל האָבן זיך אויפגע־שטעלט. יידן, דער הערנדיק אַזעלכע מעשיות האָבן גע־זאָגט: בעסער שוין צו שטאַרבן אין דער מדבר, איידער צו גיין קיין ארץ ישראל. פון דער צווייטער זייט פון דער סדרה קרח, דערציילט אונדז די סדרה פון חקת, אַז ווען עס האָט איינמאָל געפעלט וואַסער אין דער מדבר, זענען יידן באַפאַלן משה מיט אהרן און זיי פשוט געוואָלט הר־גענען. משה און אהרן זענען דאַמאָלס אַליין אַזוי אַרויס פון די כלים, אַז זיי האָבן זיך פאַרזינדיקט און טאַקע מער נישט זוכה געווען אַריינצוקומען קיין ארץ ישראל. דאַן קומט אַ סדרה בלק, וואָס דערציילט אונדז, אַז יידן האָבן זיך גאָר מיאוס פאַרזינדיקט מיט די טעכטער פון מואב. אין מיטען פון די אַלע שוידערלעכע מעשיות קומט אַ מעשה פון אַ קרח, וועלכער האָט געטענהט, נישט מער און נישט ווייניקער, גאָר אַז: כל העדה כולם קדושים ובתוכם ד׳. אָט די גאַנצע געמיינדע איז הייליק און צווי־שן זיי איז ג־ט. הערט אייך גוט איין! אָט די גאַנצע גע־מיינדע, וואָס צוליב אַ מאָמענטאַנע תאווה פון פלייש פון

ציבעלעס, פיש און אוגערקעס איז זי גרייט צוריק צו גיין קיין מצרים; די געמיינדע, וואָס פאַרליימדעט ארץ ישראל און זינדיקט מיט גוייאישע טעכטער, זי איז הייליק און זי דאַרף אפילו קיין גייסטיקן פירער ניט. מדוע תתנשאו על קהל ד׳ — מענהט קרח — ווי קומט איר גאָר משה און אהרן זיך צו נעמען דעם מוט, אָוועקצושטעלן אַלס פירער פון אַזאַ ג־טלעכער געמיינדע?

צו אַזעלכע דעמאַגאָגישע ווערטער איז טאַקע נאָר אַ קרח געווען פעאיק.

בני קרח לא מתו; קרחס בנים זיינען נישט אויסגעשטאָרבן. ווען קרח איז איינגעזינקען געוואָרן איז ער צוגלייך אויך פאַרזייעט געוואָרן אין דער ערד; און אין יעדן דור וואקסן אַרויס פון יענער זריעה נייע קרחס...

קומט אונדז טאַקע נישט איינמאָל אויס, ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, זיך צו באַגעגענען מיט דעם טיפּ פון אַ קרח־דעמאַגאָג. מען זעט, ווי יידן זאָגן זיך אָפּ טאָג טעגלעך פון יידישקייט; זיי זענען אַריינגעלאָזט אין זייערע תאוות צו חזיר, צו נבלות און צו די מיאוסטע חזירייען; מען אַסימילירט זיך מיט די גויים און מען זינדיקט מיט די גויים און מען זינדיקט מיט גויאישע טעכטער און עס טרעפן זך דאָך נאָך איינצעלנע יחידים, וואָס האָבן די עזותדיקע חוצפה צו באַהויכטן, אַז אַלעס איז אין דער בעסטער אָרדענונג, אַז די געזעלשאַפט איז הייליק און דאַרף אפילו קיין גייסטיקן מנהיג נישט.

צוויי וואונדערלעכע מדרשים זענען באַקאַנט וועגן קרח.

איין מדרש זאָגט: מה ראה קרח לחלוק על משה רבי־נו? פרשת ציצית ראה; ווי קומט דאָס, אַז קרח האָט אויפגענומען אַ קאַמף קעגן משה רבינו? און דער מדרש ענטפערט, אַז קרח האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט גע־הערט די פרשה פון ציצית, וואָס שטייט אין דער פריער־דיקער סדרה (אין שלח).

אַ צווייטער מדרש זאָגט: מה ראה קרח לחלוק על משה רבינו? פרה אדומה ראה; ווי פאַלט קרח איין צו מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן משה רבינו? ענפערט דער מדרש, ער האָט געהערט די פרשה פון פרה אדומה, וואָס איז אָנגעשריבן אין דער שפּעטערדיקער סדרה (אין חקת) און דאָס, האָט אים באַוואויגן אויפצוטרעטן קעגן משה רבינו.

וואָס מיינען אָט די וואונדערלעכע מדרשים?

עס זעט אויס, אַז חז״ל האָבן דאָ געוואָלט אָנגעבן די מאָטיוון, וועלכע האָבן באַוואויגן קרחן אויפצונעמען דעם קאַמף. דער ערשטער מדרש שטעלט זיך אָפּ און פרעגט: ווי אַזוי האָט אַזאַ קרח געוואַגט אויפצוטרעטן קעגן אַזאַ משה רבינו? וואָס פאַר אַ שאַנסן האָט ער געהאַט, ער זאָל קענען געווינען קעגן אַ משה רבינו? האָט ער דען נישט געוויסט, אַז פון אים ביז צו משה רבינו איז אַזוי ווייט, ווי פון הימל צו דער ערד און ווי וועט ער קענען קאָנקורירן מיט אַ משה רבינו?

אויף דעם ענטפערט דער מדרש, אַז קרח וואָלט טאַ־

קע קיינמאָל נישט געווען אויפגענומען דעם קאַמף, נאָר געטאָן האָט ער עס, ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט געהערט די פרשה פון ציצית. ביי די מצווה פון ציצית שטייט: והייתם קדושים; איר זאָלט זיי הייליק. אַ חסידישער רבי האָט אַמאָל געזאָגט: עס שטייט אין דער גמרא, אַז די מצווה פון ציצית איז שקולה כנגד כל התורה; די מצווה ווערט אַזוי פיל, וויפיל אַלע מצוות פון דער תורה. פון אַ צווייטער זייט אָבער קען מען מיט דער מצווה אָפּנאַרן, אַז מען זאָל מיינען אַז מען איז מקיים די גאַנצע תורה. מען קען זיך איינהילן אין אַ גרויסן טלית, מיט לאַנגע ציצית און מיט אַ ברייטער, זילבערנער עטרה; פאַרגלייזן די אויגן און מענטשן מיינען: ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ הייליקער דאָס איז. דערפאַר זאָגט דער פסוק, והייתם קדושים; ווען איר וועט אייך אָנטאָן טליתים גדענקט, אַז איר זאָלט טאַקע זיין אמתדיק הייליק און נישט אָפּגע-נארט.

ווען קרח האָט דערהערט, אַז מען דאַרף זיך איינ-הילן אין טליתים האָט ער באַשלאָסן, אַז ער קען שוין אויפנעמען אַ קאַמף אפילו מיט משה רבינו. ער וועט זיך אָנטאָן אַ גרויסן, שיינעם טלית, מיט אַ גרויסער עטרה און וועט זיך שטעלן מיטן פנים צו דער וואנט; ווער וועט דאַמאָלס זען אַן אונטערשייד צווישן אים און משה רבינו?

דער צווייטער מדרש פרעגט אַן אַנדערע פראַגע: אמת, אַז נאָך דער מצווה פון ציצית האָט קרח געקענט אָפּנאַרן די וועלט, ווייל ווען מען הילט זיך איין אין אַ

גרויסן טלית, מיינט טאַקע דער עולם מי יודע, ווער דאָס איז. אָבער זיך אַליין האָט אַ קרח נישט געקענט אָפּנאַרן. ביי זיך אַליין האָט דאָך קרח געוואוסט דעם אמת; ער האָט דאָך געוואוסט, ווען ער איז און ווער משה רבינו איז. קרח שפיקח היה, קרח איז געווען אַ פיקח, אַ קלו־גער דאַרף זיך אַליין נישט אָפּנאַרן. דערויף ענטפערט דער מדרש, אַז קרח, ווייסנדיק ביי זיך אַליין וואָס ער איז, וואָלט טאַקע קיינמאָל נישט געווען אויפגענומען דעם קאַמף, ער האָט עס אָבער געטאָן, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט די פרשה פון פרה אדומה.

די פרה אדומה האָט גערייניקט די אומרייניקע, בסך הכל איז די פרה אדומה אַליין גאָר געווען דורך און דורך טמא, דורך און דורך אומריין. ווער עס האָט זיך מיט איר באַשעפטיקט איז גאָר טמא געוואָרן און זי, די טמא־דיקע פרה אדומה, האָט גערייניקט, האָט מטהר געווען די טמאים, די אומרייניקע. דאָס האָט קרחן געגעבן מוט, זיך כלל ניט צו רעכענען מיט זיך אַליין מען קען זיין וואָס מען וויל און פונדעסטוועגן זאָל מען אַנדערע פירן און ווייזן, ווי אַזוי צו זיין ריין און ליכטיק.

חז״ל פאַרענדיקן אָבער מיט דער הבטחה, אַז קומען וועט דאָך אַ צייט, ווען קרח אַליין וועט אויסשרייען: משה אמת ותורתו אמת ואנחנו בדאים: משה איז אמת און זיין תורה איז אמת און מיר זענען די ליגנער.

חקת

די היינטיקע סדרה דערציילט אונדז, אַז יידן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן משה רבינו, ווייל עס האָט זיי געפעלט וואסער. וועגן וואסער זענען שוין פריער אויך עטלעכע מאָל פאָרגעקומען רעוואָלוציעס. אַלע, האָבן זיי זיך געענדיקט, מער ווייניקער אויף איין שטייגער. משה רבינו האָט, מיט הילף פון השי״ת באַזאָרגט וואסער און די יידן זענען גוט אויסגעזידלט געוואָרן פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד, אומזיסט און אומ־נישט. אין דער היינטיקער סדרה איז אָבער געשען אַ נייעס. נאָך דער רעוואָלוציע זענען עס געווען, נישט די יידן, וואָס האָבן געקריגן געזידלט, נאָר משה רבינו מיט אהרן. דער רבש״ע האָט צו זיי געזאָגט: יען לא האמנתם בי; ווייל איר האָט נישט געגלויבט אין מיר, דארום וועט איר נישט ברענגען די יידן אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב זיי געגעבן.

אונדזערע מיטלאַלטערלעכע דענקער האָבן זיך אָפּגע־שטעלט און געפרעגט: צו וואָס האָט די תורה געדאַרפט

אַרויסצושרייבן די זינד פון משה רבינו? וואָס לערנט דאָס אונדז? דער תירוץ איז, אַז דאָס איז זייער נויטיק, כדי צו לערנען פון דעם, אַז ביי קיין שום מענטשן איז נישטאָ קיין שלימות. אפילו דער גרעסטער מענטש פון אַלע צייטן און פון דער גאַנצער מענטשהייט, אפילו משה רבינו האָט אויך געזינדיקט און זיך פאַרזינדיקט. די תורה האָט מיט דעם געוואָלט ביי אונדז איינפלאַנצן דעם ריינעם גלויבן אין ג-ט און אַז נאָר ביי ג-ט איז פאַראַן שלימות, נישט ביים מענטש, אפילו נישט ביי אַזאַ מענטש ווי משה רבינו.

כדאי זיך דערפאַר צו פאַרטראַכטן און צו פאַרטיפן אין דעם כאַראַקטער פון די זינד, וואָס משה רבינו איז באַגאַנגען.

לויט דער גמרא זענען עס געווען 2 חטאים: איינמאָל דערפאַר, וואָס ער האָט געזאָגט: המן הסלע הזה נוציא לכם מים? צו פון דעם דאָזיקן שטיין, ווילן מיר פאַר אייך אַרויסברענגען וואַסער? דאָס מיינט, אַז משה רבינו האָט חלילה אויף איין מינוט געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט צו קענען אַרויסברענגען וואַסער פון אַ שטיין. אַ צווייטער חטא איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט: שמעו נא המורים; הערט אויס, איר ווידערשפעניקער! משה רבינו האָט נישט געדאַרפט צו יידן רעדן אין אַ פאָרם פון באַליידיקונג..

אמת, אַז אין אונדזערע אויגן זענען דאָס גאָר קיין חטאים נישט. אָבער פאַר אַ משה רבינו, זענען די קליינס-

טע אומפינקטלעכקייטן אַ זינד. הקב"ה מדקדק עם הצדי־קים כחוט השערה; אַ גרויסער מענטש פאַרזינדיקט זיך מיט אַן עבירה, וואָס איז אַזוי לייכט, ווי אַ האר.

די זינד פון משה רבינו זענען דערפאַר פאַרשריבן געוואָרן, ווייל אין די 2 זינד ליגט דער יסוד, דער פונ־דאַמענט פון דער יידישער אמונה.

ג־טלעכקייט ווערט ביי אונדז יידן דעפינירט, אַלס פול־שטענדיקע פאַלקאָמענהייט, אָדער שלימות. שלימות מיינט. דאָרט, וואו עס איז קיין שום חסרון ניט פאַראַן און דאָרט וואו קיין שום חסרון קען ניט געמאלט זיין. אַ מענטש, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, איז ער תמיד אַ באַגרעניצט וועזן. ער קומט תמיד צו געוויסע גרעניצן, וואו ער מוז בלייבן שטיין, ווייל עס פעלן אים די פיזי־שע און גייסטיקע מעגלעכקייטן צו גיין ווייטער. יעדע באַגרעניצונג מיינט צוגלייך: אַ חסרון. ביי משה רבינו שטייט אויך: ותחסרהו; דאָס הייסט, עס האָט אים גע־פעלט, ער האָט אויך געהאַט אַ חסרון, ווייל ער איז סוף כל סוף געוועזן אַ מענטש, אַ בשר ודם. אין דעם באַשטייט דער יסוד פון יידישקייט, אַז ווען דער מענטש ווייסט, אַז ער איז אַ באַגרעניצט באַשעפעניש, שטרעבט ער וואָס אַמאָל מער, צו דערגרייכן די שלימות, וועלכע ער קאָן יאָ דערגרייכן. אַלע מצוות און מעשים טובים פון דער תורה, זענען דערפאַר געגעבן געוואָרן, כדי דער מענטש זאָל זיך אויפהויבן, וואָס אַמאָל העכער און דאָס איז דער ציל פון דעם לעבן פון אַ מענטש.

דער גרויסער ראָפּטשיצער רבי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַ רשע מרושע, וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ רשע, איז העכער פון אַ צדיק, וואָס ווייסט ביי זיך, אַז ער איז אַ צדיק. און דאָס, צוליב דעם איינפאַכן פּשוט'ן טעם. אַ רשע, וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ רשע, האָט אַ האָפענונג, ער זאָל בעסער ווערן, ווייל ער האַלט זיך דאָך פאַר אַ רשע און ווייסט, אַז ער דאַרף זיין אַנדערש. אַ צדיק אָבער, וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ צדיק, דער קען קיינמאָל שוין ניט בעסער ווערן, ווייל ער האַלט זיך דאָך פאַר פולשטענדיק אין אָרדענונג. אויב אַ צדיק ווייסט ביי זיך, אַז ער איז אַ צדיק, איז אַ סימן, אַז ער איז אין די הענט פון דעם שטן. אַן אמתער צדיק איז דער, וואָס זעט אַלעמאָל זיינע אייגענע חסרונות. דער אמתער צדיק ווייסט, אַז דאָס לעבן פון אַ מענטש איז פול מיט שטרויכלונגען און אַז אפילו די מצוות, וואָס אַ מענטש טוט, זיינען אויך ניט בשלימות, ווייל דער מענטש איז פול מיט פּניות.

נאָך עפּעס: אַ מענטש, וואָס רעדט זיך איין, אַז ער איז אין אָרדענונג, זעט תמיד חסרונות ביי יענעם, ווייל יעדער ווייסט דאָך, אַז מען מוז האָבן חסרונות און אויב ער געפינט זיי ניט ביי זיך, זוכט ער זיי ביי יענעם. דער מענטש, וואָס געפינט חסרונות ביי יענעם, איז אַ סימן, אַז ער ליידט פון איבערשעצונג ביי זיך: ער האַלט זיך פאַר אַ פאָלקאָמענעם.

אַ צווייטע זאַך איז אַ שטער צו יידישקייט און דאָס איז: די פאַרקערטע מדה; די מדה פון אונטערשעצונג;

ווען אַ מענטש רעדט זיך איין, אַז ער איז פול מיט חס־רונות און קען זיי קיינמאָל ניט אויסבעסערן. אַזאַ מענטש שטרעבט קיינמאָל ניט צו קומען צו אַ העכערער מדרגה, ווייל ער גלויבט ניט אין זיינע אייגענע מעגלעכקייטן זיך צו פאַרבעסערן. די מדה ווערט אויך אָנגערופן: רעזיג־נאַציע, אָדער יאוש. אַ מענטש מיט דער מדה, איז מודה, אַז ער איז ניט אין אָרדענונג, נאַר... ווי איינער רעדט; וואָס קען איך מיר העלפן, אַזוי בין איך און איך קען ניט זיין אַנדערש.

ווי מיר זעען, איז איבערשעצונג די מדה, וואָס זעט חטאים תמיד ביי יענעם און ניט ביי זיך. אונטערשעצונג דאַקעגן, איז די מדה וואָס זעט חטאים טאַקע ביי זיך, נאָר דענקט, אַז ער קען ניט בעסער ווערן; ער צווייפלט איז זיינע אייגענע כוחות.

מעגלעך אַז ווייל די צוויי אייגנשאַפטן זענען דער הויפט שטער צו יידישקייט, דערפאַר האָט די תורה גע־שטעלט די זינד פון משה רבינו, כדי צו ווייזן, אַז די אייגנשאַפטן זענען מענטשלעך און אויך משה רבינו איז נכשל געוואָרן אין די צוויי סאָרטן זינד. דערפאַר קען דער מענטש צו יעדער צייט די זינד אויסבעסערן.

ווען משה רבינו האָט געזאָגט: המן הסלע הזה נוציא לכם מים? איז ער אין דעם מאָמענט אַריינגעפאַלן אין דער מדה פון אונטערשעצונג, פון צווייפלען אין דער מעג־לעכקייט פון אַרויסברענגען וואַסער פון אַ שטיין. דער מאָמענטאַלער צווייפל האָט געשמעקט מיט רעזיגנאַציע,

מיט נישט גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות, דערפאַר איז דאָס געווען אַ זינד, וואָס האָט געמוזט פאַרשריבן ווערן.

ווען משה רבינו האָט געזאָגט צו די יידן: שמעו נאָ המורים, הערט אוים איר ווידערשפעניקער! הייסט: ער האָט געזען אַ חסרון ביי די יידן. זען חסרונות דאַרף מען ביי זיך, ניט ביי יענעם. זען חסרונות ביי יענעם, שמעקט מיט דער מדה פון איבערשעצן זיך, פון האַלטן זיך אין גאַנצן אין אָרדענונג, משה רבינו האָט אויף איין מאָ־מענט געמאַכט אַ טעות, צו זען דעם חסרון ביי יענעם, און דאָס איז געווען די סבה וואָס די תורה האָט דאָס פאַרשריבן, כדי פון דעם צו לערנען יידישקייט.

משה רבינו איז געווען אונדזער רבי און איז אונד־זער רבי פאַר אַלע צייטן. אפילו מיט די חטאָים ווייזט ער אונדז אָן דעם וועג, אויף וועלכן מיר דאַרפן גיין: ניט זיך איבערשעצן און ניט זיך אונטערשעצן. דאָס איז דער יסוד פון יידישקייט.

בלק

אויף דער צווייטער זייט ירדן, אויף די פעלדער פון מואב האָבן יידן געמאַכט זייער לעצטע סטאַציע, איידער זיי זענען אריין אין זייער אייגן לאַנד אַריין.

אין עבר הירדן האָבן יידן דאַמאָלס געהאַט אָפּגעהאַלטן גרויסע העלדישע נצחונות; זיי האָבן געשלאָגן סיחון, דעם אמורישן קעניג און דעם גרויסן העלד עוג, דעם קעניג פון בשן. יידן זענען געוואָרן באַרימט אַלס שטאַרק און מעכטיק. מואב און מדין האָבן זיך פשוט דערשראָקן פאַר דער יידישער גבורה. בלק, דער קעניג פון מואב האָט איינגעזען, אַז מיט שווערט און בויגן וועט ער לגבי יידן גאָר נישט אויפטאָן. די מלאכה פון מלחמה־פירונג קענען די יידן בעסער פון אים. דערפאַר איז ער געפאַלן אויף אַ נייער המצאה. ער וועט יידן באַקעמפן, נישט מיט קיין געווער נאָר מיט קללות, מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיט פאַרלוימדונג, מיט באַשימפּפונג, מיט שענדן דאָס יידישע פאָלק פאַר דער וועלט.

פאַר אונדז יידן, וואָס מיר לעבן אין דער היינטיקער

צייט איז דאָס קאַמפּס-מיטל כלל ניט ניי און ניט פרעמד. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז פּראָפּאַגאַנדע איז געפערלעכער ווי כלי זיין. מיר ווייסן, אַז נאָך אונדזער גרויסן מיליטערישן זיג, וואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אין סיני, האָט פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע אַזוי מאַניפּולירט אין דער „אָנו”, אַז פון אונדזער גרויסן זיג איז מיליטעריש כמעט גאָר נישט געבליבן.

מיר פאַרשטיין דערפאַר היינט, וואָס בלק דער קעניג פון מואב האָט געוואָלט. ער האָט געוואָלט דורך פּראָפּאַגאַנדע צונישט מאַכן דעם גרויסן זיג, וואָס יידן האָבן אָפּגעהאַלטן אין עבר הירדן, איבער סיחון און עוג. ער האָט זיך געווענדעט צו בלעם בן בעור, וועלכער האָט געהאַט כחו בפיו. ער האָט פאַרמאָגט אַ מויל, וואָס האָט געקאָנט מאַכן פון ווייס שוואַרץ און האָט געקאָנט פאַרליימדן יעדן און אויסטראַכטן די שווידערלעכסטע בלבולים, אויף וועמען ער האָט נאָך געוואָלט.

די פסוקים פון דער היינטיקער סדרה שילדערן אונדז, ווי אַזוי בלק האָט געשיקט נאָך בלעם. דאַן קומט די דערציילונג, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער מאַרש פון בלעם צו בלק, כדי אויסצופירן זיין פאַרלאַנג און צו פּראָפּאַגירן קעגן יידן. בלעם רייט אויף אַן אייזעל. אויף דעם וועג הויבט דאָס אייזעל אָן פלוצים צו רעדן. מען ווייזט — הייסט עס — בלעמען, אַז אויב זיין גאַנצער כוח און זיין גאַנצע חכמה באַשטייט בלויז אין רעדן, אָדער ווי מען רופט דאָס אויף יידיש — פיסק מלאכה,

דאן איז דאָס גאָר קיין חכמה נישט, ווייל אפילו אייזלען, אַז מען עפנט ביי זיי די מיילער, רעדן זיי אויך און נאָך: וואָס פאַר אַ רעדן! פאַראַן פשוטע אייזלען, וואָס רעדן אַזויפיל אָן אַ שיעור. בלעם וואָלט געוועז באַדאַרפט לער־נען פון דעם, אַז אפילו חמורים, ווען עס עפענען זיך ביי זיי די מיילער, רעדן זיי אויך. וואָס זשע פאַר אַ חכמה איז בלויז רעדן? עס איז כלל גאָר נישט בכבודיק, אָבער אַ בלעם לערנט דאָך נישט ביי קיינעם, גייט ער דערפאַר ווייטער זיין וועג.

די וועלט פון דאַמאָלס איז אָבער נאָך נישט געוועזן אַזוי פאַרדאַרבן, ווי די היינטיקע. מען האָט דאַמאָלס ניט געקאָנט פּראָפּאַגירן מיט שקרים סתם אין דער וועלט אַריין, ווי מען טוט דאָס היינט. זאָגט דערפאַר די גמרא, אַז די גרויסקייט פון בלעם איז באַשטאַנען אין דעם: „שי־דע לכוון את השעה"; בלעם האָט פאַרשטאַנען, ווען און וויאַזוי אויסצונוצן דעם פּאַסיקן מאָמענט און ווען און וויאַזוי צו רעדן אין דער געאייגענטער שעה.

קומענדיק אויף דעם פּלאַץ, קוקנדיק אויף די יידן אין זייערע לאַגערן און באַקענענדיק זיך מיט זייער געשיכ־טע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער איצטיקער מאָמענט איז נישט דער געאייגענטער פאַר פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע, קעגן יידן. ער האָט איינגעזען, אַז דאָ האָט ער צו טאָן מיט אַ גאַנץ באַזונדערן מענטשן־מאַטעריאַל. דאָס איז נישט סתם עפּעס אַ נאָמאַדן האָרדע, וואָס וואַנדערט; דאָ גייט אַ פאָלק, וואָס אויסער זיין אַריסטאָקראַטישן שטאַם,

געפינט עס זיך אויף אַ הויכע שטופע פון גייסט און עס איז גאָר אַנדערש, אפילו פון די איינגעזעסענע פעלקער, צווישן וועלכע עס וואַנדערט.

בלעם זעט איין, אַז צו גרויס איז דער גוטער נאָמען פון יידן און ער איז נישט אומשטאַנד זיי צו פאַרשוואַרצן, אָדער באַשמוצן. ער זאָגט דערפאַר צו בלק, אַז אין איצטיקן מאָמענט קען ער מיט פּראָפּאַגאַנדע יידן גאָר נישט טאָן. בלק אָבער טענהט, אַז דאָס איז טאַקע זיין פאַרלאַנג, אויפצוקלערן פאַר דער וועלט, אַז יידן זענען גאָר נישט אַנדערש פון אַנדערע וואַנדערנדיקע נאָמאַדן. „הנה עם יצא ממצרים"; דאָס איז אַ פאָלקס שטאַם, וואָס איז אַרויס פון מצרים, ווי אַן אַנדערער פאָלקס שטאַם, וואָס וואַנדערט: בלעם זאָגט דאַן: אל מוציאם ממצרים: אויך זייער באַפרייאונג פון מצרים איז ניט געווען קיין איינפאַכע, ווי ביי אַנדערע פאַרשקלאַפטע פאָלקס שטאַמען. זיי זענען באַפרייט געוואָרן מיט אַ ג־טלעכער קראַפט; זיי זענען פאַרשקלאַפטערהייט אויך קיין קנעכט ניט געווען. „כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו"; ווארים פון דעם שפּיץ פון די פעלזן זע איך אים, און פון די הויכן טו איך אויף אים קוקן.

דער מדרש זאָגט, אַז מיט די ווערטער: כי מראש צורים; פון דעם שפּיץ פון די פעלזן, איז געמיינט אברהם. דאַקעגן דער וואָרט: ומגבעות; פון די הויכן, באַציט זיך אויף אונדזערע מוטערס; אויף שרה, רבקה, רחל און לאה.

איינער פון אונדזערע דענקער באמערקט, אז מערק־ווירדיק איז דאס, וואס די תורה שילדערט, אז פון אונד־זערע אבות, פון אברהם יצחק און יעקב, איז בלויז אברהם געווען אן עקר און נישט געקענט האבן קיין קינדער. דאקעגן ביי אונדזערע אמהות, זענען זיי אלע געווען עקרות: ביי שרה שטייט אין חומש, אז זי איז געווען אן עקרה; ביי רבקה שטייט אויך „כי עקרה היא״, דאס מיינט אז זי איז געווען, די עקרה; נישט ער, ניט יצחק. ביי רחל וויסן מיר אויך, אז זי איז געווען אן עקרה. אזוי שטייט אין חומש. אויך לאה איז געווען אן עקרה. עס שטייט. וירא ד׳ כי שנואה לאה ויפתח את רחמה ורחל עקרה״. ג ט האט געזען, אז לאה איז נישט באליבט, דערפאר האט ער געעפנט איר טראכט און רחל איז געבליבן אן עקרה. דאס הייסט, אז אויך לאה איז געווען אן עקרה.

פארוואס איז דאס געווען אזוי? דער תירוץ, איז, אז דער יידישער יחוס האט זיך געדארפט אנהויבן בלויז מיט אברהם אבינו. יידן ציען ניט זייער שטאם פון א תרח, פון א הרן, אדער פון א נחור, ווי אנדערע פאלקס־שטאמען פון דאמאלס. דער יידישער שטאם פאטער אבר־הם, איז געווען אן עקר. דאס הייסט, אז דער נאטירלעכער כוח. וואס דערהאלט דעם שטאם, דורך דער געבורט פון נייע קינדער, דער איז ביי אברהם נישט געווען. דורך א נס, האט אברהם געבוירן א זון. דערפאר האט דער זון מער קיין שום שייכות נישט געהאט צו תרח; זיין יחוס

האָט זיך אָנגעהויבן, בלויז פון אברהם, וועלכער האָט נישט אויף אַ נאַטירלעכן וועג, נאָר דורך אַ ג־טלעך נס, דערהאַלטן זיין אייגענעם שטאם.

נישט יצחק און נישט יעקב, האָבן דאן געדאַרפט צו זיין עקרים, ווייל פאַרקערט: זיי האָבן געדאַרפט ציען ווייטער די גאָלדענע קייט פון זייערע טאַטעס. דאַקעגן אונזערע אמהות, וועלכע האָבן יעדע פאַר זיך געשטאַמט פון די בתואלס און פון די לבנס, מיט וועלכע יידן האָבן קיין שום שייכות נישט באַדאַרפט האָבן, זיי האָבן אַלע געמוזט זיין עקרות. ביי יעדער פון אונדזערע אמהות, האָט זיך געדאַרפט „אָנהויבן" דער יחוס און נישט, ער זאָל זיך ציען פון פריער.

דאָס האָט בלעם געזאָגט: מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו; דאָס יידישע פאָלק איז נישט קיין צופאַל אין דער געשיכטע, ווי אַנדערע פעלקער. יידן האָבן אַ קלאָרן יחוס בריף און אַ קלאָרע אידעע. מיט קיין פאַלשע פראָפּאַגאַנדעס קען מען דעם יידישן נאָמען נישט באַשמוצן. צופיל האָבן יידן געגעבן דער וועלט. מבזה זיין יידן, מיינט: מבזה זיין די גאַנצע קולטור פון דער גאַנצער וועלט.

פינחס

די פסוקים פון דער היינטיקער סדרה דערציילן אונדז פון די לעצטע טעג פון משה רבינו. עס איז געקומען די צייט פאַר משה רבינו צו שטאַרבן. משה רבינו זאָרגט, וועגן אַ נאָכפאָלגער, וועגן אַן אָנפירער פאַר יידן, נאָך זיין טויט.

חז״ל באַמערקן, אַז יידן האָבן געהאַט אַ פירער, ווי משה רבינו, נאָר אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר און ניט געהאַט קיין פעסטן באָדן אונ־טער זייערע פיס. איצט אָבער, ווען יידן זענען געשטאַ־נען אויף דער שוועל פון זייער אייגן לאַנד, האָבן זיי גע־מוזט זיין פעאיק, זיך איינצוּאָרדענען אָן אַ משה רבינו.

ביז יידן זענען געקומען צום ירדן, האָט משה רבינו געהאַט אַ גענוג שווערע אַרבעט: ער האָט געשאַפן פון פאַרשקלאַפטע קנעכט אַ פריי פאָלק. ער האָט זיי געגעבן אַ תורה; ער האָט מיט זיי געלערנט די תורה. ער האָט אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט דאָס פאָלק. ער איז גע־ווען דער דערלייזער און דער פאָלקס־גרינדער. ער האָט

מיט זיי אַדורכגעפירט די זיגן קעגן סיחון און עוג און האָט זיי אַוועק געשטעלט ביי דער גרעניץ פון זייער אייגן לאַנד. פון איצט אָן האָבן יידן אַליין געמוזט טראַכטן פאַר זייער גורל.

וואָלטן יידן טאַקע געווען געהאַט אַ משה רבינו אויך אין זייער אייגן לאַנד, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט פאַרטריבן געוואָרן. וואָלטן אַ משה רבינו געווען זיי באַזעצט איז א"י, וואָלט צו חורבן קיינמאָל נישט געווען געקומען. אָבער אַזוי איז עס געווען אָנגעשריבן; משה רבינו איז קיין ארץ ישראל נישט אַריינגעקומען און יידן זענען פון ארץ ישראל געגאַנגען אין גלות.

דערציילן די פסוקים פון דער היינטיקער סדרה, אַז איידער די יידן זענען אַריין אין זייער אייגן לאַנד און משה רבינו איז נאָך געווען מיט זיי, איז פאָרגעקומען אַ מעשה מיט אַ פראַגע, וואָס די טעכטער פון צלפחד האָבן געשטעלט פאַר משה און משה רבינו האָט ערשט געמוזט אָנפרעגן ביי ג־ט, ווי אַזוי צו ענטפערן.

אַ זייער ענלעכע פראַגע איז, כמעט מיט דעם זעלבן לשון, געשטעלט געוואָרן פאַר משה רבינו, תיכף אין דעם ערשטן יאָר פון דער יידישער וואַנדערונג אין דער מדבר. מערקווירדיק איז, אַז אויך דאָרט האָט משה רבינו אַליין ניט געוואוסט, וויאַזוי צו ענטפערן און אויך דאָרט האָט ער געמוזט פריער פרעגן ביי ג־ט.

אין דער סדרה פון בהעלותך ווערט דערציילט, אַז באַלד ווען יידן האָבן זיך געלאָזט אין מדבר: ויהי אנשים. זע־

נען געווען אייניקע מענטשן, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו משה רבינו מיט דער פראַגע: אָנחנו טמאים לנפש אדם למה נגרע, מיר זענען פאַראומרייניקט צו דער זעלע פון אַ מענטש, פאַרוואָס זאָלן מיר זיין ערגער פון אַלע, נישט צו קענען מקריב זיין פאַר ג־ט דעם באַפרייאונגס־קרבן פון פסח? משה רבינו האָט זיי דאַן געזאָגט: עִמדו; בלייבט שטיין. און ער האָט זיך בּאַראַטן מיט ג־ט, וואָס צו ענטפערן.

אויך אין דער היינטיקער סדרה איז אַן ענלעכע פראַגע געשטעלט געוואָרן פאַר משה רבינו. עס זענען געקומען די טעכטער פון צלפחד און האָבן געזאָגט, אַז זייער פאָטער האָט קיין זון נישט צוריקגעלאָזט: למה נגרע, פאַרוואָס זאָלן מיר זיין ערגער פון אַלע, נישט צו האָבן קיין ערבטייל אין לאַנד?

צוויי מאָל איז פאַר משה רבינו געשטעלט געוואָרן די פראַגע פון למה נגרע; פאַרוואָס זאָל מיר זיין ערגער פון אַלע: איינמאָל אין פאַל פון גייסטיקער, ג־טלעכער טעטיקייט פון אַ באַפרייאונגס־קרבן. און אַ צווייט מאָל פון פיזישן רעכט צו ערבן אַ נחלה אין לאַנד.ביידע מאָל האָט משה רבינו ניט געקענט אַליין ענטפערן.

ווי באַקאַנט, האָט אונדזער תורה אויסער פשט, אויסער טייטש, אויך רמז, אויך אָנדייטונג אויף פאַרשידענע פאַרבאָרגענע געדאַנקען און באַהאַלטענע כוונות.

צו מוזן מיר נישט צוגעבן, אַז די פראַגע פון למה נגרע; פאַרוואָס זאָלן מיר זיין ערגער פון אַלע, איז די

שווערסטע פראַגע, וואָס עגבערט די יידישע מוחות, במשך פון אונדזער צוויי-טויזנט יעריקן גלות? די פראַגע פון למה נגרע, איז ביז היינט פון קיינעם נאָך ניט פאַרענטפערט געוואָרן און קען פון קיינעם נישט פאַרענטפערט ווערן. למה נגרע; פאַרוואָס זענען מיר ערגער פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט? נישטאָ קיין איין פאָלק אין דער וועלט, אויף וועמען מען זאָל קענען אַרויסגעבן גזירות פון אַזאַ מין, ווי להשמיד להרוג ולאבד. נאָר אויף יידן? אַזעלכע גזירות אויף יידן האָבן אַ סך מאָל זיך ווידערהאָלט אין דער געשיכטע. נישטאָ קיין איין פאָלק אין דער וועלט, אויף וועמען אַלע פעלקער זאָלן זיך פאַראייניקן, מיט אַ ציל אַרויסצווייזן שנאה קעגן אים. נאָר לגבי יידן פאַראייניקן זיך אַלע מיט אַנטיסעמיטיזם, כדי זיי פיינד צו האָבן.

זייט טויזנטער יאָר פרעגן מיר די פראַגע פון למה נגרע צוויי מאָל. איינמאָל אין גייסטיקן זין: פאַרוואָס זענען מיר ערגער פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט? אונדזערע אידעאַלן ווערן נישט אָנגענומען פון קיין שום פאָלק. אונדזער תורה איז פאַרהאַסט פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. מען ברענט יידן און מען ברענט די יידישע תורה. מיר פרעגן דיזעלבע פראַגע אויך אין פיזיש-רעכטלעכן זין: למה נגרע, פאַרוואָס זענען מיר ערגער פון אַלע פעלקער פון דער וועלט נישט צו האָבן קיין רעכט אויף אונדזער נחלה אין לאַנד. טויזנטער יאָר האָבן מיר געשריגן ווי די טעכטער פון צל-פחד: תנה לנו אחוזה בתוך אחי

אבינו; גיט אונדז אַפּ אונדזער ערבטייל וואָס מיר האָבן אַ נחלה אין אונדזער לאַנד. פּונקט ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט, וועלכע מיר האָבן תמיד באַטראַכט ווי ברי־דער האָבן זייער נחלה. אונדזער געשריי איז תמיד געפאַלן אויף טויבע אויערן, כי אין לנו בן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין זון, וועלכע זאָלן געוועזן מיט געווער קענען אויסקעמפן דאָס רעכט. די וועלט האָט טויזנטער יאָר נישט געוואָלט אַנערקענען דאָס רעכט פון אונדזער נחלה, בלויז דערפאַר, ווייל למה נגרע, ווייל מיר דאַרפן נישט זיין ערגער פון אַלע פעלקער, ניין! די טענה איז נישט דערהערט געוואָרן. אויף דער טענה איז קיין שום תשובה קיינמאָל נישט געווען. אפילו היינט, ווען מיר האָבן שוין אונדזער מדינת ישראל, איז דאָס אַ טאָג טעג־לעכע דערשיינונג; דאָרט וואו מיר האָבן נישט אונדזע־רע זין, וואָס שטייען און פאַרטיידיקן מיט מאַכט אונד־זערע רעכט, דאָרט ווערן מיר באַרויבט און גאַנץ אומ־רעכטלעך באַהאַנדלט. מיר האַלטן אין איין שרייען: למה נגרע? פאַרוואָס זאָלן מיר זיין אַנדערש פון אַנדערע פעל־קער? ווען מען זאָל זיך דערלויבן לגבי אַנדערע פעלקער, אַזוי צו האַנדלען, וואָלט די גאַנצע וועלט פּראָטעסטירט. אָבער לגבי יידן זענען אַלע אייניק, אַז שולדיק איז קיי־נער נישט, נאָר יידן.

„למה נגרע" איז אַ פראַגע, וואָס אויף איר האָט אפילו אַ משה רבינו קיין תירוץ נישט געהאַט. אויף דער פראַ־גע אין גייסטיקן זין זאָגט משה דערפאַר: עמדו! ווארטס אוים! האָטס געדולד! עס וועט ענדלעך קומען אַ צייט,

ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט איינזען, אַז די יידישע תורה און די יידישע אידעאַלן זענען די איינציקסטע, וואָס זענען בכוח צו ראַטעווען די גאַנצע מענטשהייט פון אומקום. אַט לעבן מיר היינט שוין, אין אַן עפּאָכע פון אַ שרעקלעכן קריזיס אין דער מענטשהייט און עס הערן זיך שוין שטימען פון אַלע זייטן, אַז די איינציקע רפואה פאַר דער אומגליקלעכער וועלט איז, אָנצונעמען יידישע אידעאַלן פון עטיק און מאָראַל.

אויף דער פּיזיש רעכטלעכער פראַגע ענטפערט משה רבינו: ויקרב משה את משפטן לפני ד׳. ליידער איז נישטאָ אויף דעם קיין שום תשובה; נאָר איין ג־ט זאָל איינזען אונדזער רעכט און אונדזער עוולה. איין ג־ט זאָל אַריינגעבן אַ גייסט אין די הערצער פון די פעלקער פון דער וועלט, אַז זיי זאָלן ענדלעך איינזען, ווי אומריכטיק זיי האָבן זייט טויזנטער יאָר געהאַנדלט לגבי יידן; זיי זאָלן איינזען וואָס יידן האָבן געגעבן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און אַז זייער פליכט איז צו שיצן מדינת ישראל; זייער חוב איז נישט צו דערלאָזן, אַז די אומזיסטיקע שונאים פון אונדזער מדינה, זאָלן זיך שאַרפן די ציין מיט אַנטיסעמיטישע לאָזונגען.

אויף דער פראַגע פון למה נגרע איז קיין מענטשלעכע אַנטוואָרט ליידער ביז היינט נישטאָ. גייסטיק זענען אין אַ רוסלאַנד אַלע קולטורן דערלויבט, נאָר נישט די יידישע. פיזיש האָבן אַלע פעלקער פולע רעכט, בלויז אויף אונדז יידן מעג מען טראַכטן אונדז אַריינצוואַרפן אין ים אַריין. נאָר דער רבש״ע קען די פראַגע פאַרענטפערן.

מטות — מסעי

מיר יידן גלויבן, אַז יעדעס איינצעלנע וואָרט, יעדעס איינצעלנע אות אין אונדזער תורה, האָט אַ טיפע באַדייטונג. אין אונדזער היינטיקער סדרה, אין דער פרשה פון מטות, פאַרנעמט דער ענין פון עבר הירדן אַ גאָר גרויסן פּלאַץ. די מעשה אַליין פאַר זיך, דאַכט זיך, איז גאָר אַ פּשוטע און דאָך האָט די תורה אָנגעשריבן זייער אַ סך וועגן איר.

די פסוקים דערציילן, אַז דער שבט ראובן, דער שבט גד און אַ האַלבער שבט פון מנשה זענען געווען רייך אין רינדער און אין פי. ווען זיי האָבן געזען, אַז דער עבר הירדן איז רייך אין פּאַשע. האָבן זיי געוואָלט זיך דאָרט באַזעצן און נישט אַריבער גיין דעם ירדן.

די אונטערהאַנדלונג צווישן זיי און משה רבינו וועגן דעם, איז אַ לאַנגע און איז פול מיט אויפרעגונג און ביטערקייט. משה רבינו רעדט מיט פאָרוואורף קעגן די דריטהאַלבן שבטים און מיר פאַרשטייען נישט, אין וואָס דער שטרייט האָט זיך געהאַנדלט. סוף כל סוף האָט משה

רבינו אליין איינגעוויליקט צו זייער אנטראג. ווען וואָס איז דאן געווען די גרויסע פארביטערונג?

לויט חז״ל, האָט משה רבינו זיך אויפגערעגט, קודם כל, דערפאר, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז די דריטהאַלבן שבטים זענען געניגט צו אָפּגעזונדערטקייט. משה רבינו האָט געהאַלטן, אַז יעדער פרואוו זיך אָפּצוזונדערן פונעם כלל ישראל איז אַ שווערע זינד, קיין שום ציל איז נישט אַזוי הייליק, ער זאָל קענען כשרן די אָפּגעזונדערטקייט. נישט בלויז עקאָנאָמישע צילן, נאָר אפילו קולטורעלע מאָטיוון, זענען נישט באַרעכטיקט צו צעברעכן די איינקייט. „תרבות אנשים חטאים״ זאָגט משה רבינו. תרבות, מיינט קולטור. אפילו תרבות, אפילו קולטור, אפילו אַן אידעע, אויב זי פירט צו אָפּגעזונדערטקייט, איז זי אַ תרבות אנשים חטאים, אַ קולטור פון זינדיקע מענטשען.

משה רבינו האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער פאָרם פון דער שפּראַך, וואָס די דריטהאַלבן שבטים האָבן זיך מיט איר באַנוצט.

די דריטהאַלבן שבטים האָבן געזאָגט: פלעצער פאַר אונדזער רינדער און אונדזער פי וועלן מיר דאָ בויען און שטעט פאַר אונדזערע קליינע קינדער. באַוואָפנט וועלן מיר מיטגיין מיט די יידישע קינדער, ביז וואנען מיר וועלן זיי ברענגען אויף זייער אָרט.

אין די אַלע ווערטער איז אפילו איינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן ג־ט׳ס נאָמען. זיי האָבן גערעדט בלויז פון

זיך אַליין: זיי וועלן בויען זייערע רייכטימער; זיי וועלן פאַרזאָרגן זייערע קינדער און זיי וועלן העלפן די יידן זיך באַזעצן אין זייער לאַנד. קיין מענטש קען נישט רעדן מיט זיכערקייט פון זיך, שטיצנדיק זיך, בלויז אויף זיך אַליין. מען דאַרף זיך נעמען ג־ט צו הילף. מען דאַרף דערמאָנען ג־ט׳ס נאָמען און זיך שטיצן אויך אויף די הילף פון ג־ט.

משה רבינו זאָגט דערפאַר צו זיי: אויב איר וועט מיט ג־ט׳ס הילף גיין צוזאַמען מיט אייערע ברידער און אויב איר וועט מיט ג־ט׳ס הילף איינגעמען דאָס לאַנד, דאַמאָלס קענט איר האָפן, אַז איר וועט מיט ג־ט׳ס הילף אויך פאַרזאָרגן אייערע קינדער און בויען אייערע רייכטימער.

נאָך אַ זאַך, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. משה רבינו האָט באַמערקט אַז די דריטהאַלבן שבטים האָבן זייער נישט ריכטיק גערעדט. זיי האָבן געזאָגט: גדרות צאן נבנה למקננו וערים לטפנו; פלעצער פאַר אונדזער רינדער און פי וועלן מיר דאָ בויען און שטעט פאַר אונדזערע קינדער. צו ערשטן האָבן זיי דערמאָנט זייער פי און זייערע רינדער און דאַן ערשט זייערע קינדער. זייער פאַרמעגן איז ביי זיי געווען וויכטיקער, אפילו פון זייערע קינדער. דאָס האָט משה רבינו אָפּגעשראָקן, אַז זיי זענען אַזוי אַריינגעלאָזט אין דער תאווה פון פאַרמעגן, אַז אפילו זייערע קינדער קומען ביי זיי ערשט נאָך זייער פאַרמעגן. מענטשן, וואָס טראַכטן הויפּטזעכלעך פאַר פאַרמעגן, קען מען נישט פאַרטרויען. אפילו ווען זיי פאַר־

שפרעכן עפעס, איז נישטא קיין זיכערקייט, אז זיי וועלן דאס צוהאלטן.

משה רבינו זאגט זיי דערפאר: „בנו לכם ערים לטפכם וגדרות לצאנכם והיוצא מפיכם תעשו". קודם דענקטס פון אייערע קינדער, קודם פון פלעצער פאר אייערע קינדער, דאן פון פלעצער פאר אייערע שאף, דאס הייסט, פאר פארמעגן. די קינדער מוזן פאר אייך תמיד זיין וויכטי־זיין וויכטיקער פון דעם פארמעגן. ערשט, ווען איר וועט אזוי דענקען, דאן „וכל היוצא מפיכם תעשו", דאן ערשט קען איך גלויבן, אז דאס וואס איר וועט צוזאגן, וועט איר צוהאלטן. אבער אז איר וועט תמיד קודם דענקען אין פארמעגן, קען מען אייך גאר ניט גלויבן.

דער פסוק זאגט, אז א קלוגער האט זיין הארץ אויף דער רעכטער זייט און א נאר האט זיין הארץ אויף דער לינקער זייט. שטעלט זיך א פראגע: האט דען א קלוגער דאס הארץ ניט אויף דער לינקער זייט, גלייך מיט אלע מענטשן?

אבער דא איז פאראן א כוונה. ווי באקאנט איז דאס הארץ פון א מענטש, דאס וויכטיקסטע אבר פון זיין ארגאניזם. דאס הארץ איז ביי אלע מענטשן אויף דער לינקער זייט פון גוף. מען דארף אבער פון דעם נישט דרינגען, אז די לינקע זייט איז די וויכטיקסטע. פונקט פארקערט: דאס הארץ איז אויף דער לינקער זייט, כדי צו קענען ווירקן אויף דער רעכטער זייט, וואו עס גע־פינט זיך דער צענטער פון דער בלוט צירקולאציע. דער

תכלית פון דעם הארץ איז דער עיקר און נישט דער פלאץ, וואו דאס הארץ געפינט זיך. דאס הארץ איז אויף דער לינקער זייט, כדי עס זאל האבן די געהעריקע השפעה, אויף דער אנטקעגנזעצטער זייט, וואס איז רעכטס.

דאס מיינט דער פסוק: לב חכם לימינו, דער קלוגער ווייסט, אז דאס, וואס דאס הארץ איז אויף דער לינקער זייט איז דאס נישט, ווייל די לינקע איז דער עיקר. ניין! דער עיקר איז נישט דער פלאץ, נאר דער תכלית. ולב כסיל לשמאלו: דער נאר פארשטייט נישט קיין תכלית און פארשטייט נישט קיין ציל. פאר אים עקזיסטירט בלויז דאס, וואס ער זעט מיט זיין אויג: דאס וואס ער האט אין דעם מאמענט און נישט דאס, וואס עס קומט אין דער צוקונפט. ער זעט דאס הארץ אויף דער לינקער זייט, דערפאר איז די לינקע ביי אים די וויכטיקסטע.

פאראן מענטשן וואס זענען, ווי יענער נאר בנוגע צום הארץ. זיי באטראכטן פארמעגן פאר דאס וויכטיקסטע אין לעבן, ווייל זיי זעען מאמענטאן די נוצלעכקייט פון דער געלד. זיי פארגעסן אבער אז געלט איז וויכטיק, אויף וויפיל עס נוצט צו א תכלית. אויפצוגעבן דעם תכלית צוליב געלט, איז נאריש. משה רבינו האט דערפאר אויפגעקלערט די דריטהאלבן שבטים, אז זיי זענען אין א גרויסן טעות, ווען זיי האבן אוועקגעשטעלט די פארמעגן פראגע פאר די פראגע פון זייערע קינדער. קינדער זענען דער תכלית פון דעם מענטש. געלט מיט פארמעגנס זענען בלויז מיטל, צו קענען דערציען גוט קינדער

און צו קענען מיט געלט טאָן גוטע זאַכן. אויב ניט, צו וואָס דאַרף מען דאָס געלט?

ערשט דאַמאָלס, ווען די דריטהאַלבן שבטים האָבן צו־ריק געצויגן זייערע רייד און פאַרזיכערט, אַז זיי רעכנען זיך מיט ג־ט׳ס הילף און זיי האָבן מודה געווען, אַז קינ־דער זענען ביי זיי וויכטיקער ווי דאָס פאַרמעגן, ערשט דאַמאָלס האָט זיי משה רבינו געגלויבט אַז זיי מיינען נישט זיך אָפּצוטיילן פון דעם כלל, און אַז זיי וועלן האַלטן זייער צוזאָג. זיי וועלן צוזאַמען מיט אַלע יידן קודם כל פאַרזיכערן דאָס לאַנד פאַר דעם גאַנצן פאָלק, דאַן ערשט וועלן זיי זיך באַזעצן אין עבר הירדן.

במדבר דברים

במדבר

דער פערטער חומש פון דער תורה הייסט במדבר. ער שילדערט פאַר אונדז די היסטאָרישע געשעענישן און פּאַסירונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען, ביי די יידן, בשעת זיי האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר. אויך די סדרה פון דער הײנטיקער וואָך הייסט במדבר. זי דערציילט, אַז נאָכדעם ווי עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכן, אָדער דער אוהל מועד, האָט ג־ט באַפוילן צו משה, ער זאָל ציילן די יידן און אויפנעמען גענוי זייער צאָל.

דער ענין פון ציילן די יידן בכלל און דאָס ציילן זיי איצט, נאָך דעם אויפשטעלן פון דעם משכן, בפרט איז פון אונדזערע חכמים זייער אַ סך געדרשנט געוואָרן. צו וואָס האָט השי״ת געוואָלט, אַז מען זאָל ציילן די יידן? וואָס פאַר אַ צוועק האָט געהאַט דאָס ציילן? דאָן: מיר ווייסן דאָך, אַז אָט ערשט האָט מען די יידן געציילט נאָך דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט געמאַכט דאָס עגל. קוים זעקס חדשים זענען אינגאַנצן אַוועק, זייט דעם, וואָס מען האָט זיי געציילט. צו וואָס עפּעס נאָכאַמאָל ציילן? אמת, אַז

אויך אַנדערע פעלקער אין דער וועלט ווייסן פון ציילן די באַפעלקערונג; זיי מאַכן סטאַטיסטיקס און נעמען אויף די צאָל פון זייער באַפעלקערונג. אָבער סטאַטיסטיקס מאַכט מען געוויינלעך איינמאָל אין צען יאָר, כדי צו וויסן, צו די באַפעלקערונג איז געשטיגן און מיט וויפיל זי איז געשטיגן. מען האָט אָבער נאָך נישט געהערט, אַז אַ פאָלק זאָל מאַכן סטאַטיסטיקס צוויי מאָל אין איין יאָר, בלויז דערפאַר, כדי צו וויסן די צאָל פון דער באַפעלקערונג. דאָס ציילן איז געווען אַ שווערער ענין פאַר חז״ל. כדאי זיך דערפאַר צו באַקענען מיט דעם ענין אַביסל נענטער.

פאַראַן אין דער גמרא אַ וואונדערלעכער מאמר, אויף וועלכן עס האָבן זיך געמאַטערט אונדזערע גרעסטע ראַשונים. די גמרא זאָגט אין אַ ברייתא: לעולם ידור אדם בארץ ישראל; אַ ייד זאָל תמיד וואוינען אין ארץ ישראל, אפילו בעיר שרובה עובדי כוכבים; אפילו אין אַ שטאָט, אין וועלכער די איינוואוינער זענען אין מערהייט געצנדינער. ואל ידור בחוץ לארץ אפילו בעיר שרובה ישראל; ער זאָל נישט וואוינען אין חוץ לארץ, אפילו אין אַ שטאָט, אין וועלכער די מערהייט איז פון יידן. דער דין פון דער גמרא איז זייער פאַרשטענדלעך: אויב אַ ייד האָט נאָר די מעגלעכקייט, איז ער תמיד מחוייב צו וואוינען אין ארץ ישראל, אפילו ווען אין ארץ ישראל געפינען זיך גויים און ער זאָל נישט וואוינען אין חוץ לארץ, אפילו ווען עס וואוינען דאָרט אַ סך יידן. אָבער די גמרא פירט דאָרט אויס מיט אַ שרעקלעכן זאַץ: שכל הדר בארץ ישַ-

ראל דומה כמי שיש לו אלוה וכל הדר בחוץ דומה כמי שאין לו אלוה; ווייל, ווער עס וואוינט אין ארץ ישראל איז גלייך ווי ער האָט אַ ג־ט; אָבער דער, וואָס ער וואוינט אין חוץ לארץ, איז גלייך ווי ער האָט נישט קיין ג־ט.

וואָס מיינט דאָס? מיט וואָס פאַר אַ רעכט באַהויפּ־טעט די גמרא אַזאַ שרעקלעכן דין? וואָס האָט ג־טלעכ־קייט צו טאָן מיט דעם פּלאַץ, וואו מען וואוינט? דאכט זיך, אַז מען קען וואוינען אין חוץ לארץ און האָבן ג־ט; און מען קען וואוינען אין ארץ ישראל און ניט האָבן קיין ג־ט? אויב איינער איז פרום און גלויביק, האָט ער ג־ט איבעראַל וואו ער געפינט זיך. אויב איינער איז נישט פרום און נישט גלויביק, האָט ער נישט קיין ג־ט, אפילו אין ארץ ישראל? ווי קומט דאָס די גמרא אָפּצופּסקנען, אַז אַזעלכע גרויסע תנאים און אמוראים, גאונים און פוסקים, וועלכע האָבן אַלע געלעבט אין חוץ לארץ, זאָלן האָבן געווען גלייך, ווי ח״ו אָן ג־ט?

גרויסע גאונים האָבן זיך פאַרטיפט אין דער גמרא און האָבן אַרויסגעברענגט; אַז פון הלכה שטאַנדפּונקט איז דער דין פולשטענדיק אויסגעהאַלטן.

דער מדרש דערציילט, אַז ר׳ יהושע איז אַמאָל געווען אין רוים. דאָרט האָט ער געהאַט אַ וויכוח מיט אַ רוימישן דענקער, וועגן יידן און יידישקייט. דער רוימישער דענ־קער האָט דאן געפרעגט ר׳ יהושען: אין דער יידישער תורה שטייט געשריבן, אַז אחרי רבים להטות; מען דאַרף זיך ריכטן נאָך דער מערהייט און מען דאַרף זיך רעכנען

מיט דער מאַיאָריטעט. מיט וואָס פאַר אַ רעכט לעבן יידן מיט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, אַנדערש פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט? פעלקער פון דער וועלט זענען דאָך אַ מערהייט אַ קעגן יידן און יידן מוזן, לויט דער פאַרשריפט פון זייער אייגענער תורה, אָננעמען דעם לעבנסשטייגער פון דער מערהייט?

אָט דער אַרגומענט פון יענעם רוימישן דענקער איז פאַלש פון דעם שטאַנדפּונקט פון הלכה. דער דין פון אחרי רבים להטות; דער אַזויגערופענער מאַיאָריטעטס כוח, איז נישט קיין אַלגעמיין גילטיקער. אין דער גמרא זענען פאַראַן געוויסע פעסטע באַגרענעצונגען, ווי מען קען נישט אָנווענדן קיין מאַיאָריטעט רעכט. עס זענען פאַראַן פראַגן, אין וועלכע עס איז איבערהויפּט נישט שייך צו זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ רבים און אַ מיעוט. במילא קען מען דאָרט נישט אָנווענדן דעם דין פון אחרי רבים להטות.

זייער אינטערעסאַנט איז דער דין פון: כל קבוע כמ־חצה על מחצה דמי; אַ זאַך, וואָס איז פעסט; אַ זאַך, וואָס איז צוגענאָגלט און איז נישט באַוועגלעך, פאַלט ניט אַרונטער אונטער דעם דין פון רוב. דאָס מיינט, אַז דער רוב האָט על פי דין אַ כוח, נאָר דאַמאָלס, ווען ער קומט זיך צונויף מיט דעם מיעוט און ער מאַיאָריזירט אים. אין אַ פאַל אָבער, ווען דער רוב קומט זיך נישט צונויף מיט דעם מיעוט; דער מיעוט איז צוגענאגעלט צו זיין פּלאַץ און פאַלט נישט אַריין אין דעם רוב, דאַמאָלס קען

דער רוב נישט מאַיאָריזירן דעם מיעוט און ער האָט אי־
בער אים קיין שום כוח נישט.

דער קלאַסישער משל פאַר דעם ענין לויטעט אין דער גמרא ווי פאָלגט: אויב אַ טרפה שטיקל פלייש, פאַלט אַריין צווישן עטלעכע שטיקלעך כשר פלייש און זיי מישן זיך צוזאַמען, ווערן אַלע כשר. דער רוב פון דעם כשרן פלייש דעצידירט און פאַראורזאַכט אַז אַלץ ווערט כשר. אַנדערש אָבער איז: ווען אַ ייד ווייסט למשל, אַז אין זיין שטאָט זענען פאַראַן צען יאַטקעס, וואָס פאַרקויפן כשרע פלייש און איינע איז דאָ, וואָס פאַרקויפט טרפה. אָבער ער ווייסט נישט, אָדער ער האָט פאַרגעסן, וועל־כע עס איז די איינציקע, טרפהנע יאַטקע. אין דעם פאַל, טאָר ער אין קיין שום יאַטקע נישט קויפן קיין פלייש, ווייל טאָמער איז דאָס די טרפהנע יאַטקע. עס שטעלט זיך אַ פראַגע: עס זענען דאָך דאָ גאַנצע צען כשרע יאַט־קעס; פאַרוואָס זאָל מען נישט מעגן נאָכגיין נאָך דעם רוב און קויפן אין יעדע יאַטקע, פאַרלאָזנדיק זיך, אַז זי איז פון דער מאַיאָריטעט? דער תירוץ איז: ביי שטיקלעך פלייש קומט מען אין באַרירונג מיט דעם גאַנצן אויסגע־מיש. אין דעם אויסמיש איז דאָ אַ מאַיאָריטעט פון כשר, דערפאַר מעג מען עסן, ווייל די מאַיאָריטעט דעצידירט. אָבער ביי די יאַטקעס, שטייט יעדע יאַטקע אויף איר פּלאַץ. די יאַטקעס מישן זיך ניט. יעדע יאַטקע, איז צוגע־נאָגלט צום באָדן און איז ניט באַוועגלעך. ווען דער מענטש קומט אַריין אין אַ יאַטקע, קומט ער בלויז אין איינער

און ער האָט מיט די אַנדערע גאַר נישט צו טאָן. וואָס פאַר אַ כוח האָבן די צען יאַטקעס וואָס שטייען אין דרויסן, ערגעץ ווייט פון דער, אַז זיי זאָלן קענען דעצידירן וועגן דעם פלייש פון דער אָפּגעזונדערטער, אַליין שטייענדיקער יאַטקע? דערפאַר איז אין דעם פאַל נישטאָ קיין מאַיאָריטעטס כוח.

דאָסזעלבע ווענדן חז״ל אָן ביי מענטשן און ביי פעלקער. אויב אַ פאָלק, איז אין זיין אייגן לאַנד, איז עס געבונדן מיט זיין לאַנד. דערפאַר דאַרף עס זיך נישט רעכענען מיט קיינעם. די גאַנצע וועלט, מעג זי זיין די גרעסטע מאַיאָריטעט, האָט זי קיין איינפלוס נישט אויף דעם קליינעם, אָבער צו זיין לאַנד צוגענאָגלטן פאָלק. קוים אָבער ווערט אַ פאָלק אָפּגעריסן פון זיין באָדן און מישט זיך אוים צווישן אַן אַנדער פאָלק, דאַמאָלס האָט דער רוב אַ גרויסן כוח און ער דעצידירט.

מיט רעכט זאָגט דערפאַר די גמרא, אַז אַ ייד, אויב ער וואוינט אין ארץ ישראל, אין זיין אייגן לאַנד, דאַרף ער זיך נישט רעכענען מיט דער גאַנצער וועלט און ער האָט דערפאַר זיין אייגענעם ג-ט. קוים אָבער וואוינט ער אין חוץ לארץ, אָפּגעריסן פון זיין באָדן און אויסגעמישט צווישן אַ מערהייט פון אַ פרעמדן קולט, מעג ער זיין ווי אַנגעבונדן צו זיין אמונה, ער ווערט דאָך מאַיאָריזירט פון דער מערהייט און עס איז גלייך ווי ער האָט נישט זיין אייגענעם ג-ט.

דאָס איז אַ ביטערער אמת. אַ גאַנצער ייד איז נאָר

דער, וואָס וואוינט אין ישראל. אין ישראל קען אפילו אַן איינצעלנער ייד זיך אויסלעבן אינגאַנצן אין זיינע איי־גענע אידעאַלן און זיך גאָר נישט רעכנען מיט דער אַרו־מיקער וועלט. וואָס פאַר אַ כוח האָט די גאַנצע וועלט צום יידן אין ישראל? אין חוץ לארץ אָבער, ווערט דער ייד מאַיאָריזירט פון דעם רוב, צו ער וויל יאָ, צו ער וויל נישט.

פאַראַן אָבער אין דער הלכה נאָך אַ פאַל, ווען די מי־נאָריטעט דאַרף זיך נישט רעכנען מיט דער מאַיאָריטעט, אפילו דאַמאָלס ווען זיי זענען אויסגעמישט צוזאַמען. דאָס איז, ווען דער מיעוט ציילט זיך. דבר שבמנין לא בטל; דאָס, וואָס עס ציילט זיך ווערט נישט בטל. אויב אַ גרו־פּע מענטשן וויל נישט זיין אונטערלעגן דער מאַיאָריטעט, בילדעט זי אַ באַזונדערע קערפּערשאַפט פאַר זיך און דאַרף דאַמאָלס זיך נישט רעכנען מיט דער אַלגעמיינ־הייט. אַזאַ קערפּערשאַפט מוז זיך ציילן. זי מוז האָבן כסדר אַ באַשטימטע צאָל פון מיטגלידער. דאָס ציילן און דאָס האַלטן אין עווידענץ די איינצלנע מיטגלידער, דאָס גיט דער קערפּערשאַפט דעם כוח, אַז זי איז נישט משועבד צו קיינעם און קיינער האָט איבער איר קיין דעה נישט.

דאָס נצחיות פון דעם יידישן פאָלק, איז פון תמיד באַ־שטאַנען און באַשטייט אויך היינט הויפּטזעכלעך אין דעם, וואָס יידן לאָזן זיך נישט אַסימילירן. זיי לעבן מיט זייער אייגענעם לעבנסשטייגער און רעכענען זיך נישט מיט דער גאַנצער וועלט. לעבנדיק אין ארץ ישראל, האָט

די צוגעבונדנקייט צום לאַנד געגעבן דעם ייד אַ כוח, ער זאָל זיך נישט דאַרפן רעכענען מיט דער מאַיאָריטעט, נאָר לעבן זיין אייגן אָפּגעזונדערט לעבן. גייענדיק אין גלות און לעבנדיק צווישן צווישן די פעלקער פון דער וועלט, וואָלט טאַקע לויט אַלע געזעצן פון רעכט און לאָגיק, דער ייד שוין לאַנג געווען געדאַרפט אויפגיין אין דער גרויסער מאַיאָריטעט. אָבער דאָ האָט געווירקט אַן אַנדערער כוח: דער כוח פון ציילן. איבעראַל, וואו יידן האָבן זיך באַזעצט צווישן די פעלקער פון דער וועלט, האָבן זיי קיינמאָל נישט געלעבט אָן חשבון. זיי זענען נישט געווען קיין פאַרלוירענע מינאָריטעט. זיי האָבן געגרינדעט זייערע קהלות, זייערע קערפּערשאַפטן מיט אַ גענויער סטאַטיסטישער צאָל. די סטאַטיסטיק, די כסדר־דיקע בוכהאַלטונג פון די יחידים, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער קהלה, דאָס האָט דערהאַלטן די אייגנאַרטיקייט פון דעם ייד, ער זאָל נאָט גיין פאַרלוירן אין דער מערהייט פון דער אומגעבונג.

לויט דער גמרא, איז אין ישראל נישט נויטיק קיין באַזונדערע קערפּערשאַפטן. עס איז נישט נויטיק קיין כסדרדיק ציילן פון יידן. אין גלות דאַקעגן, צווישן די אומות העולם, מוזן יידן זיך כסדר ציילן מיט דער אָנגעהעריקייט צו דער יידישער מינאָריטעט. קוים הערן יידן אויף זיך צו ציילן, ווערן זיי, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, פאַרלוירן אין דעם רוב, צווישן וועלכן זיי לעבן.

באַלד ווי די יידן האָבן זיך פאַרויסגעלאָזט אין זייער

ערשטן וואנדער וועג, אין דער מדבר, האָט זיי געדראָט די סכנה פון אַסימילאַציע, פון מישן זיך מיט דער מער־הייט. השי״ת האָט דערפאַר געהייסן די יידן ציילן און דאָס וועט זיי אָפּהיטן פון דער דרויסנדיקער אַסימילאַציע.

לעבן צווישן פעלקער פון דער וועלט איז פאַר דעם ייד נאר מעגלעך דאַמאָלס, ווען ער געהערט אַלס פּינקט־לעך געציילטער מיטגליד צום כלל ישראל, דאָס איז דער סוד פון דער היינטיקער סדרה.

נ ש א

אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך געפינט זיך די פרשה פון ברכת כהנים. ג־ט באַפעלט דורך משה רבי־נו, אַז די כהנים, די גייסטיקע פירער פון די יידן, זאָלן בענטשן דאָס פאָלק. אַ טיפע כוונה ליגט אין דעם אָנ־זאָג. צו בענטשן דאָס פאָלק, דאָס מיינט: אַרויסצוברענ־גען און צו דעפינירן, וואָס עס איז אַ ברכה פאַרן פאָלק און אין וואָס עס באַשטייט די ברכה, דאָס באַלאַנגט ניט: ניט צו קיין גבירים, נישט צו קיין חכמים און נישט צו קיין פראַקטישע מענטשן, נאָר דווקא צו די כהנים. דווקא די גייסטיקע פירער, זענען די איינציקע, וועלכע פאַר־שטייען זיך אויף דעם.

אין דעם לעבן פון דעם מענטש איז נישט פאַראַן קיין שום באַגריף, וועלכער זאָל זיין אַזוי אומקלאָר, אַזוי פאַר־פלאָנטערט און אַזוי פאַרפירעריש, ווי דער באַגריף פון ברכה, דער באַגריף פון גליקזעליקייט פאַר דעם מענטש. אין קיין שום זאַך, מאַכט דער מענטש נישט אַזוי פיל טעותים אין זיין לעבן, ווי דווקא בנוגע צו דעם, וואָס עס

איז פֿאַר אים אַ ברכה און אַ גליק. דאָס גאַנצע לעבן פֿון אַ מענטש, איז איין לאַנגע קייט פֿון אַנטוויקלונגען, בנוגע צו זיין גליק און צו זיין ברכה. דאָס, וואָס דער מענטש שטעלט זיך פֿאַר אַלס ברכה און גליק, קומט גאָר מייס־טענטיילס אַרויס אַלס אומגליק און קללה. אויך פֿאַר־קערט: דווקא דאָס וואָס דער מענטש שטעלט זיך פֿאַר אַלס קללה און אומגליק, קומט גאָר אַרויס אַלס גליק און ברכה. מיט רעכט זאָגט דערפֿאַר די תורה, אַז באַגריפֿן פֿון ברכה און גליק באַלאַנגען צו די כהנים, צו די גייס־טיקע מענטשן. נאָר זיי ווייסן וואָס עס איז אמתדיק גליק פֿון לעבן.

אין קורצע, איינפֿאַכע דריי זאַצן האָבן די כהנים אויס־געדריקט די ברכה צום פֿאָלק: יברכך ד׳ וישמרך: ג־ט זאָל דיך בענטשן און דיך היטן. יאר ד׳ פניו אליך ויחנך; ג־ט זאָל דערלייכטן זיין פּנים צו דיר און דיך זעליקן. ישא ד פניו אליך וישם לך שלום; ג־ט זאָל אויפהויבן זיין פּנים צו דיר און דיר געבן שלום. וואָס פֿאַר אַ וואונ־דערלעכע פשטות, עס איז דאָ אין די ברכות. עס רעדט זיך נישט פֿון קיין פֿאַנטאַסטישע רייכטימער, העלדיש־קייטן און נצחונות, נאָר פֿון איינפֿאַכקייט, סאָלידקייט און רואיקייט, ווייל נאָר זיי זענען דער פֿונדאַמענט פֿון גליק אין לעבן.

חז״ל האָבן די ברכות זייער דייטלעך אויסגעטייטשט. די ערשטע ברכה באַציט זיך אויף גשמיות. ״יברכך ד׳״ מיינט: בממון; ג־ט זאָל דיך בענטשן מיט געלט, מיט

פרנסה, מיט האבן כל טוב אין דעם טאג טעגלעכן לעבן. וישמרך, מיינט: בגוף; ג־ט זאל דיך אפהיטן קערפערלעך; זאלסט זיין פיזיש געזונט. זיכער איז געזונט און פרנסה דער פונדאמענט פון א גליקלעך לעבן. אן פרנסה איז צרות אין שטוב. אן פרנסה, איז דאס לעבן אן עול, א לאסט, וואס מען קען עס קוים דערטראגן. דאס זעלבע איז מיט געזונט. אויב עס פעלט חלילה דאס פיצעלע געזונט, איז דאס גאנצע לעבן ווערט א שישקע. וואס האט מען פון דעם לעבן, אז דער קערפערלעכער ארגאניזם פונקציאנירט נישט, ווי עס דארף צו זיין און מען גייט ארום מיט שמערצן? אפגעהיטן זאל מען ווערן פון אזא לעבן.

פון א צווייטער זייט אבער זאל מען נישט מיינען, אז אויב מען האט שוין געזונט און מען האט פרנסה, איז מען שוין פארזיכערט מיט א גליקלעך לעבן. ניין, עס הויבט זיך נאך אפילו נישט אן! א מענטש קען זיין געזונט, ווי שמשון הגבור, ער קען אויך זיין רייך ווי קרח און דאביי זיין אזוי אומגליקלעך, ווי שמשון און ליגן ניין אליין טיף באגראבן לעבעדיקערהייט, ווי קרח. א מענטש לעבט נישט אליין אויף דער וועלט און קען ניט לעבן אליין. ער מוז האבן א פאמיליע און מוז האבן א געזעלשאפט. ער מוז אויך האבן א צופרידן פאמיליענלעבן און א צופרידן געזעלשאפטלעך לעבן. אויב דער מענטש האט נישט קיין צופרידן פאמיליענלעבן, איז ער אומגליקלעך. עס איז עולם חשך בעדו; ער האט א פאר־

פינצטערט לעבן. דאָסזעלבע אויך ווען אַ מענטש ווערט פאַרפאַלגט פון דער געזעלשאַפט, ווען ער האָט נישט קיין שלום מיט דעם דרויסן, מיט דער סביבה, מיט דער אַרומיקער וועלט, איז אויך אָן אָך און ווי צו אים. די כהנים האָבן דערפאַר פאַרענדיקט זייער ברכה מיט דעם ווונטש פון שלום. שלום איז דאָ געמיינט: דער שלום פון אינעווייניק, דער שלום בית און צוגלייך דעם דרויסנדיקן שלום, דעם שלום מיט דער סביבה.

איינער פון אונדזערע דענקער שטעלט זיך אָפּ און באַמערקט, אַז די דערמאָנטע צווייערליי שלומס; דער אינעווייניקסטער שלום און דער דרויסנדיקער שלום, גייען ליידער נישט האַנט ביי האַנט אין דעם לעבן פון אַ מענטש. דער אינעווייניקסטער שלום דער שלום בית, איז אין גאַנצן אָפּהענגיק פון דער ערשטער ברכת כה־נים, פון דעם גשמיות. וואָס מער פרנסה און געזונט אַ מענטש האָט, אַלץ אַ בעסערן שלום בית האָט ער. אויב מען האָט פרנסה בריווח, קען מען נאָכקומען אַלע באַ־דערפענישן, וואָס אַ היים פאַרלאַנגט. מען קען געבן די קינדער אַ גוטע דערציאונג, במילא האָט מען אַ צופריי־דענע היים. דאַקעגן חלילה, ווען מען האָט נישט קיין פרנסה, מען קען נישט דערהאַלטן די היים און מען איז נישט בכוח צו דערציען די קינדער, איז מען אַ שלומיאל און מען האָט נישט קיין היים. אָדער חלילה, ווען מען איז קראַנק, דאַמאָלס איז די שטוב אַ טרויעריקע און עס פעלט דער שלום בית.

ביים דרויסנדיקן שלום, ביים שלום מיט דער סביבה. איז פונקט פאַרקערט, אויב איינער האָט חלילה נישט קיין פרנסה אָדער ער איז קראַנק, איז אים קיינער נישט מקנא. קיינער טשעפּעט אים נישט. מען לאָזט אים במ־נוחה און ער האָט מיט דעם דרויסן קיין שום מחלוקתן נישט. אַ מענטש קומט אין קאָנפליקט מיט דער סביבה, נאָר דאַמאָלס, ווען עס ווערט ביי אים מקויים די ערשטע ברכה פון די ברכת כהנים; ווען ער פאַרמאָגט עפּעס און ער איז שטאַרק, דאַמאָלס איז מען אים מקנא און עס הויבט זיך אָן אַ מחלוקת. וואָס מער אַ מענטש פאַרמאָגט, וואָס שטאַרקער אַ מענטש איז, אַלץ מער פּרעטענדירט ער אין דער געזעלשאַפט און אַלץ מער וואקסט די קעג־נערשאַפט צו אים. דאַקעגן אַזעלכער, וואָס האָט נישט זוכה געווען צו דער ערשטער ברכה פון די כהנים און איז אַ צעבראָכענער קבצן, דער האָט קיין שונאים נישט. פון דעם קומט אויס, אַז דער שלום בית מיט דעם שלום מיט דער סביבה, גייען נישט צוזאַמען. האָט מען שלום בית, פאַרמאָגט מען עפּעס, האָט מען נישט קיין שלום מיט דעם דרויסן. .האָט מען שלום מיט דעם דרויסן, איז אַ סימן, אַז מסתמא איז נישטאָ פאַר וואָס צו פירן מיט אַזוינעם קיין מלחמות. דאָס מיינט, אַז מסתמא איז נישטאָ ביי אים קיין שלום בית.

וואָלט אָט דאָס פאַרהעלטניש, נאָך געווען צו דער־ליידן. פון דעם אלעם קומט עכ״פ אויס, אַז מיט איין מין שלום איז יעדער מענטש געזיכערט. אָדער ער האָט שלום

בית, אָדער ער האָט שלום מיט דער געזעלשאַפט. איז אָבער מיט דעם מענטש אַן אומגליק, אַז ער אַליין ריכ־טעט זיך זיין אייגן לעבן צומאָל אַזוי איין, אַז ער האָט גאָר נישט: נישט קיין שלום בית און נישט קיין שלום מיט דער סביבה. דאָס קומט פאָר ביי דעם טיפּ מענטשן, וואָס געהערן צו די דל גאה׳ם, צו די פאַרשייטע קבצ־נים. באמת פאַרמאָגן זיי גאָר נישט; זיי זענען דלפנים. פאַר שטייט זיך, אַז זיי קענען נישט אַמאָל דערהאַלטן זייערע היימען און האָבן אין זייערער שטיבער אַ גיהנום פון זייערע אייגענע פרויען און קינדער. אָבער טראָצדעם זענען זיי גרויסע מוילמאַכערס און באַווייזן זיך אין דער גאַס אַלס תקיפים, אַלס נגידים. זיי וועקן אויף אַ פּוסטע קנאה ביי אַנדערע. זיי ווערן דערפאַר געהאסט פון דער סביבה, אַזוי אַז זיי בלייבן ביי גאָר נישט. נישט זיי האָבן שלום אין דער היים און נישט זיי האָבן שלום אין דרויסן.

די כהנים, איידער זיי האָבן געבענטשט די יידן מיט די צוויייערליי שלומס האָבן זיי דערפאַר מקדים געווען די ברכה פון: יאָר ד׳ פניו אליך ויחנך; ווי חז״ל זאָגן, מיינט די ברכה: צו האָבן שכל. אויב מען האָט שכל, קען מען זיך איינריכטן דאָס לעבן אַזוי, אַז מען זאָל האָבן אַלעביידע שלומס; אין שטוב און אין דרויסן. פּונקט ווי נאַ־רישקייט ברענגט צו דעם, אַז מען פאַרלירט אַלע ביידע שלומס, פּונקט אַזוי קען קליגשאַפט ברענגען צו דעם, אַז מען זאָל האָבן אַלע ביידע צוזאַמען. אויב אַ ייד איז

געבענטשט מיט דער ערשטער ברכה פון געזונט און עשירות, ריכטעט מען זיך איין אַ פיינע היים און מען דערציט גוט די קינדער, האָט מען דעם אמתן שלום בית. אין דרויסן דאַרף מען גאָר די עשירות און שטאַרקייט נישט באַווייזן. מען מוז נישט קלינגען אין גאַס און מען מוז נישט דערוועקן קיין קנאה און קיין שנאה. אין דרויסן, אפילו ווען מען וויל שוין עפּעס טאָן, מוז מען עס ניט אויסשרייען און וועקן דערמיט קעגנערשאַפט און מחלוקתן.

דאָסזעלבע, וואָס קומט פאַר ביי אַ יחיד, דאָסזעלבע געשעט אויך ביי אַ גאַנץ פאָלק. אַ פאָלק וואָס בויט, וואָס בליט, וואָס עס וואקסט אין שטאַרקייט און אין אָנזען, דערוועקט עס קנאה ביי די אַרומיקע פעלקער. עס דאַרף דערפאַר אָנווענדן שכל און חכמה, אויסצומיידן די שנאה פון דער סביבה, אויסצומיידן שטרייטיקייטן און מלחמות, כדי עס זאָל קענען אינערלעך זיך אַנטוויקלען במנוחה.

דער נביא ישעיה זאָגט: „אם תאבו ושמעתם טוב הארץ תאכלו ואם תמאנו ומריתם חרב תאכלו״; אויב איר וועט וועלן און איר וועט אייך צוהערן, וועט איר עסן דאָס גוטע פונעם לאַנד. אויב אָבער איך וועט נישט וועלן און וועט ווידערשפעניקן, וועט איר פון דער שווערד פאַרצערט ווערן. די מפורשים שטעלן זיך אָפּ אויף די ווערטער פון דעם נביא. דער זאַץ איז נישט פאַרשטענדלעך. דער אויספיר שטימט נישט מיט דעם אָנהויב. דער

נביא הויבט אָן מיט דעם, וואָס ער זאָגט צו די יידן, אַז אויב זיי וועלן זיך צוהערן צו דער תורה, וועלן זיי האָבן דאָס בעסטע צו עסן, איז דאָך געננוג לאָגיש אויסצופירן, אַז אויב זיי וועלן זיך נישט צוהערן, וועלן זיי נישט האָבן צו עסן און זיי וועלן הונגערן. צו וואָס עפּעס אַ נייע שטראָף פון אַ שווערד?

אָבער דער נביא האָט דאָ אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק: אויב אַ פאָלק האָט דעם „טוב הארץ". עס האָט מאַטעריעל דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, מוז עס בעיקר געדענקען אין זיין תורה. עס מוז שטעלן דעם דגש חזק אויף זיין אינערלעכן, אייגנאַרטיקן לעבן. עס דאַרף ניט קלינגען מיט קיין גלאָקן און אויפרעגן די סביבה. אויב עס וועט אָבער נישט אין זין האָבן זיין אייגן אינערלעך לעבן, דאַמאָלס וועט דווקא דער טוב הארץ, דווקא די פּראָספּעריטי פון דעם לאַנד ברענגען צו דעם חרב תאכלו, צו אַ שווערד, וואָס וועט קומען פון דרויסן כדי צו פאַרצערן דאָס פאָלק.

חז"ל דריקן דאָס אויס אין אַ קורצן זאַץ. זיי זאָגן: הככר והמקל ירדו כרוכים מן השמים; ברויט און אַ שטעקן זענען אין לעבן צוזאַמען געבונדן. דאָס מיינט, אַז נאָר דאַמאָלס, ווען עס איז דאָ ברויט, דאַמאָלס דראָט די געפאַר פון אַ דרויסנדיקן שטעקן. דערפאַר מוז מען לעבן מיט תורה, מיט פאַרשטאַנד, כדי צו קענען געניסן פון דער ברכה פון דעם גשמיותדיקן לעבן.

דער באַרג סיני

אין דער פרעמדער, גויישער מיטאָלאָגיע זענען געוויסע אידעען פאַרקערפּערט געוואָרן אין פעלדזן, אין שפּיצן־בערג, אין רוישנדיקע כוואַליעס פון ים. פאַרשיידענע פאַנטאַזיעס, גלויבנס און פאָרשטעלונגען זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער זון און אין די שטערן. דער וועלטלעכער מיטאָס איז צוגעבונדן געוואָרן צום באַרג, פעלדז און שטיין און איז בּיסלעכווייז, טאַקע פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער טויטער נאַטור...

אַנדערש איז עס געשען מיט דעם באַרג סיני. עס זענען ביז היינט ניט געגרינדעט געוואָרן אויף אים קיין שום טעמפּלען; עס זענען ביז היינט נישט פאַראַנשטאַלט געוואָרן צום באַרג סיני קיין שום פּילגרימען, אָדער וואַנדערונגען. דער דאָזיקער באַרג האָט זיין הייליקייט נישט איינגעשלאָסן אין זיך, און די הייליקייט זיינע איז נישט פאַרקערפּערט געוואָרן אין זיין פעלדז, אָדער שטיין, פּונקט ווי דאָס איז געשען מיט אַנדערע, פון דער וועלט געהייליקטע ערטער. אפנים, אַז אין די הערצער

פון דער גאַנצער מענטשהייט, לעבט אַן איבערצייגונג, אַ מין אונטערבאַוואוסט געפיל, אַז צווישן דעם סיני און דער מענטשהייט, ליגט נאָך אַ גרויסע שטרעקע. מען קען דעם באַרג סיני זען, מען קען אים אַלס טוריסט באַטראַכטן און אפילו באַקוקן, אָבער מען קען ליידער נאָך ניט מיט אים שליסן קיין נאָנטע באַקאַנטשאַפט; מען קען אים נישט אַריינציען אין דעם קולט פון טאָג טעגלעכן לעבן . . .

לויט אונדזער תלמודישער לעגענדע, איז דער באַרג סיני אויפגעהויבן געוואָרן איבער די מאַסן, מיט אַ שטרענגער דראָאונג: אויב איר וועט נישט וועלן צושטיין צו דער אידעע, וועט אייך דער באַרג דערדריקן! און זייענדיק אַזוי אויפגעהויבן, איז דער באַרג פאַרבליבן הויך, צוזאַמען מיט דער אידעע. הויך, איבער דעם לעבן, ווי אַ גרויסער און מעכטיקער ווינק אין מיטן דער מדבר: אָט אז דער וועג! . . .

דאָס הייליקע וואָרט פון באַרג סיני, צעטראָגט זיך אין דער ווייטקייט, אָבער עס הילכט נאָך אַלץ פון אויבן, פון דער הויך. צווישן דער מענטשלעכער אַלטעגלעכקייט און דעם סיני, ליגט נאָך אַלץ אַ גרויסער פּאַס ערד, וואָס ווערט לגמרי נישט באַטרעטן; — דער באַרג איז נאָך אַלץ אומבאַרירט . . .

און דאָס מערקווירדיקע איז אַז אפילו מיר יידן, וואָס מיט 3 טויזנט יאָר צוריק זענען מיר געשטאַנען גאָר נאָענט צום באַרג, מיר האָבן קיין מאָל אין אונדזערע טרוי־

מען און אין אונדזערע שטרעבונגען, צוריק צו באַקומען אונדזערע פאַרלוירענע הייליקטימער, נישט געבענקט אויף צו באַקומען, אָדער צו דערוועגבן דעם סיני באַרג. מיר האָבן געבענקט נאָך ציון ווירושלים, אָבער נישט נאָך דעם באַרג סיני, ווייל די אידעע פון סיני, האָבן מיר תמיד געלאָזט אָפן פאַר אַלע. ער איז עקסטעריטאָריאַל . . . חז״ל זאָגן, אַז מיט די ווערטער וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אויף דעם באַרג סיני, האָט זיך כביכול אַרומגעטראָגן צווישן אַלע פעלקער. די ווערטער פון סיני זענען אינטערנאַציאָנאַל . . . קיינער אָבער פון אַלע פעלקער האָט זיך נישט אַזוי נאָענט דערנענטערט צום באַרג ווי מיר יידן.

אמת, דער באַרג שטייט נאָך אַלץ איבער אונדז. אמת, מיר שטייען נאָך היינט אויך, ווי דאַמאָלט, אונטער אים. אָבער נישט מער מיט אַ שרעק, אַז ער וועט אונדז דערדריקן. ניין! מיר האָבן גיכער דעם גלויבן, אַז מיר וועלן אים טראָגן אויף אונדזערע פלייצעס; מיר וועלן אים טראָגן אַזוי לאַנג ביז מיר וועלן אים דערטראָגן צו דער גאַנצער מענטשהייט . . .

* * *

די ווערטער, וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן אויף דעם באַרג סיני, מיט 3 טויזנט יאָר צוריק, האָבן פאַר אַלע דורות געלייגט דעם שטעמפּל, אויף דעם לעבן פון דער גאַנצער וועלט. אמת, שיינקייט, מענטשן רעכט, קולטור און לעבנס האַרמאָניע זענען לגמרי אוממעגלעך, אָן די

פרינציפן פון די עשרת הדברות, וועלכע זענען, און וועלן תמיד זיין, דער ווינקלשטיין פון דער גאנצער סטרוקטור פון מענטשלעכן צוזאמענלעבן.

פאעטיש שילדערן חז״ל, אז ווען די קולות פון בארג סיני האבן זיך געטראגן אין וועלטס חלל, איז די גאנצע לופט אנגעפילט געווארן, מיט בשמים גערוך, און ליכט האט ארויסגעשטרעמט פון יעדן ווארט, ווייל יעדעס ווארט פון די עשרת הדברות, אויב מען פירט עס אויס אין לעבן, מאכט עס די וועלט ליכטיקער און דופטיקער. די צען געבאט האבן צום ערשטן מאל אין דער וועלט גע־מאכט: פון רשעות א פארברעכן; פון פארפאלגונג — א שאנדע; פון בלוטפארגיסונג א קללה פאר דער גאנצער מענטשהייט.

ביז צו די עשרת הדברות האט די מענטשהייט פשוט נישט געוואוסט פון א נויטווענדיקייט, זיך צו צוימען. דער באגריף פון „זאלסט נישט", אדער „מען טאר נישט" איז בכלל געווען פרעמד פאר דעם מענטשן. כלעריליי גרא־בע פארלאנגען און היהשע תאוות, האבן נישט געהאט קיין שום שטערונגען. שאנדטאטן, רציחות און געוואלד־דינסט האבן אפן טריאומפירט אין די גאסן. דער בארג סיני האט א סוף געמאכט צו דעם בארבארישן צו־שטאנד.

מעגלעך, אז די שנאה פון דער גאנצער וועלט צום ייד, קומט דערפאר, וואס זי, די וועלט קען אונדז נישט מוחל זיין דאס, וואס מיר האבן זי אמאל אויפגעוועקט

פון איר באַרבאַרישן שלאָף, און זי באַרויבט פון אירע באַרבאַרישע טרוימען.

זאָגן טאַקע חז״ל, אַז צוויי נעמען האָט דער באַרג, אין דער תורה: „הר סיני״ און „הר חורב״. פאַרוואָס הייסט דער באַרג אַזוי? — פרעגט די גמרא. און די גמרא ענטפערט, אַז סיני הייסט ער דערפאַר, וואָס סיני מיינט פיינדשאַפט — שנאה. פון דעם באַרג שטאַמט די שנאה פון דער ניט יידישער וועלט צום ייד. און ווען מיר ווילן פאַרשטיין די אמתע סיבה פון דער שנאה זאָגט אונדז דער צווייטער נאָמען, אַז דאָס איז „חורב״, דאָס איז דערפאַר, וואָס דער באַרג האָט געבראַכט אַ חורבן און אַ סוף צו באַרבאַריזם און געצנדינעריי.

* * *

וואָס לערנען די עשרת הדברות פון באַרג סיני די גאַנצע מענטשהייט?

זיי לערנען קודם כל, אַז אַ מענטש קען נישט זיין ערלעך, קען נישט זיין גוט, קען נישט זיין נאָבעל און אנשטענדיק, סיידן ער גלויבט אין אַ העכערע ג-טלעכע קראַפט, פאַר וועלכער מען איז פאַראַנטוואָרטלעך, פאַר אַלע מעשים, וואָס מען טוט אויף דער וועלט. „אמר נבל בלבו אין אלהים״. דער פאַרדאָרבענער, נידעריקער מענטש זאָגט עס איז נישטאָ קיין גאָט, כדי צו קענען אָפּטאָן אַלע שמוציקע און מיאוסע זאַכן.

דאָס ערשטע וואָרט פון די עשרת הדברות לערנט

אויך, אַז ג־ט שטייט פאַר גערעכטיקייט. ער איז אַ שונא פון אונטערדריקונג, פון האַרטקייט און קנעכטשאַפט.

דאַן קומט. נישט דינען צו קיין נאַטור קרעפטן. דער, וואָס דינט צו דער נאַטור און צו אירע כוחות, דער ווייסט נישט, וואָס עס הייסט רחמנות, יושר און גוטהאַרציקייט, ווייל נאַטור ווייסט נישט פון אַזעלכע געפילן. נאַטור איז קאַלט און האַרט; נאַטור איז שטיין און גראַניט. אַ מענטש טאָר נישט בונדן זיין גלויבן, מיט דער קאַלטער נאַטור.

מען טאָר נישט דערמאָנען ג־טס נאָמען אין פאַלש־קייט. דאָס ערגסטע איז, ווען אַ מענטש טוט אָפּ זיינע נידעריקע פאַלשקייטן, מכלומרשט אין נאָמען פון ג־ט. פאַלשקייט איז אַן אומגליק, אַ פּלאָג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ג־טס נאָמען דאַקעגן איז אמת. פאַרבונדן פאַלשקייט מיט ג־ט איז דאָס נידעריקסטע, צו וואָס אַ מענטש קען אַראָפּפאַלן.

שבת מוז זיין אַ טאָג פון רו. יעדער מענטש מוז איין טאָג אין דער וואָך זיך באַפרייען פון דער וואָכעדיקייט, און פון דעם יאָך פון די זעקס אַרבעט טעג. אויב די גאַנצע וואָך איז געווידמעט פאַר די מאַטעריעלע נויטן פון דעם מענטש, דאַרף דער שבת זיין געווידמעט פאַר די גייסטיקע נויטן זיינע. דאַמאָלט דאַרף דער מענטש פילן און דענקען וועגן העכערע און הייליקע זאַכן פון לעבן. ער מוז דערפאַר געבן רו, נישט בלויז זיך אַליין, נאָר אַלעמען. זיין קנעכט, זיין דינסט, אפילו זיין בהמה, ווייל

זיי אַלע אַרבעטן פאַר דער מענטשהייט. שבת איז דער סימבאָל פון פיזישער און גייסטיקער פרייהייט.

ערלעך האַלטן טאַטע און מאַמע, דאָס איז דער ער־שטער פרימיטיווסטער סימן פון אַנשטענדיקייט און דאַנקבאַרקייט ביים מענטש. דער מענטש מוז פילן דאַנקבאַרקייט צו זיינע עלטערן פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אים געגעבן לעבן און אים אויפגעהאָדעוועט. אונדזערע נביאים האָבן זייערע שאַרפסטע מוסר רייד געווענדעט צו די, וועלכע האָבן נישט קיין דאַנקבאַרקייט. ישעיה הנביא האָט אַזעלכע ברואים געשטעלט נידעריקער פון אַן אָקס, אָדער אַן אייזל, וועלכע ווייסן יאָ, ווער זייער שפּייזער איז.

עס קומען דאַן די אַנדערע פינף געבאָטן, וועלכע פאַנגען זיך אָן מיט דעם „לא", מיט אַן אלף. „דו זאָלסט נישט". ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, ווען מענטשן זאָלן טאַקע אמתדיק מורא האָבן פאַר די „לא'ס", וואָלט די גאַנצע וועלט זיך געטובלט אין גליק און אין פרידן.

ווען מען זאָל מורא האָבן פאַר דעם לא תרצח, וואָלטן קיין מלחמות ניט געווען און פעלקער וואָלטן זיך אוים־געלעבט אין שלום און אין שלווה. ווען מען זאָל מורא האָבן פאַר דעם לא תנאף, וואָלטן אַלע פאַמיליעס זיך אויסגעלעבט אין גליק פון פאַמיליענלעבן. ווען מען זאָל מורא האָבן פאַר דעם לא תגנוב, וואָלטן אַלע מענטשן געלעבט מיט צוטרוי און גלויבן איינער צום אַנדערן. דער

לא תענה וואָלט געברענגט די גרעסטע אָרדנונג, אין דער געזעלשאַפט. און דער עיקר דער לא תחמוד . . .

גלוסט נישט קיין זאַך, וואָס באַלאַנגט צו דיין חבר. אין דעם „לא״ ליגט דער גאַנצער סוד פון מאָראַל. אַלע אומגליקן אַלע זינד קומען פון גלוסטן. אַ מענטש איז שלעכט, ער גנבעט, ער רויבט, ער פעלשט, ער פירט מלחמות, נאָר דערפאַר ווייל ער גלוסט יענעמס. ווען מען וויל דאָס שלעכטע אַרויסרייסן מיט דעם וואָרצל, מוז מען קודם כל אויסלערנען דעם מענטש, ער זאָל זיך באַהערשן און נישט ווען דאָס, וואָס עס איז נישט זיינס.

אין דער היינטיקער פינצטערער און פאַלשער וועלט, איז כדאי זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם סיני דאָקומענט, און עס איז זייער לייכט זיך צו איבערצייגן, אַז וואָס מער די מענטשהייט וועט זיך דערנענטערן צו די עשרת הדברות, אַלץ נענטער וועט זי קומען, צום אינדיווידועלן און אַלמענטשלעכן גליק.

מתן תורה

אין דער קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט, וועט דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט פאַרבלייבן אַ וווּנדער־לעך רעטעניש. שפּעטערע דורות וועלן זיך אַמאָל מאַ־טערן, כדי צו קענען באַגרייפן, אָדער צו קענען פאַר־שטיין אָט די תקופה, אין וועלכער מיר לעבן היינט. פון איין זייט, וועט דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט פאַר־שריבן ווערן, אַלס אַ צייט פון הויכער ציוויליזאַציע און גיגאַנטישע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען. פון אַ צווייי־טער זייט, וועט ער פאַרצייכנט ווערן, אַלס אַ צייט פון צביעות, פאַלשקייט, אַפּנאַרעריי, רשעות און אכזריות, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט, אפילו אין צייטן פון באַרבאַריי און ווילדקייט.

מיר לעבן היינט אין אַ צייט, אין וועלכער די מענטש־הייט האָט עפּעס ווי פאַרלוירן איר ציל, איר תכלית און איר באַשטימונג. די אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע אין אונדזער דור גייט: אָדער אויף עפּעס אַ פאַלשן וועג, אָדער זי האָט בכלל נישט קיין שום וועג, קיין שום ציל און קיין שום תכלית.

מערקווירדיק איז דאָס, אַז אין דעם כאַאָס, אין דעם תוהו ובוהו, מוזן מיר יידן מודה זיין, אַז געוויסע מאמרי חז״ל, זענען קיין מאָל פאַר אונדז נישט געווען אַזוי קלאָר און אַזוי דייטלעך, ווי אין אונדזער היינטיקער צייט. חז״ל האָבן געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן בליק אויף דער קול־טורעלער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. כדאי זיך צו באַקענען מיט אַ ווינדערלעכן מאמר פון מדרש וועגן מתן תורה. אין דעם מאמר געפינען מיר דעם יידיש־ספעציפישן צוגאַנג צום ציל און תכלית פון מענטש און וועלט.

אויף פינף שטעלן איבערחזרט דער מדרש: דעם פאָלגנדן דרש: אמר ר׳ שמעון בן נחמן בשעה שברא הקב״ה את עולמו נתאווה שיהא לו דירה בתהתונים כשם שיש לו בעליונים; ר׳ שמעון האָט געזאָגט: ווען ג־ט האָט געשאַפן די וועלט, האָט ער געהאַט אַ ציל; ער האָט געוואָלט קאָמבינירן ג־טלעכקייט מיט קערפערלעכקייט. ג־ט האָט געוואָלט, אַז גייסטיקייט זאָל קענען הויזן צוזאַמען מיט מאַטעריע; ג־טלעכקייט זאָל קענען האָבן פלאַץ אין די אונטערשטע שיכטן פון דעם באַשאַף, פונקט ווי אין די הויכע ספערן פון די הימלען. אַ וועלט ווערט דערפאַר באַשאַפן. דער ערשטער מענטש־„אדם״־דער־שיינט אויף דער וועלטס־בינע. אדם, איז דער ציל פון דער בריאה, אדם, קאָנצענטרירט אין זיך דאָס גשמיות־דיקע, די אדמה, דאָס ערדישע, דעם חומר און צוגלייך דעם גייסט, דעם רוח, די נשמה, דאָס ג־טלעכע. אָבער,

אדם זינדיקט און ג־טלעכקייט ציט זיך צוריק פון דעם ערדישן באַשאַף. עס קומט דאָן אַ קין, וואָס זינדיקט נאָך מער; ער דערהרג׳ט זיין ברודער הבל. די ג־טלעכ־קייט דערווייטערט זיך מיט נאָך אַ שטאַפּל העכער. דער דור אנוש דינט צו געצן. ג־טלעכקייט דערהויבט זיך מיט אַ דריטן שטאַפּל העכער. עס קומט דער דור המבול, מיט זיין געפאַלנקייט, תאווה און פאַרדאַרבנהייט. ג־טלעכקייט ציט זיך צוריק העכער פון דער ערד, מיט אַ פערטן שטאַ־פּל. דער דור הפלגה, נעמט אויף אַ קאַמף מיט ג־טלעכקייט. זיי ברענגען צו דעם, אַז ג־טלעכקייט דערווייטערט זיך פון דער ערד מיט אַ פינפטן שטאַפּל. דער דור פון סדום, זינקט אין רשעות און אין זינד. ג־טלעכקייט מוז זיך דערווייטערן אויף אַ זעקסטן שטאַפּל, העכער פון דער ערד. ענדלעך קומט נמרוד־אמרפל מיט זיינע העלדישע באַרבאַרישקייטן און ג־טלעכקייט ציט זיך צוריק מיט אַ זיבעטן שריט, ביז צום זיבעטן הימל. אין דער, פינ־סטערער, באַרבאַרישער, פאַרדאָרבענער וועלט, באַווייזט זיך אברהם אבינו; אונדזער שטאַמפאָטער אברהם. ער פאַרעכט דעם חטא פון אדם הראשון. ער דערנענטערט די ג־טלעכקייט צום וועלט־באַשאַף אויף איין שטאַפּל. יצחק מיט זיין מסירת נפש פאַר אידעאַל, ציט די גטלעכ־קייט נאָך נענטער, מיט אַ צווייטן שטאַפּל. יעקב ברענגט די ג־טלעכקייט מיט נאָך אַ דריטן שטאַפּל, נענטער צו דער ערד. עס קומען דאָן: לוי, קהת, עמרם און דערנענ־טערן די ג־טלעכקייט, יעדער מיט איין שטאַפּל נענטער.

דעם לעצטן שריט ברענגט משה רבינו. משה פאראייניקט די ג-טלעכקייט מיט דער ערד. דערפאר שטייט; וירד ד׳ על הר סיני; ג-ט האט אין צייטן פון משה רבינו, ביים בארג סיני, אראפגענידערט אויף דער ערד. ביז אהער דער מדרש.

פארטיפנדיק זיך אין דעם הערלעכן מאמר, געפינען מיר אין אים, א קאפיטל קולטור-געשיכטע, וואס נעמט ארום א צייט-אפשניט, פון קרוב צו צוויי און א האלב טויזנט יאר. אין דעם מאמר געפינען מיר אויך דעם ספע־ציפיש-יידישן בליק אויף דער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. דער מענטש איז געשאפן מיט א ציל. אבער: נישט וויסן, נישט טעכניק, נישט האנדל, נישט אינדוס־טריע און נישט אלע אנדערע צווייגן פון דער מענטש־לעכער קולטור, זענען דער ציל פון דער מענטשהייט. דער מענטש איז געשאפן געווארן, כדי צו ברענגען היי־ליקייט און ג-טלעכקייט אויף דער ערד. וויסן, טעכניק, האנדל, אינדוסטריע, קונסט און אלע אנדערע צווייגן פון מענטשלעכער קולטור, זענען נאר אויף אזוי פיל וויכטיק, אויף וויפל זיי פארהעלפן צו דערגרייכן דעם ציל, צו דערגרייכן הייליקייט אין דעם לעבן. אדם הראשון אבער, אנשטאט דעם וועלט-באשאף צו דערהויבן און צו פארגייסטיקן, ווידערשפעניקט ער קעגן דער ג-טלעכ־קייט; ער נייגט אפ פון זיין ציל, דערמיט דערוויטערט ער דעם וועלט באשאף פון זיין תכלית. דורות נאך אים, זינקן וואס אמאל נידעריקער; קין, מיט שפיכת דמים;

אנוש, מיט עבודה זרה; דער דור המבול, מיט גילוי עריות; דער דור הפלגה, מיט פאַלשקייט און נאַרישע געדאַנקען; סדום, מיט רשעות; נמרוד, מיט אכזריות. די דורות דערווייטערן די ג־טלעכקייט פון דער ערד אַזוי, אַז ג־ט־לעכקייט ציט זיך צוריק, ביז צום זיבעטן הימל. אברהם, איז דער ערשטער, וועלכער נעמט אויף זיך די שווערע אויפגאַבע, זיך קעגן צו שטעלן, קעגן אַט דער ריכטונג פון דער דאַמאָלדיקער מענטשלעכער קולטור. אברהם הייסט דערפאַר העברי; איינער אַליין, שטעלט ער זיך אויף אַן אַנדערער זייט. איינער אַליין, פאַרהאַלט ער דעם שטראָם און לאָזט נישט די מענטשהייט פאַלן נאָך נידעריקער. אברהם איז דער ערשטער, וועלכער ווייזט אָן אויף דעם דרך ד׳, אויף דעם אמתן ציל און צוועק פון דעם מענטשלעכן לעבן. ער פאַררעכט דערמיט דעם חטא פון אדם הראשון און דערנענטערט די ג־טלעכקייט מיט איין שטאַפּל נענטער, צום וועלט־באַשאַף.

נאָך אברהם׳ן קומט יצחק. זיין אויפגאַבע איז געווען צו פאַררעכטן דעם חטא פון קין, דעם חטא פון שפיכת דמים. יצחק איז גרייט צו גיין אויף דער עקדה זיך לאָזן שחטן; דאָס הייסט צו פאַרגיסן בלוט. אָבער, נישט קיין פרעמד בלוט, נאָר זיין אייגנס. יצחק לערנט, אַז אפילו פאַר דעם העכסטן אידעאַל, טאָר מען נישט פאַרגיסן יענעמ׳ס בלוט. אמת, יעדער אידעאַל פאַרלאַנגט מסירת נפש. אָבער קיין אידעאַל אין דער וועלט, האָט נישט קיין רעכט צו כשרן בלוט פאַרגיסונג פון יענעם. יצחק פאַר־

רעכט דעם חטא פון שפיכת דמים און דערנענטערט די ג־טלעכקייט צום ערד באַשאַף, מיט אַ צווייטן שטאַפּל.

יעקב אבינו, איז מתקן דעם חטא פון עבודה זרה, פון געצנדינסט. ווען יעקב לאָזט זיך צום ערשטן מאָל אין זיין וואַנדער וועג, איז דאָס ערשטע וואָס ער נעמט אויף זיך: והיה ד׳ לי לאלקים; ער וועט נישט אָנערקע־נען קיין שום געטלעכקייט, נאָר די, וואָס קומט פון דעם ג־ט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, פון דעם ג־ט פון זיין פאָטער יצחק און זיין זיידן אברהם. ווען יעקב קומט צוריק צו זיין לאַנד, נאָך דער לאַנגער וואַנדערונג איז דאָס ערשטע, וואָס ער באַפעלט זיינע קינדער: הסירו את אלהי הנכר אשר בתוככם; וואַרפט פון אייך אַראָפּ אַלע פאַלשע געטער, אַלע פאַלשע אידעאַלן, וואָס איר האָט געזען אין די אַלע לענדער, אין וועלכע איר האָט געוואַנדערט. יעקב פאַררעכט דעם חטא פון דור אנוש, די זינד פון עבודה זרה. ער דערנענטערט די ג־טלעכקייט מיטן דריטן שטאַפּל נענטער צו דעם וועלט־באַשאַף.

אין דעם פאַרדאַרבענעם לאַנד מצרים, אין דעם לאַנד פון מ״ט שערי טומאה, צייכנט זיך אויס דער גאַנצער שבט לוי. ער לעבט אין צוריקגעצויגנקייט און נעמט נישט קיין אָנטייל אין דעם אויסגעלאַסענעם לעבן פון די מצ־רים. דער שבט לוי, איז מתקן דעם חטא פון דעם אויס־געלאַסענעם דור המבול. ער דערנענטערט די ג־טלעכקייט און גייסטיקייט צו דער ערד מיט אַ פערטן שטאַפּל. די משפחה פון קהת און באַזונדער, עמרם פערזענלעך, פירן

אין מצרים אַ הייליקן לעבן; זיי דערנענטערן די הייליקייט צו דער ערד מיט נאָך צוויי שטאַפּלען נענטער.

עמד משה והורידו לארץ; משה רבינו איז געווען דער, וואָס האָט פאַרענדיקט דעם פּראָצעס; ער האָט פאַראייניקט דעם הימל מיט דער ערד. די תורה פאַרבינדט דאָס זינלעכע, גשמיותדיקע לעבן מיט גייסט, מיט נשמה, מיט ג־טלעכקייט. דורך די תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף דעם באַרג סיני, איז געקומען די סינטעזע פון: מענטש, וועלט און ג־ט. מענטש, האָט באַקומען אַ גייסט. וועלט, האָט באַקומען אַ ציל. און ג־טלעכקייט האָט באַקומען אַ פּלאַץ אין דער נידעריקסטער שאַפונג. דאָס איז דאָס געהיימעניש פון דעם קאָסמאָס, לויט דעם מדרש.

איך האַלט, אַז עס זייער כדאי זיך אַ ביסל צו פאַרטראַכטן אין דעם ציטירטן דרש. וועלטלעכע קולטור געשיכטע, איז אינדיווידואַליסטיש. די יידישע, איז אַלגעמיין מענטשלעך. וועלטלעכע קולטור געשיכטע, קוקט אויף מענטשלעכער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דעם שטאַנדפונקט פון גרופּע, שטאַם, אָדער פאָלק. חז"ל באַטראַכטן די גייסטיקע מענטשלעכע אַנטוויקלונג פון דעם שטאַנדפונקט פון דער אַלגעמיינער מענטשהייט. ווען ח"זל דערמאָנען יידן, אַלס אַן אויסנאַם אין דער מענטשהייט, איז דערמיט נישט געמיינט, אַז יידן זענען אַנדערש, פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. מיר יידן זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק געפּרעדיקט דעם אב אחד לכולנו, אל אחד בראנו; אַלע מענ־

טשן האָבן גלייכע רעכט. די תורה וואָס מיר האָבן גע־
נומען אויף דעם באַרג סיני, אַנטהאַלט אין זיך נישט קיין
איין זאַץ, קיין איין געבאָט, וואָס זאָל זיין געבונדן, בלויז
מיט דעם יידישן פאָלק. די עשרת הדברות, זענען אַלגע־
מיין גילטיק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. מען קען
אָבער נישט אָפּלייקענען דעם אייביקן אמת, אַז פּונקט ווי
עס זענען פאַראַן יחידים, וועלכע זענען נענטער צו גייס־
טיקייט און יחידים, וואָס זענען ווייטער פון גייסטי־
קייט, אַזוי איז אויך פאַראַן גאַנצע פעלקער, וואָס זענען
נענטער צו גייסטיקייט און גאַנצע פעלקער, וואָס זענען
ווייטער פון גייסטיקייט. אייביק אמת זענען די ווערטער
פון דעם מדרש, אַז פעלקער פון דער וועלט, זענען תמיד
געווען די, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פאַרטרייבן די
ג־טלעכקייט פון דעם וועלט באַשאַף און יידן זענען תמיד
געווען די, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין דער נענטערן די
ג־טלעכקייט צום וועלט־באַשאַף. גענוג זיך צו פאַרטראַכ־
טן אין דעם וואונדערלעכן פאַראַלעל, וואָס דער מדרש
ציט: צווישן אַ קין און אַ יצחק; צווישן אַ דור המבול
און אַ שבט לוי; צווישן אַן אכזריות׳דיקן נמרוד און אַ
משה רבינו, כדי צוצוקומען צו אַ באַשלוס, אַז יידן
זענען נענטער צו רוחניות, ווי די פעלקער פון דער
וועלט. די נאָענטקייט אָבער פון יידן צו ג־טלעכקייט,
קומט נישט פון עפּעס אַ מין ראַסישער חשיבות פון דעם
יידישן שטאַם, נאָר פון אונדז אַליין. פון אברהם אבינו
אָנגעפאַנגען, ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, האָבן מיר

כסדר זיך אַליין געוויילט אַ לעבן פון נשמה, פון גייסט און פון רוחניות. דער שבט לוי, ביז צו משה רבינו האָט כסדר אַלץ מער דערנענטערט דאָס ג־טלעכע צום לעבן. מיט דעם, וואָס מיר האָבן ענדלעך גענומען די תורה אויף דעם באַרג סיני, האָבן מיר גענומען אויף זיך אַ הייליקע אויפגאַבע, צו ווייזן דער גאַנצער מענטשהייט דעם ריכטיקן וועג אין דעם מענטשלעכן לעבן.

דאָס איז נישט בלויז היסטאָריע פון אַמאָל. דאָס איז געוואָרן זייער אַקטועל אין אונדזער דור, אין דעם היינט. דאָס אומגליק פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט באַשטייט אין דעם, וואָס עס איז ליידער נישטאָ קיין גייסטיקייט און קיין ג־טלעכקייט ביי דער היינטיקער מענטשהייט. אויב אַ היטלער און אַ סטאַלין, האָבן אין אונדזער צייט געקענט רעגירן איבער הונדערטער מיליאָנען מענטשן איז דאָס דער בעסטער באַווייז פון אַ ג־טלאָזער און גייסטיק אויסגעליידיקטער וועלט. ווידער פאַלט אויף אונדז יידן, די שווערע אויפגאַבע צו דערמאָנען די היינטיקע וועלט, אין דעם ציל און תכלית פון דער מענטשהייט. מיר מוזן טאָג און נאַכט אַריינשרייען אין דער היינטיקער אויסגעהוילטער וועלט: געדענקט, אַז נישטאָ קיין שום אַנדערער וועג, ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון דעם זומפּ, אין וועלכן מען איז פאַרקראָכן, נאָר דורך די עשרת הדברות, וואָס זענען דורך אונדז יידן גענומען געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט. ווען די וועלט וועט אָננעמען די צען געבאָט פון דעם באַרג סיני; און וועט

זיך דערנענטערן צו גייסטיקייט, וועט זי אויסגעהיילט ווערן פון אַלע אירע קראַנקהייטן. דאָס איז דער זין און דער אינהאַלט פון דעם זמן מתן תורתנו, וואָס מיר פייערן אין יום טוב פון שבועות.

ש ל ח

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך, שילדערט פאַר אונדז די מעשה פון די מרגלים און זי פאַרענדיקט דאָן מיט דער פרשה פון ציצית. חז״ל האָבן פאַרשידענע דר־שות, וועגן דער סמיכת הפרשיות פון מרגלים און צי־צית. עס איז אָבער כדאי, קודם כל, זיך אַביסל צו פאַר־טראַכטן אין דעם ענין פון די ציצית אַליין.

די תורה זאָגט, אַז די ציצית וועלן זיין פאַר דעם ייד אַ סימן. ווען אַ ייד וועט קוקן אויף די ציצית, וועט ער זיך דערמאָנען אין ג־ט און אין די ג־טלעכע מצוות. דער פסוק זאָגט דאַן ווייטער, אַז קוקנדיק אויף די ציצית, וועט דער ייד נישט נאָכגיין, נאָך זיין הארץ און נאָך זיינע אויגן. דאָס מיינט: ער וועט זיך באַהערשן און וועט זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון זיינע ליידנשאַפטן. עס שטעלט זיך די פראַגע: אין וואָס באַשטייט דער כוח פון די ציצית? פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, אַז קוקנדיק אויף די ציצית, איז דאָס אַ סגולה נישט פאַרפירט צו ווערן פון די מענטשלעכע ליידנשאַפטן?

די גמרא ברענגט: היה רבי מאיר אומר; רבי מאיר

פלעגט צו זאָגן, אַז די סגולה פון די ציצית באַשטייט אין זייער קאָליר, אין זייער פאַרב. ציצית לייגן זיך צו־נויף פון ווייסע און בלויע פעדים. די בלויע קאָליר, זעט זיך שטאַרק אַרויס צווישן די ווייסע פעדים. די בלויקייט פון די ציצית, דערמאָנט אין דער בלויקייט פון דעם ים. די בלויקייט פון דעם ים דערמאָנט אין די בלויקייט פון הימל. די בלויקייט פון דעם הימל, דערמאָנט אין דעם כסא הכבוד, ווייל אַזוי שטייט אין פסוק: כמראה אבן ספיר דמות כסא; דער ג־טלעכער טראָן, איז ווי אַ בלויער סאַפּירשטיין. (מנחות מ״ג).

וואָס האָט רבי מאיר געמיינט מיט זיינע פאַרשטעלטע ווערטער?

פאַרטראַכטנדיק זיך אין דעם גורל פון דעם מענטש אויף דער וועלט, געפינט מען אויס, אַז דער מענטש איז דאָס, אַממייסטן ליידנדיקע באַשעפעניש פון אַלע ברו־אים. דער מענטש ליידט, סיי פיזיש און סיי פסיכיש. סיי מיט זיין גוף און סיי מיט זיין נשמה, איז דער מענטש אויסגעזעצט פאַר פאַרשידענע מאַטערנישן, אין משך פון זיין גאַנצן לעבן. מיט דעם, איז אַ מענטש ערגער פון אַ חיה. חיות קענען ליידן בלויז פיזיש. זיי ווייסן נישט פון קיין גייסטיקע שמערצן: זיי קענען זיך מאַטערן בלויז קערפּערלעך. דער שכלדיקער מענטש אָבער, ליידט אי פיזיש, אי גייסטיק. אַ מענטש קען זיך פילן דערנידע־ריקט און באַליידיקט, פאַרשקלאַפט און באַעוולהט. די געפילן, מאַטערן דעם מענטש אַ סך מער, פון די פיזישע

יסורים, וואָס ער האָט צומאָל. ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, מאַכט דער מענטש דעם גרעסטן טעות, אויב ער מיינט, אַז זיינע פיזישע דעפעקטן און זיינע קערפּערלעכע קראַנקהייטן, זענען די הויפּט גורמים פון זיינע ליידן. עס איז באַקאַנט, אַז אַלע קראַנקהייטן פון אַ מענטש, שטאַמען בעיקר פון די פּסיכישע טראַגעדיעס, וואָס דער מענטש מאַכט מיט אין זיין לעבן. חז"ל האָבן דעם געדאַנק אויסגעדריקט אין איין קורצן זאַץ: הקנאה והתאווה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם; די קנאה, די לוסט און דער כבוד, זיי פירן אַרוים דעם מענטש פון דער וועלט. קנאה, תאווה און כבוד, זענען די דריי הויפּט אימפּולסן וואָס באַגלייטן דעם מענטש פון זיין וויגל ביז צום קבר. די גאַנצע טעטיקייט פון לעבעדיקן מענטש, דרייט זיך אַרום די אויספירונג פון די דריי אַמביציעס, אמת, דער מענטש קען, דורך די דריי אימפּולסן, דערגרייכן דאָס גרעסטע, דאָס העכסטע און דאָס דערהאָבנסטע אין לעבן. אָבער ער קען אויך, דורך די דריי אַמביציעס, זינקן ביז צו שאול תחתיה, רחמנא לצלן. נאָך נידעריקער פון אַ חיה. קנאה, קען זיין דער בעסטער פאַקטאָר אין דעם אויפשטייג פון אַ מענטש. ווען מען איז זיך מקנא אין דעם פיינעם געלערנטן און אנשטענדיקן מאן, טוט מען אים נאָך און מען ווערט אַליין אויך אַ פיינער אנשטענדיקער מענטש. אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין קנאה, האָט ניט קיין סטימול אויף עפּעס אונטערצונעמען. ער בלייבט צוריק אין לעבן. דאָסזעלביקע מיט תאווה, ווען מען האָט

קיין לוסט נישט, נעמט מען גאָר נישט אונטער און מען איז אַ טויטער ביים לעבן. אויך כבוד, גיט אָן אנשטויס צו טאָטן. דער מענטש, וואָס האָט גאָר קיין שום געפיל פון כבוד, איז בכלל קיין מענטש נישט. פון אַ צווייטער זייט זענען די דריי אַמביציעס מייסטענטיילס די הויפּט־שולדיקע אין אַלע אומגליקן פון דעם מענטשלעכן לעבן.

דאָס געפיל פון קנאה, קען פירן צו דעם, עס זאָל אויפ־רייצן דעם מענטש זיך אָנצושטרענגען, אַליין אויך צו דערגרייכן די מדרגה, וואָס ער זעט ביי יענעם. דאָס מיינט זיך צו דערהויבן כדי צו זיין גלייך מיט יענעם. קנאה, קען אָבער אויך אָנרייצן דעם מענטש יענעם צו דערני־דעריקן, כדי אַליין צו זיין גרעסער. דאָס, איז דאָס ערגסטע אין דער מענטשהייט. דאָסזעלבע איז מיט די געפילן פון תאווה און כבוד.

אינטערעסאַנט איז די רייענפאלגע אין דער משנה. קודם שטייט קנאה, דאן תאווה און דאן כבוד. דאָס איז זייער ריכטיק דערפאַר, ווייל קודם קומט ביים מענטש די אייגנשאַפט פון קנאה. אַ קליין קינד, געטראָגן אויף דער מוטערס הענט, האָט נאָך נישט קיין כבוד און נישט קיין תאווה, אָבער קנאה האָט עס. ווען עס דערזעט עפּעס ביי אַ צווייט קינד, כאַפּט עס אַוועק ביי יענעם, כדי דאָס צווייטע זאָל ניט האָבן מער פאַר אים. עלטער ווערדנדיק, זייענדיק אין דער יוגנט, דאַמאָלס קומט די תאווה און אַנטוויקלט זיך, וואָס אַמאָל שטאַרקער. אויף דער עלטער, שטאַרקט זיך אַממייסטן דער דורשט נאָך כבוד. וואָס מער

מען ווערט עלטער, אלץ מער כבוד וויל מען האָבן. מיט כבוד וויל אַ מענטש זיך באַזאָרגן, אפילו, אויף נאָך זיין אָפּלעבן. יעדער מענטש וויל, אַז אפילו נאָך זיין טויט, זאָל ער האָבן כבוד. מען זאָל אים מאַכן אַ הספד, אַ שיי־נע מצבה, אַ אייביקע אויפשריפט, כדי זיך צו פאַרזי־כערן דעם כבוד אויף לאחר מאה ועשרים שנה. דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש ביים מענטש.

נישט נאָר ביים איינצלנעם מענטש גייען די געפילן אין דער ריי, נאָר אויך ביי אַ גאַנץ פאָלק. אויך אַ גאַנץ פאָלק, ליידט פון די דריי אַמביציעס, וואָס אַנטוויקלען זיך ביי אים אין דעמזעלבן סדר. די יידישע געשיכטע דערציילט אונדז פון דער קינדהייט פון די בני יעקב. די ערשטע צרות, האָבן יעקבס קינדער געליטן, דורך דעם געפיל פון קנאה. ווען יוסף באַקומט אַ זיידן העמדעל שטייט: ויקנאו בו אחיו: זיינע ברידער האָבן אים מקנא געווען. די קנאה, האָט געפירט צום ערשטן גלות. דורך דער קנאה, זענען יעקבס קינדער געקומען קיין מצרים און מיטגעמאַכט זייער ערשטע טראַגעדיע. אין דער יוגנט־צייט פון דעם יידישן פאָלק, אין די צייטן פון דעם ערשטן מקדש, זענען יידן געווען געשלאָגן מיט די עבירות פון גילוי עריות און עבודה זרה; זיי זענען געווען פאַרזונקען אין תאווה, ווי דאָס ווערט געשילדערט פון די ערשטע נביאים. די עבירות פון תאווה, האָבן אויף זיי געבראַכט דעם גלות בבל. צוריקקומענדיק פון בבל זענען יידן גע־ווען שוין אין זייער עלטערער עפּאָכע. דאַמאָלס האָט אָנ־

געהויבן דער כבוד צו הערשן ביים פאָלק. די פאַרשידענע פאַרטייען, דער שנאת חינם, דאָס אַרומרייסן זיך, איז אַלץ געווען צוליב דעם ביסל כבוד, וואָס מען האָט גע־זוכט. פון דעם חטא, האָבן יידן זיך נישט אָפּגערייניקט און אפילו נאָכדעם, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן זייער אומ־אָפּהענגיקייט; נאָכדעם, ווי זיי זענען געוואָרן צעזייט און צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, האָט זיי דער כבוד געפיל נישט נאָכגעלאָזט. אומעטום, ווי זיי האָבן זיך באַ־זעצט, האָט דער כבוד געפיל געבראַכט שרעקלעכע קאָנ־סעקווענצן, בנוגע צו זייער אחדות און פאָלקס־דערהאַל־טונג.

דער געפיל פון כבוד, איז דער שטאַרקסטער ביים מענטש. עס איז מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל זיין זאַט, בנוגע צו תאווה: ער קען אויך זיין זאַט בנוגע צו קנאה, אָבער נישט, בנוגע צו כבוד. פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז קנאה, תאווה און כבוד, זענען די הויפּטשולדיקע אין די מענטשלעכע ליידן, אָבער צו אַלע ליידן, זיינען פאַראַן רפואות. פאַר קערפּערלעכע קראַנקהייטן, זענען פאַראַן גשמיותדיקע רפואות; פאַר גייסטיקע קראַנקהייטן, זענען פאַראַן רוחניותדיקע רפואות. די תורה האָט דערפאַר געהייסן־לויט רבי מאיר — אָנטאָן אַ טלית מיט ציצית. די ציצית צייכנען זיך אויס מיט זייער בלויקייט. ווען אַ מענטש פאַרטראַכט זיך אין דער בלויען קאָליר, דער־מאָנט זי אים אין דעם הימעל, זי דערמאָנט אים דעם גאַנצן גרויסן אוניווערס. ווי באַקאַנט,

האָט דער הימעל אויך תיכף ביי זיין געבוירן ווערן, קודם כל, געליטן פון קנאה. ג-ט באשאפט צוויי גרויסע ליכטער: די זון און די לבנה. די לבנה איז מקנא די זון און קומט פאר ג-ט און טענהט, אז עס קענען נישט זיין, קיין צוויי גלייכע רעגירער. דער פארלאנג פון דער לבנה, איז נישט געווען, אז מען זאָל זי מאכן גרעסער, נאָר זי האָט בעיקר געצילט צו דעם, אַז מען זאָל די זון קלענער מאכן. דאָס איז געווען אַ פארלאנג, וואָס האָט געוואָרצלט אין דער נעגאַטיווער זייט פון קנאה: אין ווילן יענעם דערנידעריקן .דער סוף איז געווען, אז מען האָט זי דער־נידעריקט. זי איז געוואָרן קלענער. זייט דאַמאָלס איז עס געוואָרן אַ נאַטור געזעץ, אַז קנאה וואָס שטרעבט יענעם צו דער נידעריקן, דערנידעריקט נישט יענעם, נאָר זיך אליין. קנאה, דאַרף נישט פאַרלאַנגען קיין דערנידערונג פון יענעם נאר דערהעכערונג פון זיך. דאָס דערמאַנט די בלויקייט פון די ציצית.

די בלויקייט פון ציצית — לויט רבי מאיר — דער־מאָנט אויך אין דעם ים. די תאוות אין דעם מענטש, זידן און ברויזן, ווי דער ים. אָבער דער ים, ווי ברויזנד ער זאָל נישט זיין, וועט ער קיינמאָל נישט אַרויס פון זיינע גרענעצן. ווען דער ים, זאָל חלילה אַרויס פון זיינע גרענעצן, וואָלט ער די וועלט פאַרטרונקען און זי חרוב געמאַכט. אפילו דער ים ווייסט, אַז ער מוז זיך באַהערשן. צומאָל דאַכט זיך, אַז די ים — ווילן, פאַרפלייצן די וועלט. אָבער זיי באַרואיקן זיך און פאַלן צוריק אין זייער שוים. דאָס איז דער סוד פון דער מענטשלעכער תאווה. אויך זי

איז ברויזנדיק, אויך זי וואָלט וועלן פאַרפלייצן די וועלט, אָבער די אויפגאַבע פון דעם מענטש איז, צו דערהאַלטן די תאווה אין אירע גרענעצן.. דער מענטש, וואָס קען זיך נישט באַהערשן, מאַכט חרוב קודם כל זיך אַליין. דאָס דערמאָנען די ציצית.

ענדלעך דערמאָנען זיי אין דעם כסא הכבוד. אַ מענטש דאַרף וויסן, אַז כבוד איז נישט קיין גשמיותדיקער נאָר אַ רוחניותדיקער באַגריף. אַלס אַ רוחניותדיקער באַגריף, עקסיסטירט ער דערפאַר, אפילו נאָך דעם ווי דער מענטש לעבט נישט מער. דערפאַר איז כבוד בכלל נישט געבונדן מיט דעם עפר ואפר, מיט דעם גוף, וואָס איז היום כאן ולמחר בקבר. מישטיינסגעזאָגט, ווער מען זאָל מען דאָ געבן כבוד? עס איז בלויז פאַראַן אַ כסא הכבוד. כבוד איז געבונדן מיט גייסטיקייט און מיט ג־טלעכקייט. כבוד גיט מען, צו תורה, צו רעפּרעזענטאַנטן פון תורה וחכמה, צו אַ מענטש, וואָס האָט געלייסטעט אין זיין לעבן אַזויפיל, אַז זיינע מעשים זענען געבונדן מיט אייביקייט און גייסטיקייט. אָבער געבן כבוד סתם אַ מענטש אין דער וועלט אַריין, כדי אים אויפצוהויבן העכער פון אַ צווייטן, דאָס איז אַ צרה, וואָס ברענגט די גרעסטע אומגליקן אין דער מענטשהייט.

נאָכדעם, ווי די מרגלים זענען געשטרויכלט געוואָרן דורך די געפילן פון קנאה און כבוד, האָט דער רבש״ע געהייסן אָנטאָן ציצית, כדי דער ייד זאָל געדענקען אין דעם, וואָס ער דאַרף לערנען פון די ציצית.

קרח

אין די צוויי סדרות, פון שלח און פון קרח, דערציילן אונדז די פסוקים דריי פּאַסירונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען יידן האָבן געוואָנדערט אין דער מדבר. קודם: 1) די מעשה פון די מרגלים. דאַן: 2) די מעשה פון אַ מקושש — אַ מחלל שבת. דערנאָך קומט: 3) די מעשה פון קרח מיט זיין גרויסן אויפשטאַנד, וואָס ער האָט אָנגעפירט קעגן משה רבינו.

חז"ל האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואָס די פּאַסירונגען זענען אין דער תורה געשטעלט, נישט לויט דער געשיכטלעכער אָרדענונג. געשיכטלעך, איז דער מחלל שבת געווען גאָר צום ערשטן. דאַן איז געווען דער אויפשטאַנד פון קרח. ערשט צולעצט איז געווען די מעשה פון די מרגלים. אמת, אַז מיר ווייסן פון דעם, אַז: „אין מוקדם ומאוחר בתורה"; אין דער תורה, איז נישטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער. אַ מעשה, וואָס איז געשען שפּעטער, קען אין דער תורה שטיין פריער; און אַ מעשה, וואָס איז פאָרגעקומען פריער, קען שטיין שפּעטער.

אָבער אַ טעם מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם, פאַרוואָס האָט די תורה דערציילט די דריי פּאַסירונגען, נישט אין זייער ריכטיקער אָרדענונג.

אינטערעסאַנט איז דער פּסוק, וואָס דערציילט, אַז משה רבינו האָט געזאָגט צו קרח: בקר ויודע ד׳ את אשר לו ואת הקדוש והקריב אליו; אין דער פרי, וועט ג־ט לאָזן וויסן ווער עס איז זיינער און דעם, וואָס איז הייליק, דעם וועט ער מאַכן גענענען צו זיך. וואָס מיינט דאָס וואָרט: בקר? פאַרוואָס ערשט אין דער פרי און נישט טאַקע איצט? ברענגט רש״י די גמרא: אמר לו משה לקרח, גבולות חלק הקב״ה בעולמו, יכולים אתם להפוך בקר לערב כן תוכלו לבטל את זו; פאַראַן אין דער וועלט פעסטע גרענעצן. פונקט ווי איר קענט נישט אונטער־ברענגען די אונטערשידן צווישן טאָג און נאַכט, אַזוי קענט איר נישט אונטערברענגען די אונטערשידן צווישן מענטשן. אָט דאָס מיינט דער „בקר״; מאָרגן פרי. פונקט ווי דער פרימאָרגן באַלייכט די פינצטערניש פון דער נאַכט, אַזוי איז אהרן, דער ליכטיקער פירער פון דעם פאָלק. וואָס מיינט דאָ די גמרא?

מאָדערנע פילאָזאָפיע באַהויפּטעט, אַז די גאַנצע דרויסענדיקע וועלט, וואָס דער מענטש דערקענט זי, צו מיט זיינע חושים, צו מיט זיין שכל; די גאַנצע וועלט, איז ניט קיין אַבסאָלוט אמתע, קיין אַבסאָלוט עקזיסטירנדיקע. אַלעס, וואָס דער מענטש דערקענט, וואָס ער דענקט און וואָס ער פילט, קען לייכט אָפּגעפרעגט ווערן. מען קען

לייכט באַהויפּטן און אויפווייזן, אַז פאַקטיש איז גאָר כלל ניט אַזוי, ווי דער מענטש פילט, אָדער דענקט, וכדומה. אָבער צוויי באַגריפן זענען פאַראַן, וואָס אַלע מוזן מודה זיין, אַז זיי זענען אמת, זיי זענען סטאַביל און פעסט און זיי זענען נויטווענדיק. דאָס זענען די באַגריפן פון: רוים און צייט. מען קען אָפּלייקענען אַלצדינג. וואָס מען זעט, וואָס מען פאַרשטייט און וואָס מען פילט און אויפווייזן, אַז עס איז פאַלש. אָבער מען קען נישט אָפּלייקענען דעם רוים. מען קען פאַרטיליקן און מאַכן פאַרשווינדן פון דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, אַלע עמפּינדונגען. אָבער ניט: דעם רוים, — דעם פּלאַץ, דאָס אָרט, וואו די זאַכן וואָס מיר דערקענען געפינען זיך. אַלע די זאַכן, וואָס מיר עמ־פינדן, קענען זיין ליגן. אָבער דער פּלאַץ, וואו מיר עמפּ־פינדן די זאַכן, מוז זיין אמת. דאָסזעלבע מיט צייט. מיר קענען מאַכן צונישט און אָפּלייקענען אַלע מעשיות און דערגרייכונגען, וואָס האָבן פּאַסירט אַמאָל, אָדער וואָס פּאַסירן היינט. מיר קענען אָבער נישט אָפּלייקענען די צייט גופא. זאָלן מיר אפילו אָננעמען. אַז די אַלע פּאַסי־רונגען, וואָס מען שילדערט פון דער צייט, זענען אויס־געטראַכט. אָבער די צייט אַליין, איז זיכער געווען. רוים און צייט, זענען דערפאַר אַבסאָלוטע באַגריפן, וואָס אַלע מוזן מודה זיין, אַז זיי עקזיסטירן.

פאַר אונדז יידן איז דאָס גאָר קיין נייעס נישט. אונד־זערע גאָר אַלטע פילאָזאָפן האָבן אָנגעשריבן, אַז די יסו־דותדיקע באַגריפן פון דער בריאה — פון דעם באַשאַף,

זענען: עולם; וועלט. שנה: יאָר. וועלט און יאָר, איז דאָס־זעלבע וואָס רוים און צייט. אונדזערע חכמים, האָבן בלויז צוגעגעבן נאָך אַ דריטן יסודותדיקן באַגריף פון דעם באַשאַף און דאָס איז: נפש, לעבן. די גאַנצע וועלט, וואָס מיר דערקענען, שפּילט זיך אָפּ אין דריי אַבסאָלוט פונדאַמענטאַלע באַגריפן פון: עולם, שנה, נפש; רוים, צייט און לעבן. די וועלט, דער גאַנצער ערדקוגל, שטעלט מיט זיך פאָר דעם רוים. דאָס יאָר, די טעג און נעכט, שטעלן צונויף די צייט. דער מענטש איז דער רעפּרעזענטאַנט פון דעם לעבן.

חז״ל זאָגן ווייטער, אַז פּונקט ווי דער רוים איז נישט איינהייטלעך; ער איז נישט איבעראַל גלייך; עס זענען פאַראַן געוויסע, נאַטירלעכע גרענעצן אין דעם רוים, וואָס טיילן אים אין פאַרשידענע טיילן, אַזוי איז אויך די צייט נישט איינהייטלעך. די צייט האָט אויך אירע נאַטירלעכע גרעניצן. די טעג און נעכט, די חדשים און יאָרן, דאָס זענען די נאַטירלעכע אָפּטיילונגען פון דער צייט. אויך דער דריטער יסודותדיקער באַגריף פון באַשאַף, דאָס איז דער מענטש, דער רעפּרעזענטאַנט פון לעבן, אויך ער, איז נישט איינהייטלעך; אויך ער איז פאַרשידן. לעבן איז אַנדערש ביי איינעם און אַנדערש ביי אַ צווייטן. חז״ל מאַכן נאָך אַ שריט ווייטער און באַהויפּטן, אַז אַזוי ווי יעדער באַשאַף אין אונדזער וועלט, איז אַ קאָמבינאַציע פון גוף ונשמה; פון קערפּער און גייסט, דערפאַר זענען די גרעניצן און די אונטערשידן, אין יענע דריי הויפּט־

באַגריפן פון דעם באַשאַף, אויך צווייערליי: נאַטירלעכע און גייסטיקע. די נאַטירלעכע האָבן מיר שוין פריער דערקלערט. גייסטיקע אונטערשידן, מיינט: וואָכעדיקייט און הייליקייט. אין רוים, זענען פאַראַן וואָכעדיקע פלעצער און הייליקע פלעצער. ארץ ישראל מקודשת מכל הארצות; ארץ ישראל איז הייליקער פון אַלע ערטער אין רוים. ירושלים, איז דער הייליקסטער פלאַץ אין ארץ ישראל. דער מקום המקדש, איז דאָס הייליקסטע פון ירושלים. אויך די צייט טיילט זיך: אין וואָכעדיקע טעג און הייליקע שבתים. יום הכיפורים, איז דער שבת שבתון, דאָס הייליקסטע פון די שבתים. אויך די מענטשהייט איז געטיילט: אין הייליק און וואָכעדיק. ישראל, איז אַן עם קדוש, אַ הייליק פאָלק. דער שבט לוי, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט הייליקייט, איז געווען הייליקער פון אַלע שבטים. משה ואהרן זענען געווען די הייליקסטע פון שבט לוי. אַלע דריי באַגריפן פון וועלט באַשאַף, טיילן זיך: אין וואָכעדיק און הייליק.

ווען מיר האָבן געלעבט אין ארץ ישראל, האָבן מיר פאַרמאָגט אַלע דריי הייליקייטן: פון עולם, פון שנה און פון נפש. ווען מיר זענען געגאַנגען אין גלות, האָבן מיר פאַרלוירן די הייליקייט פון מקום, פון רוים. מיר זענען געבליבן בלויז ביי צוויי הייליקייטן: ביי זמן און נפש. מיר זאָגן דערפאַר, אין גלות, יעדן שבת ביי דער הבדלה: המבדיל בין קודש לחול, בין אור להשך, בין ישראל לעמים, בין יום השביעי לששת ימי המעשה. דאָס מיינט,

אַז פונקט ווי עס עקזיסטירט טאָג און נאַכט, אַזוי עק־זיסטירט אויך וואָכעדיקייט און הייליקייט. דערפאַר איז פאַראַן אַן אונטערשיד, צווישן דעם יידישן פאָלק און אַלע פעלקער פון דער וועלט. (קדושה פון נפש). אויך איז פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן שבת און די וואָכעדיקע טעג. (קדושה פון זמן). מער פון די צוויי הייליקייטן, פאַר־מאָגן מיר היינט ליידער נישט.

אָט די טעאָריע פון די דרייערליי קדושות, די באַ־לאַנגט אויסשליסלעך צו אמונה, צו גלויבן. מיט קיין חקי־רה, אָדער פילאָזאָפישע אויפקלערונגען, קען מען דאָס נישט פאַרשטיין. מען מוז קודם גלויבן, אַז הקב״ה האָט באַשאַפן די וועלט. דאַן קען מען אויך פאַרשטיין, אַז עס איז פאַראַן אַ קדושת המקום. הקב״ה, האָט באַשאַפן ירושלים מיט מער הייליקייט פון אַן אַנדערן פלאַץ. ירו־שלים של מטה כנגד ירושלים של מעלה; די שטאָט ירו־שלים, איז געבויט אויף דער פלאַץ, וואָס איז קעגן דעם ירושלים פון הימל. אויב מען גלייבט נישט אין השי״ת, קען מען נישט גלויבן אין קיין קדושת המקום.

דאָס זעלביקע איז מיט קדושת הזמן. קודם מוז מען גלויבן, אַז השי״ת האָט באַשאַפן די וועלט. דאַן גלויבט מען, אַז זעקס טעג האָט ער די וועלט באַשאַפן און אין דעם זיבעטן האָט ער גערוט. ער האָט געהייליקט דעם שבת. דערפאַר איז שבת הייליקער פון די וואָכעדיקע טעג. אויב אָבער מען גלייבט נישט אין דעם, גלייבט מען

אויך נישט אין קיין שבת און שבת איז גאָר נישט אַנ־דערש פון די אַנדערע וואָכנטעג.

פונקט דאָסזעלבע איז אויך מיט קדושת הנפש. קודם מוז מען גלויבן, אַז השי״ת האָט געגעבן צו יידן אַ תורה אויף דעם בארג סיני. דאַן פאַרשטייט מען, אַז יידן וואָס לעבן מיט די באַגריפן פון תורה, זענען הייליקער פון אַנדערע פעלקער. מיר זענען נישט קיין אָנהענגער פון קיין ראַסן טעאָריעס. די אויסנאַמקייט פון יידן באַשטייט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זיי לעבן מיט דער תורה. די תורה הייליקט זיי. פאַרשטייט זיך, אַז דער שבט לוי, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט תורה, איז געווען מער הייליק, ווי די אַנדערע שבטים. משה ואהרן, וואָס האָבן געלעבט בלויז מיט תורה, זענען געווען די הייליקסטע צווישן יידן. גלויבט מען אָבער נישט אין דעם, איז נישטאָ קיין הייליקייט צווישן מענטשן. במילא איז נישטאָ קיין קדושה הנפש.

מיר קומען איצט צוריק צו אונדזער סדרה. אמת איז, אַז דער סדר פון די פּאַסירונגען, וואָס די תורה דער־ציילט אונדז, שטימט נישט מיט דער געשיכטלעכער רייע. אָבער די תורה האָט געהאַט מיט דעם אַ טיפערע כוונה. זי האָט געוואָלט אונדז אָנווייזן, אַז יידן אין דער מדבר, האָבן שוין דאַמאָלס געזינדיקט קעגן די יסודות פון אמו־נה. זיי האָבן נישט געגלייבט אין די דרייערליי קדושות, וואָס זענען דאָ אין דעם באַשאַף. קודם דערציילט די תו־רה די מעשה פון די מרגלים. זייער הויפּט חטא איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן נישט געהאַלטן פון

קיין קדושת הארץ. זיי האָבן אויף דעם לאַנד געקוקט מיט וואָכעדיקע אויגן; זיי האָבן נישט געזען קיין שום הייליקייט. ממילא האָבן זיי אויסגעפונען, אַז אַלס אַ פשוט וואָכעדיק לאַנד, איז מצרים גאָר בעסער פון כנען. דער־פאַר: צו וואָס גיין עפּעס קיין כנען? דאָס איז געווען אַ זינד קעגן אמונה; קעגן גלויבן אין ג־ט. דאַן דערציילט די תורה פון אַ מחלל שבת. יענער האָט נישט געגלויבט אין קיין קדושת הזמן. ער האָט נישט געהאַלטן, אַז שבת איז הייליקער פון אַן אַנדער וואָכעדיקן טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט במילא נישט געגלויבט אין ג־ט. דאַן קומט די מעשה פון קרח, וועלכער האָט געשריגן: כל העדה כולם קדושים; אַלע זיינען גלייך הייליק. דאָס מיינט, אַז עס איז נישטאָ קיין קדושת הנפש, נישטאָ קיין אויס־נאָמס־מענטשן.

מיט רעכט זאָגט דאַן משה צו קרח: בקר וידע ד׳; דער פרימאָרגן וועט קומען און מען וועט זען דעם אונ־טערשיד, פון אור לחשך; פון טאָג און נאַכט. פונקט אַזאַ אונטערשיד איז פאַראַן צווישן קודש און חול; צווישן הייליקייט און וואָכעדיקייט. אויך אַזאַ חילוק איז דאָ, צווישן אהרן און אַן אַנדערן מענטש. אויב מען גלויבט אין ג־ט, גלויבט מען, אַז גבולות חלק הקב״ה בעולמו; גרענעצן זענען געשאַפן אין דער גייסטיקער וועלט. פונקט ווי אין דער פיזישער וועלט. אמת, אין דער מדבר איז נישטאָ קיין קדושת הארץ, אָבער דער קדושת הזמן און

קדושת הנפש איז דאָ און מען קען אים נישט אָפּלייקע־נען.

הלוואי וואָלטן יידן געדענקט אין די צוויי הייליקייטן: אין די הייליקייט פון צייט און אין די הייליקייט פון זייע־רע תורה רעפּרעזענטאַנטן, דאַן וואָלט די גאולה שלימה געקומען.

חקת

פון דער לעצטער סדרה, פון דער מעשה וועגן דער רעוואָלוציע פון קרח קעגן משה רבינו, ביז צו די פּאַסי־רונגען, וועלכע ווערן געשילדערט אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך, זענען אַוועק כמעט ניין און דרייסיק יאָר. די יידן, וועלכע זענען אַרויס פון מצרים און מיט זייערע אייגענע אויגן געזען דאָס התגלות אלקית, ביים ים און ביים בארג סיני, די זענען כמעט אַלע אויסגע־שטאָרבן אין מדבר. אויך די דריי גרויסע פירער פון דעם אַלטן דור, שטאַרבן אין מדבר. עס שטאַרבט מרים, עס שטאַרבט אהרן און עס דערנענטערט זיך די צייט אויך פאַר משה רבינו איבערצולאָזן די יידן. דער נייער דור, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין מדבר, אַ יינגער, שטאַרקער דור, שטייט אויף דער שוועל פון אַן אייגן לעבן אין אַן אייגן לאַנד. זייער שטרעבן צו אַ פריי לעבן אויף אַ פעסטן אייגענעם באָדן איז גרויס. משה רבינו פאַרשטייט, אַז מען מוז דעם נייעם יונגן דור מיטגעבן דעם אמתדיקן שטיצפונקט, דעם אמתדיקן יסוד, וואָס

איז דער איינציקער כוח און די איינציקע זיכערקייט פאַר דער צעמענטירונג און באַפעסטיקונג פונעם יידישן פאָלק אין זיין אייגן לאַנד. משה רבינו וויל דערפאַר אומבאַדינגט קודם כל אַריינברענגען אין די מוחות און אין די הערצער פון דעם יונגן דור, אַז זיי גייען קיין ארץ ישראל, נישט בלויז צוליב דעם, כדי ענדלעך צו באַקומען אַ פעסטן באָדן אונטער זייערע פיס, נאָר בעיקר כדי אויסצופירן אַ גרויסע הויכע שליחות און דאָס איז: דאָרט צו לעבן אַ תורהדיקן לעבן.

לעבן מיט תורה קען מען נישט אָן אמונה. די ערשטע אויפגאַבע וואָס משה רבינו האָט זיך געשטעלט אין די לעצטע שעהן פון זיין לעבן, איז געווען איבערצוצייגן דעם יינגן דור, אַז ער זאָל וויסן אַז אַ מענטש קען נישט לעבן בלויז מיט שכל, נאָר מוז האָבן אויך אמונה. דער שכל פון אַ מענטש איז נישט דער אַלייניקער פאַקטאָר, אָדער דער אַלייניקער מושל פונעם מענטש. אין דעם לעבן פון אַ מענטש שטעלט זיך אַרוים, נישט איינמאָל, אַז דוקא דאָס אומשכלדיקע, דווקא דאָס אומפאַרשטענדלעכע און דאָס פאַרהוילענע, דאָס האָט אפשר גאָר אַ גרעסערן כוח פון דעם שכלדיקן און דעם ראַציאָנעלן. דאָס זעלבע וואָס ביי אַ יחיד, איז אויך ביי אַ גאַנץ פאָלק. אויך אַ גאַנץ פאָלק מוז וויסן, אַז דער סוד פון זיין קיום באַשטייט, נישט בלויז אין זיין שכל, נאָר פילמער אין זיין אמונה, — אין זיין טיפן גלויבן.

לויט חז״ל טיילן זיך די שטרעבונגען פון דעם לעבן,

ביי אַ יחיד און ביי אַ רבים, אין דרייערליי ריכטונגען. קודם כל 1) אין דער ריכטונג, כדי זיך צו דערהאַלטן קערפּערלעך; כדי צו זיין געזונט. 2) כדי צו קענען זיך אויסלעבן גייסטיק. דאָס מיינט צו האָבן אַ גייסטיקע סאַטיספאַקציע. 3) כדי זיך צו דערהאַלטן געזעלשאַפטלעך. אין די דריי ספערן פון דעם מענטשלעכן שטרעבן איז דער שכל נישט דער וואָס האָט די הויפּט דעה. די תורה האָט דערפאַר אין דער היינטיקער סדרה צונויפגעשטעלט דריי פרשיות מיט אַן אינהאַלט, וואָס האָט באַדאַרפט שוין יענעם דור פון מדבר איבערצייגן דעם אמת. אָט דערציילן די פסוקים, אַז גייענדיק אין מדבר זענען יידן געביסן געוואָרן פון גיפטיקע שלאַנגען. זיי זענען געווען אין אַ קערפּערלעך פיזישער סכנה. מיט קיין שום שכל האָבן זיי זיך דאַמאָלס ניט געקענט העלפן. עס האָט זיך געדאכט, אַז זיי זענען פאַרלוירן. אָבער דאָך זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן. ג-ט זאָגט צו משה, אַז יידן זאָל זיך מאַכן אַ פייערדיקע שלאַנג און זיי זאָלן זי טראָגן אין דער הויך. יעדער וואָס וועט ווערן געביסן פון אַ גיפטיקער שלאַנג, זאָל ער קוקן אויף דער פייערדיקער שלאַנג און ער וועט ווערן געהיילט. דאָס לערנט אונדז, אַז אפילו פאַר ריין-פיזישע סכנות קען מען זיך אָפּהיטן מיט אמונה, מיט טיפן גלויבן. אין אַ פיזישער עת צרה איז נישט תמיד דער שכל די איינציקע רעטונג. מען מוז אויך האָבן אמונה. אין דעם לאַנגן וואַנדער-וועג, וואָס יידן מאַכן מיט, זייט טויזנטער יאָר, האָבן זיי נישט איינ-

מאָל זיך אָנגעטראָפן אויף גיפטיקע שלאַנגען, וועלכע האָבן זיי געביסן. נישט האָבנדיק קיין שום שכלדיקע רעטונג, האָבן יידן געמיינט, אַז זיי זענען חלילה אינגאַנצן פאַרלוירן. אָבער די רפואה איז געקומען דווקא נישט על פי שכל, נאָר פון אַ כוח וואָס איז העכער פון דעם שכל. די טיפע אמונה, האָט זיי דערהאַלטן.

אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך דערציילט די פסוקים דאָן, אַז משה רבינו האָט געשיקט דעלעגאַציעס צו די מלכים פון אדום און פון אמורי, מיט דער בקשה: זיי זאָלן דערלויבן די יידן דורכצוגיין אין די זייטן פון זייערע לענדער. די דעלעגאַטן, שילדערן פאַר די קעניגן פון אדום און אמורי די לאַגע פון די יידן. זיי פאַרלאַנגען בלויז אַ דורכגאַנג הארט ביי דער ברענגען. מיט פאַרשידענע שכלדיקע אַרגומענטן, פּרובן זיי צו איבערצייגן יענע קעניגן, אַז עס איז בלויז אַ פשוטע טובה. לויט שכל איז דאָס גאָר פאַר זיי אַ געווינס. עס וועט אַריינקומען אין זייערע לענדער אַ פאַרדינסט. ברויט און וואסער וועלן יידן פאַר געלט קויפן. אָבער עס העלפט נישט קיין שכל. די שליחות האָט אַ דורכפאַל. אויך אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, דעצידירט נישט קיין שכל. אין דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרהעלטניש פון יידן צו פעלקער פון דער וועלט, האָט זיך דאָס טאַקע אַרויסגעשטעלט אַלס אַן אייביקער אמת. די גאַנצע יידישע געשיכטע איז איין לאַנגער עפּיזאָד, וואָס דערציילט אונדז, אַז וואָס מער שכל יידן האָבן אָנגעווענדעט לגבי דער אַרומיקער וועלט,

אַלץ מער אומשכלדיק, אַלץ מער רעטזעלהאַפט, אָדער אַלץ מער רשעותדיק האָט די וועלט רעאַגירט לגבי אונדז.

דאָס אומשכלדיקסטע, דאָס אומפאַרשטענדלעכסטע איז הויפּטזעכלעך, אין דעם דין פון פרה אדומה, וואָס די תורה האָט אַוועקגעשטעלט אין דער היינטיקער סדרה. פרה אדומה, איז נישט בלויז אומשכלדיק, נאָר גאָר להיפוך פון יעדער לאָגיק און פון יעדן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. די תורה זאָגט, אַז אַ ייד רירט אָן אַ מת ווערט ער טמא און אַז דאָס אש פון דער פרה אדומה מאַכט אים ווי־דער טהור. דער ענין פון טהור און טמא, איז אַ ריין גייסטיקער. אין ענינים פון רוחניות דאַרף מען איבער־הויפּט נישט אָפּערירן מיט לאָגיק, נאָר מיט אמונה.

אינטערעסאַנט איז, וואָס רש״י ברענגט פון מדרש; לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר: מה המצווה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חקה, גזירה היא מלפני. אין לך רשות להרהר אחריה. דער שטן און די פעלקער פון דער וועלט טייטן אויף די יידן און זאָגן: וואָס איז די מצווה און וואָס פאַר אַ טעם האָט זי? דערפאַר האָט די תורה געשטעלט דאָס וואָרט: חקה; אַ געזעץ, אַז מען האָט נישט קיין רשות אַריינצוקלערן אין דעם.

די מפורשים פרעגן: וואָס מיינט דער מדרש, אַז דער שטן און די פעלקער פון דער וועלט פרעגן? ווען פרעגן אונדז די פעלקער פון דער וועלט אָט די קשיא? דאָן, ווען מען מיינט מען דעם שטן? ווען איז דער שטן געקומען

צו די יידן, מיט אַט דער קשיא? עס איז אויך שווער דאָס: אויב דער שטן און די פעלקער פון דער וועלט, קומען שוין יאָ צו יידן מיט דער קשיא, וואָס זשע פאַר אַ תירוץ גיט מען זיי? — אין לך רשות להרהר אחריה; נישטאָ קיין דערלויבניש אויף אַזעלכע קשיות! איז דאָס אַ תירוץ?

די כוונה איז אָבער דאָ אַן אַנדערע. ביי אומות העולם, איז אמונה אַ ריין אַבסטראַקטע זאַך און האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דעם טאָג טעגלעכן לעבן. דאַקעגן, ווען מען לעבט מיט אמונה, מיינט דאָס, אַז מען גלויבט, אַז אַלעס איז מן השמים. ביי אַזאַ גלויבן, טאָר מען נישט אָפּע־רירן מיט קיין שכל. קוים ווענדעט מען אָן שכל, קומט מען צו מסקנות, וואָס גייען להיפוך פון דעם ציל פון אמונה. דאָס, טוט טאַקע דער שטן, — דער יצר הרע. ער טענהט: אויב אַלעס איז מן השמים, איז אויך דאָס שלעכ־טע וואָס דער מענטש טוט מן השמים און מען איז גאָר נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שלעכטע מעשים. אויך די אומות העולם האַלטן, אַז זיי זענען געצוואונגען אין זייערע מעשים און זיי פירן בלויז אוים אַ פאַטאַליסטיש געזעץ. דער שטן און די אומות העולם, האָבן אַ שטאַר־קע ראי׳ צו זייערע שיטות פון דעם ענין פרה אדומה. דער טעם פון פרה אדומה איז געזאָגט געוואָרן נאָך אין מרה, פאַר מתן תורה, אַ סך פריער איידער יידן האָבן געמאַכט דאָס עגל. דאָס מיינט, אַז די השגחה האָט פרי־ער פאַרויסגעזען, אַז יידן וועלן אַמאָל מאַכן אַן עגל און

דערפאַר געהייסן ברענגען די פרה אדומה. אויב אַזוי, האָבן דאָן יידן גאָר נישט געזינדיקט מיט דעם עגל. זיי האָבן בלויז געטאָן דאָס וואָס די השגחה האָט פון פריער פאָרויסגעזען.

דאָס מיינט דער מדרש: די תורה האָט אייגנס געשריבן ביי פרה אדומה: חוקה; אַ געזעץ, כדי צו לערנען דעם מענטש, אַז זאַכן פון אמונה שטייען העכער פון שכל. במילא איז נישט שייך צו אַרגומענטירן און צו פרעגן קשיות. אויף וועמען פרעגט מען די קשיות? אויף דער השגחה? אין לך רשות להרהר אחריה; השגחה פאַר־שטייט מען נישט. אין השגחה גלויבט מען, השגחה פילט מען, אָבער מען נישטערט נישט אַריין אין איר. דער גאַנ־צער ענין פון פרה אדומה, איז נישט קיין שכל. נישט מיר ווייסן און מיר פאַרשטייען, פאַרוואָס אַ מת איז מטמא און נישט מיר ווייסן און מיר קענען פאַרשטיין, פאַר־וואָס דאָס אַש פון פרה אדומה איז מטהר.

פרה אדומה, דער נחש הנחושת און די מעשה מיט די מלכים פון אדום און אמורי, האָבן באַדאַרפט איבער־צייגן דעם נייעם יידישן דור, אַז אין לעבן פון אַ פאָלק און אין דעם קיום פון אַ פאָלק, נעמען אָנטייל כוחות, וואָס שטייען העכער פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. שלמה המלך, דער גרעסטער חכם פון אַלע צייטן, האָט געזאָגט, אַז ווען ער איז צוגעקומען צו דער סדרה פון פרה אדומה, האָט ער געזען: אמרתי אחכמה והיא רח־וקה ממני; איך האָב געדאַכט אַז, איך וועל מיט חכמה

אליין, קענען דערגיין אלע סודות פון דער וועלט. אבער איך זע, אז פארקערט: וואס מער איך אפעריר מיט חכמה, אלץ ווייטער בין איך פון קענען זי פארשטיין.

מיט רעכט האבן אונדזערע חכמים געזאגט: פרה אדו־מה זו ישראל; דאס יידישע פאלק איז געגליכן צו דער פרה אדומה. אויך ביי יידן קען קיינער נישט וויסן: מה המצווה הזאת ומה טעם יש בה; וואס באטייט דער ייד און אין וואס באשטייט זיין כח. מיר זענען א מיסטע־ריע און די גאנצע „שכלדיקע" וועלט מאטערט זיך צו דערגיין אונדזער סוד. עס איז אומזיסט זייער מאטערניש! דער כח פון דעם ייד שטייט העכער פון דעם שכל. דער־פאר קען קיין שום שכל אונדז נישט בייקומען. דאס גש־מיותדיקע לעבן פון יידן, דאס רוחניותדיקע לעבן פון יידן און דאס געזעלשאפטלעכע לעבן פון יידן, קומט פון א העכערן קוואל; עס קומט פון ג־טלעכקייט, צו מיר ווילן דאס, אדער מיר ווילן דאס נישט; אזוי איז עס!

בלק

אין זייער לעצטן עטאפּ, איידער יידן זענען אריינגעגאנגען אין זייער אייגן לאנד אריין, האבן זיי נאך געהאט א מאדנע באגעגעניש מיט א בלעם הרשע. די פּערזענלעכקייט פון בלעם, איז פאר חז״ל געווען א רעטעניש. א גויאישער נביא, וועלכער איז געווען א שונא ישראל, אבער אנשטאט צו שעלטן יידן, האט ער זיי גאר געבענטשט. אינטערעסאנט איז, אז טראצדעם וואס בלעם איז ביי אונדז יידן אויף אייביק געבליבן ביים נאמען: בלעם הרשע, איז איין שפּרוך זיינער געווארן ביי אונדז פאַרהייליקט אויף אייביק. יעדער ייד, הויבט אן טאג טעגלעך דאס דאווענען, מיט דעם באקאנטן: מה טובו, וואס שטאמט פון בלעם. עס איז אמת, אז איינער פון אונדזערע באקאנטע פוסקים, האט געשריבן, אז ער איז ניט מסכים מיט דעם אנהויב. ער שרייבט דארט אפילו, אז ער אליין האט אויף זיין לעבן, קיינמאל דעם פסוק נישט געזאגט. ער האט נישט געוואלט דערמאנען, נישט בלעמס קללות און נישט זיינע ברכות. (שו״ת הרש״ל

סי׳ ס״ד) אָבער דער פאַקט איז, אַז מיר פירן זיך נישט אַזוי און מיר הויבן תמיד אָן פון דעם מה טובו, וואָס בלעם האָט געזאָגט.

חז״ל זאָגן, אַז בלעם האָט בלויז מיט זיין מויל געזאָגט ברכות, אָבער אין הארצן האָט ער געמיינט קללות. אפילו מיט דעם שיינעם שפרוך פון: מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל! ווי שיין זענען דיינע געצעלטן, יעקב! דיינע וואוינונגען, ישראל! אויך מיט דעם, האָט בלעם אין זין געהאַט אַ קללה. עס שטעלט זיך די פראַגע: וואָס פאַר אַ קללה קען זיין אין דעם מה טובו? דאָן: אויב, אפילו דער מה טובו, איז אַ קללה, פאַרוואָס זשע הויבן מיר טאָקע אָן דאַוונען מיט דעם מה טובו?

דער ענין ווערט פאַר אונדז אַביסל קלאָר, ווען מיר באַקענען זיך מיט די פאַרשידענע דרשות פון חז״ל. אין דער גמרא און אין מדרש, וועגן בלעם. לויט חז״ל, האָט בלעם הרשע אַריינגעדרונגען טיף אין דער פסיכיק פון דעם יידישן פאָלק, אין דער יידישער נשמה און אין דעם סוד פון יידישן קיום. עס פאַרשטייט זיך: אויב מען ווייסט, וואו עס ליגט דער הויפּט־כוח פון איינעם, ווייסט מען אויך, וואו מען דאַרף אָנצוגרייפן; במילא געפינט מען שוין לייכט אַ מיטעל, וויאַזוי דעם הויפּט־כוח אָפּצושוואַכן.

בלעם האָט זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אונדזער פאָלק מיט זיין אויסדרוק: הן עם לבדד ישכון; אַט איז אַ פאָלק, וואָס איז איזאָלירט און איינזאַם. דאָס מיינט, אַז דער יידישער קיום באַשטייט אין דער איזאָ־

לירטקייט און אין דעם, וואָס יידן לעבן אָפּגעזונדערט, אַליין פאַר זיך. אפשר האָבן מיר קיינמאָל נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען דעם באַגריף פון: עם לבדד; פון אונדזער אָפּגעזונדערטקייט, ווי היינט. מערקווירדיק! עס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ נאָך אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין אַזוי צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע שבעה ימים ומד־בריות, ווי מיר יידן. מיר זענען אויסגעמישט צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט. מיר זענען געבונדן מיט דעם גורל פון אַלע פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן. מיר זענען דאָס איינציקסטע פאָלק אין דער וועלט, וואָס פאַר־שטייט די גאַנצע וועלט. מיר רעדן אויף אַלע שבעים לשו־נות. לאָגיש וואָלטן מיר דערפאַר געדאַרפט צו זיין אויך דאָס אַמבעסטן פאַרשטאַנענע פאָלק. פאַקטיש אָבער, איז אַזוי: וואָס מער מיר פאַרשטייען די וועלט, אַלץ ווייני־קער פאַרשטייט די וועלט אונדז. מיר זענען אַן „עם לבדד". אונדזער לעבנסשטייגער, אונדזער שפּראַך, אונ־דזער קולטור, בלייבט תמיד פאַרזיגלט מיט זיבן זיגלען פאַר דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, אין דעם באַשטייט אונדזער כח. זאָל עמעצן געלינגען אויפצועפענען די יידי־שע פאַרשלאָסנקייט און צו פאַרניכטן די יידישע אָפּגעזונ־דערקייט, דאַמאָלס וואָלט דער גאַנצער קיום אונדזע־רער, געווען אין אַ סכנה. דעם סוד האָט בלעם אַנטדעקט, מיט דער כוונה, צו געבן בלק'ן אַן עצה, ווי אַזוי צו קעמפן און אָפּצושוואַכן דעם יידישן כוח.

אונדזערע נביאים פאַרגלייכן די פעלקער פון דער וועלט

צו וואַסער. דער פּסוק אין ישעיה' י"ז י"ב זאָגט: המון עמים רבים כהמות ימים: דאָס ברומען פון די פילע פעל־קער איז ווי דאָס רוישן פון די וואַסערן. די יידן דאַקעגן, ווערן פאַרגליכן צו פייער. דער פּסוק זאָגט: והיה בית יעקב אש; יעקבס קינדער, זענען ווי פייער. וואַסער איז קאַלט; פייער איז וואַרעם. די טבע פון פייער איז, אַז עס האַלט ניט די וואַרעמקייט בלויז פאַר זיך, נאָר וואַרעמט אָן אפילו דאָס קאַלטע וואַסער, וואָס געפינט זיך דאַ־נעבן. אָבער דעם כוח האָט פייער נאָר דאַמאָלס, ווען עס איז אָפּגעזונדערט פון דעם וואַסער; ווען צווישן דעם פייער און דעם וואַסער איז פאַראַן אַ מחיצה, אַן אָפּטייל. (אַ כלי) וואָס דערלאָזט ניט, אַז דאָס וואַסער זאָל אַריין אין דעם פייער, אָדער אַז דאָס פייער זאָל אַריין אין דעם וואַסער. קוים רייסט זיך דאָס וואַסער אַריין אין דעם פייער, אָדער דאָס פייער פאַלט אַריין אין דעם וואַסער, דאַמאָלס ווערט דאָס פייער פאַרלאָשן. דאָס זעלבע איז מיט דעם פאַרהעלטעניש פון יידן לגבי אַלע פעלקער פון דער וועלט. דער יידישער כוח איז ווי פייער. דאָס יידישע פייער איז בכח אפילו אָנצואוואַרעמען די קאַלטע וואַסערדיקע פעלקער פון דער וועלט. דעם כוח האָבן יידן אָבער נאָר דאַמאָלס, ווען צווישן דעם יידישן פייער און דעם וועלטלעכן וואַסער איז פאַראַן אַ מחיצה, אַן אָפּטייל, אַן אָפּגעזונדערטקייט. אויב אָבער מען נעמט אַוועק די מחיצה, דאַמאָלס דרינגט דאָס גויישע וואַסער אַריין אין דעם יידישן פייער. די קאָנסעקווענץ איז אַ

פשוטע: דאָס יידישע פייער ווערט פאַרלאָשן און ניטאָ מער קיין יידיש פייער. דאָס מיינט, אַז נישטאָ מער קיין יידן.

בלעם האָט געגעבן אַן עצה בלקן און געזאָגט: נישט מיט קיין מלחמות, נישט מיט קיין פּראָפּאַגאַנדעס און קללות, קען מען יידן פאַרניכטן. איין עצה איז פאַראַן: אַריינרייסן זיך אין דער יידישער אָפּגעזונדערטקייט; אויפברעכן די יידישע איזאָלירטקייט און דאַמאָלס וועט דאָס יידישע פייער אַליין פאַרלאָשן ווערן. בלעם האָט דאָס ניט בלויז געזאָגט, נאָר אויך געטאָן. ער האָט פּאַקטיש אָנגעוויזן, וואָס עס דאַרף זיין דער ערשטער שריט צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיין עצה. קודם דאַרפן די מואב׳ישע טעכטער זיך אַריינרייסן אין דעם יידישן לאַגער: זיי דאַרפן זען צו געווינען די יידישע יוגנט. ווען די יידישע יונגע לייט וועלן אָנהויבן פאַרקערן מיט די גויישע טעכטער, וועט דאַן די יידישע אָפּגעזונדערטקייט במילא אַליין ווערן אויפגעבראָכן. דער פסוק דערציילט דערפאַר אין דער היינטיקער סדרה, אַז: בלעם הלך לדרכו; בלעם איז זיך געגאַנגען אַהיים, נאָר: ויחל העם לזנות אל בנות מואב; דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט די טעכטער פון מואב און ווען נישט דאָס מסירת נפש פון אַ פנחס, ווער ווייסט, ווי ווייט דאָס וואָלט געווען דערגאַנגען.

די זעלבע כוונה האָט בלעם געהאַט, בשעת ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם שיינעם פסוק פון מה טובו. אויך דאָ,

האָט בלעם אָנגעדייטעט, אין וואָס עס באַשטייט דער כוח פון דעם יידישן קיום. אַלע האָבן געוואוסט, אַז יידן זענען שטאַרק אַדאַנק זייער אמונה. אָבער די יידישע אמונה, איז נישט בלויז קיין אַבסטראַקטער גלויבן. יידי־שע אמונה, מיינט נישט, בלויז פון צייט צו צייט צו קומען אין אַ ג־טלעך הויז אַריין און דאָרט אָפּצורעכטן געוויסע תפילות צו ג־ט. דער עיקר פון יידישער אמונה, זענען די מצוות, וואָס דער ייד איז מקיים אין דרויסן מחוץ פון דעם ג־טלעכן הויז, אויסערהאַלב פון דער שול. מיט דעם קומען אין שול אַליין, איז מען נאָך כלל קיין ייד נית. אויב אַ ייד האַלט נישט פון קיין מצוות, ער פירט זיך נישט ווי אַ ייד און לעבט נישט מיט קיין תורה, מעג ער אפילו וואוינען אין שול און אָפּזיצן גאַנצע טעג אין שול, איז ער קיין ייד נישט. אויב אַ ייד לעבט על פי תורה און איז מקיים יידישקייט אין אַלע פּרטים, מעג ער, אפילו, אין זיין גאַנצן לעבן קיין מאָל נית קומען אין קיין שום שול, איז ער אַ טרייער ייד. די שול האָט נאָר דאַמאָלס אַ באַדייטונג, ווען מען לעבט אין דערהיים אַלס ייד.

בלעם האָט געזאָגט. מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל. אהל, מיינט דאָס געצעלט, די פּריוואַטע היים. משכן איז דאָס ג־טלעכע הויז, אַ מקדש. יעקב, איז דער וואָכעדיקער נאָמען פון אַ ייד. זיין אייגנגאָמען, זיין טאָג־טעגלעכקייט. ישראל, איז דער העכערער נאָמען, די הע־כערע מדרגה פונעם ייד. בלעם זאָגט דערפאַר, אַז עס

דאַרף קודם זיין דער מה טובו אהליך יעקב, דאַן קען קומען דער משכנותיך ישראל. אַ ייד קען זיין בבחינת ישראל און האָבן אַ משכן, נאָר דאַמאָלס, ווען ער האָט דעם: מה טובו אוהליך יעקב; ווען זיין וואָכעדיקער אהל, ווען זיין היים, איז שיין. אויב עס איז נישטאָ דער מה טובו אוהליך יעקב. ווען דער וואָכעדיקער יעקב, האָט נישט קיין יידיש געצעלט, קיין יידישע היים, איז דער גאַנצער משכן קיין משכן נישט און דער נאָמען ישראל איז גאָר ניט צוגעפּאַסט פאַר אים. בלעם מיינט דער־מיט צו זאָגן, אַז מען דאַרף בכלל נישט קעמפן מיט די יידישע משכנם. זיי קענען זיך זיין, ווי שיין און ווי פּרעכ־טיק, זיי זענען אַליין גאָר נישט ווערט. מ'דאַרף קעמפן מיט די אוהלם פון יעקב, מיט די יידישע היימען. מען דאַרף זיך אָנשטרענגען זיי צו פאַרגויאישן, וועט במילא נישט זיין קיין משכנם און קיין ישראל. בלעם ווייזט אָן בלקן, אַז ער מאַכט אַ פעלער מיט דעם, וואָס ער וויל בלויז קעמפן מיט דער יידישער אַבסטראַקטער דערהויבנ־קייט. דער עיקר דאַרף מען באַקעמפן די יידישע פשוטע וואָכעדיקייט, וועט דאַן די הויכקייט במילא פאַלן און וועט ניט עקזיסטירן.

טראָץ דעם, וואָס דער מה טובו איז פון בלעם גע־זאָגט געוואָרן מיט אַ בייזער כוונה, האָט ער זיך דאָך מיט רעכט איינגעבירגערט ביי אונדז, אַלס דער אָנהויב פון יעדן דאַווענען. אַ ייד קומט אין שול אַריין; די שול איז דער יידישער משכן; ער מיינט, אַז מיט דעם איז ער

מקיים די גאַנצע יידישקייט. הייסט מען אים פריער זאָגן דעם מה טובו אהליך יעקב; אַ ייד מוז פריער זיך אָפּ־געבן אַ חשבון, צו איז ער אין אָרדענונג מיט זיין אהל, מיט זיין פּריוואַטער היים. צו איז זיין וואָכעדיקע היים, זיין געצעלט אין יידישער אָרדענונג. מען מוז קודם גע־דענקען, אַז מען דאַרף לעבן אין שטוב יידיש, רעדן יידיש, עסן יידיש, טרינקען יידיש און דענקען יידיש. דאַן קען מען קומען אין דער שול, אין דעם משכן און זיך דער־הויבן צו דעם נאָמען ישראל. אָבער אַז מען לעבט נישט יידיש, מען רעדט גויאיש און מען דענקט גויאיש, וואָס פאַר אַ מחותן איז מען מיט דער שול? וואָס פאַר אַ טעם האָט די שול? אַ ייד, וואָס לעבט אין דער היים נישט יידיש, פילט טאַקע קיין שום טעם נישט אין קיין שול. ער פילט נישט קיין שום דערהויבנקייט און קיין שום גייסטיקייט. פאַר אַזאַ ייד, מוז מען בויען גרויסע אַרכי־טעקטאָנישע געביידעס און דאָרט אריינשטעלן אָרגעלס מיט מוזיק, מיט קאַנטאָרס און מיט כאָרן, מיט פּרעדי־קערס און צערעמאָניעס. מיט די אַלע זאַכן, וויל מען ביי אַזאַ ייד אַרויסרופן קינסטלעכע עמאָציעס. אָבער דאָס איז מער נישט קיין „משכנותיך ישראל”. עס פעלט דער מה טובו אוהליך יעקב. דאָס איז אַן אייביקער אמת.

פ נ ח ס

מיט רעכט זאָגט די גמרא אַז די ברכות פון בלעם הרשע זענען, אין דער אמתן, גאָר געווען קללות. בלעם האָט גערעדט פון דער גרויסקייט פון דעם יידישן פאָלק, אָבער זיין כוונה איז געווען, אָנצוווייזן בלקן, אין וואָס עס באַשטייט דער סוד פון דעם יידישן קיום; אין וואָס עס ליגט די שטאַרקייט פון דעם ייד. פון די ווערטער פון בלעם, האָט בלק באַדאַרפט פאַרשטיין, וואו און אין וועלכן פונקט, מען דאַרף יידן אָנצוגרייפן, כדי צו באַ־דראָען זייער עקזיסטענץ. בלעם זאָגט, אַז יידן קען מען נישט בייקומען, ניט מיט קיין מלחמות, נישט מיט קיין פּראָפּאַגאַנדעס און רעדערייען. איין עצה איז פאַראַן, וואָס איז דאָס זיכערסטע מיטל יידן צו פאַרניכטן, דאָס איז אויפצוברעכן די יידישע מאָראַל, אָראָפּפירן זיי פון דעם יידישן לעבן און פון דער יידישער אמונה. בלעם ווייזט אויך פּאַקטיש אָן, ווי אַזוי פּראַקטיש דאָס דורכ־צופירן. ער הייסט בלקן, אַריינצושיקן אין יידישן לאַגער די טעכטער פון מואב און אַריינברענגען אויסגעלאַסנקייט

צווישן יידן. דאָס וועט אויך אָפּשוואַכן די יידישע דים־ציפּלין און די יידישע אמונה, במילא וועט אַ סוף קומען צום גאַנצן יידישן פאָלק.

אַזוי איז עס אויך געשען, ווי בלעם דער רשע האָט אויסגעטראַכט. די סדרה פון דער היינטיקער וואָך דער־ציילט אונדז, אַז דאָס זעלביקע פאָלק, אויף וועלכן דער שונא בלעם האָט אויסגעשריגן דעם: מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל! ווי שיין זענען דיינע געצעלטן יעקב, דיינע וואוינונגען ישראל; דאָס שיינע יידישע פאָלק, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ חברה פון אויסגע־לאַסענע אינדיווידועז, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן צו די מואבישע טעכטער און צו דעם מואבישן בעל פעור. פאַרשייטקייט און געצנדינסט, האָבן חרוב געמאַכט די יידישע שיינקייט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו אַ פאַרשטייער פון אַ גאַנצן שבט: זמרי בן סלוא, האָט עפנטלעך זיך געפירט מיט אַ מדיינישער פרוי. עס פאַר־שטייט זיך, אַז די שענדלעכע טאַט האָט דערשיטערט די טרייע יידן, וועלכע האָבן הילפלאָז צוגעקוקט, ווי אַלעס, וואָס עס איז הייליק און דערהויבן ווערט געשענדעט און פאַרניכטעט. זיי האָבן גאָר נישט געקענט העלפן. זענען זיי געזעסן און געוויינט אויף דעם חורבן פון דעם פאָלק.

איין איינציקער איז געווען, וועלכער האָט נישט גע־וויינט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט וויינען וועט מען גאָר נישט אויפטאָן, נאָר מען דאַרף עפּעס טאָן קעגן דעם. פנחס, אַן אייניקל פון אהרן הכהן, האָט גענומען

אַ שפּיז אין זיין האַנט און דעם אויסגעלאַסענעם יידישן פּרינץ מיט דער מדיינישער פּרינצעסין, ביידע דערשטאָכן אויף טויט. דאָס איז די מעשה וואָס די פּרשה פון דער היינטיקער וואָך דערציילט אונדז.

אונדזערע תנאים און אמוראים, אין דער גמרא און אין מדרש, האָבן די מעשה נישט אַזוי איינפאַך אַדורכ־געלאָזט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן פּונקט און אויף יעדן אות פון דער דערציילונג. פּנחס האָט אין דעם פאַקט באַוויזן די מדה פון קנאות — פון עקסטרע־מער, דעמאָנסטראַטיווער האַנדלונג. קודם זאָגט אונדז די גמרא, אַז מיר זאָלן וויסן, אַז ווען פּנחס זאָל געוועזן פרעגן ביי די חכמים אַ שאלה, צו ער זאָל אַזוי האַנדלען, וואָלטן די חכמים זיכער נישט געווען מסכים געווען אויף דעם. דאָן זאָגט די גמרא, אַז: מעשה פּנחס שלא ברצון חכמים. די טאַט פון פּנחס איז נישט לויט דעם אָנזען פון די חכמים. אויב די תורה האָט געלויבט די טאַט פון פּנחס, מוזן מיר זיך פאַרטיפן און שטודירן יעדן אומשטאַנד פון דער מעשה, כדי חלילה נישט אריין צו פאַלן אין אַ טעות און דענקען, אַז יעדער איז באַרעכטיקט אַזוי צו האַנד־לען. קנאות, עפּנטלעכע דעמאָנסטראַציעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט בלוטפאַרגיסונג, טאָרן נישט אָפּגעטאָן ווערן ספּאָנטאַן, בלויז פון דעם מאָטיוו פון מאָמענטאַנע עמאָציעס. קנאות, איז אַן עקסטרעמע מדה און דערפאַר איז זי געפערלעך. אויב מען וויל אויספירן אַן אַקט פון קנאות, מוז מען פריער גוט איבערלייגן, אַזוי דעם אָרט,

ווי אויך די צייט און בעיקר, ווי אַזוי צו רעאַליזירן דעם אַקט. אַן עקסטרעמע דעמאָנסטראַציע, איז פאַרבונדן מיט שעדלעכקייט, מער ווי נוצלעכקייט. די גמרא זאָגט, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין מאָראַל אין דער וועלט, וועלכע זאָל קענען כשרן בלוט פאַרגיסונג און רציחה. אמת, אַז קנאות, וואָס איז פאַרבונדן מיט קידוש השם, איז אַ גרויסע מדרגה. אין לעבן אָבער, פירט קנאות מייסטנ־טיילס, אַנשטאָט צו קידוש השם, גאָר צו חילול השם. זיכער מוז מען אַרויסטרעטן קעגן שענדלעכע מעשים. זיכער מוז מען אפילו אויספירן טויט אורטיילן אויף פאַר־ברעכער. אָבער ביי ייִדן, ווען מען האָט געפסקנט אַ טויט אורטייל, האָט מען פריער געמוזט דורכפירן אַ געריכט ביי די סנהדרין. די סנהדרין זענען באַשטאַנען פון דריי שורות צו 23 ריכטער פון די גרעסטע חכמים פונעם דור. די סנהדרין האָבן זיך ניט געטאָרט רעכענען מיט קיין שום עמאָציעס, אָדער געפילן, נאָר מיט די פאַקטן און מיט דעם געזעץ. קנאות דאַקעגן עפנטלעכע דעמאָנסטראַ־ציעס און ספּאָנטאַנע הריגות, ווערן אויסגעפירט פון יחי־דים, וועלכע ווערן באַהערשט פון אַ מאָמענטאַנעם אויפ־ברויז און זענען עלול תמיד צו ברענגען מער שאָדן ווי נוצן.

חז״ל ווייזן דערפאַר אָן אויף די אומשטענדן, וועלכע האָבן געפירט דערצו, אַז פנחס האָט יאָ געקענט טאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן. די גרויסקייט פון פנחס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט, טראָץ זיין קנאות, דורכגע־

טראַכט דעם ענין און קאַלקולירט אַלע פּרטים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דעם, וואָס ער האָט אַדורכגעפירט און אין דעם, איז באַשטאַנען זיין גרויסקייט. די פּרטים וואָס שטעלן צונויף דעם פאַרבאַדינג פאַר קנאות, זענען ווי פאָלגט.

1) ערשטנס טאָר מען נישט דענקען פון קיין שום עקסטרעמע מעשים, אַזוי לאַנג ווי מען האָט נאָך נישט אויסגעפּרובט קיין פרידלעכן, סאָלידן מיטל. קודם כל, מוז מען זיך באַדינען מיט גוטע אַרגומענטן, מיט אויפקלערונג און פאַרשטענדיקונג. מען טאָר נישט אויסאיבן קיין שום דראַסטישע וועגן, איידער מען האָט אָנגעווענדעט דעם וועג פון שלום און פרידלעכקייט.

2) ווען מען פאַרטרעט אַן עקסטרעמען שטאַנדפּונקט, טאָר מען דאַביי ניט האָבן קיין שום פּערזענלעכן אינטערעס. עקסטרעם פאַרטיידיקן אַ שטאַנדפּונקט, מעג מען בלויז דאַמאָלס ווען מען איז אין גאַנצן אָביעקטיוו און מען איז סוביעקטיוו גאָר ניט אינטערעסירט אין דעם. אויב איינער האָט עפּעס אַ פּראַקטישן נוצן פון זיין שטאַנדפּונקט. ער לעבט למשל פון דער פּאַרטיי, אָדער ריכטונג; ער האָט פון דעם פּרנסה, אָדער ער האָט עפּעס אַן אַנדערן נוצן; ער האָט אַ שטעלונג און כבוד פון דעם, אָדער ער ברענגט דערמיט אַן הנאה צו זיינעם אַ נאָנטן, האָט ער מער קיין שום רעכט נישט אָנצונעמען עקסטרעמע האַנדלונגען.

3) יעדער שאַרפער שריט פון אַן עקסטרעמער ריכ־

טונג, טאָר ניט אַרויסגיין מחוץ פון די גרענעצן פון דעם אייגענעם פאָלק. פאַרשיידענע ריכטונגען און פּאַרטייען אין אַ פאָלק, מוזן זייערע חשבונות מאַכן נאָר ביי זיך און נישט אויסערהאַלב פון דעם פאָלק, צו וועלכן זיי אַלע געהערן. אויספירן געוואַלט-טאַטן מיט הילף פון פרעמדע, דאָס איז פון תמיד פאַראַט און שענדלעך.

4) מען טאָר זיך קיין מאָל נישט אַריינלאָזן אין אַזעל־כע מעשים, אויב זיי קענען ברענגען שאָדן, ניט בלויז דעם קעגנער אַליין, נאָר דעם גאַנצן כלל. מען מוז תמיד געדענקען, אַז דער גאַנצער כלל שטייט העכער פון יעדן חשבון, וואָס עס האָט איין גרופּע מיט אַ צווייטער גרופּע. צוליב נקמה אויף אַ קעגנער ,טאָר מען נישט ברענגען קיין שאָדן דעם גאַנצן פאָלק.

די תורה דערציילט אונדז, אַז פּנחס האָט אויף די אַלע פּרטים געניי אַכטונג געגעבן. די תורה האָט באַטראַכט פאַר נייטיק צו באַטאָנען, אַז פּנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן; פּנחס איז געווען אַן אייניקל פון אהרן הכהן. חז״ל באַמערקן, אַז ווען די תורה דערמאָנט דאָ דעם יחוס פון פּנחס מיינט זי נישט אָנצואווייזן זיין פיזישן אָפּשטאַם, נאָר בעיקר זיין גייסטיקן אָפּשטאַם, זיינע פּסיכישע איי־גנשאַפטן און זיין כאַראַקטער, פּנחס האָט געירשנט די זעלבע פּסיכישע אייגנשאַפטן, וואָס עס האָט געהאַט זיין זיידע אהרן. ער איז געווען, ניט בלויז אַן אוהב שלום, נאָר אויך אַ רודף שלום; נישט בלויז האָט ער ליב גע־האַט דעם שלום, נאָר ער האָט זיך געיאָגט נאָך דעם

שלום, דער מדרש זאָגט דייטלעך, אַז אהרן הכהן איידער ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו דער מעשה, פון דעם ער פריי־ער אָנגעווענדעט אַלע פרידלעכע מיטלען. עגל, האָט ווען יידן זענען צוגעשטאַנען צו אהרן הכהן און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל פאַר זיי מאַכן אַן עגל, האָט אהרן מיט פאַרשיידענע מיטלען קודם געפּרואווט זיי אָפּצוהאַלטן און אויף אַ פרידלעכן וועג זיי צו איבערצייגן פון זייער נידעריקער געפאַלנקייט. אויך פּנחס האָט אַזוי געטאָן. ערשט ווען אַלע זיינע פרידלעכע שריט האָבן ניט גע־האָלפן, ערשט דאַמאָלס, האָט ער אָנגעווענדעט זיין עקסטרעמע טאַט.

דער פּסוק באַטאָנט ווייטער: בקנאו את קנאתי; ער האָט זיך אָנגענומען פאַר מיינעט וועגן. דער רבש"ע אַליין זאָגט עדות אויף פּנחסן, אַז ער האָט געמיינט אין גאַנצן לשם שמים; פאַר ג־טס וועגן. פּנחס האָט דאַביי נישט געהאַט קיין שום פניה, קיין שום זייטיקע מחשבה און קיין שום סוביעקטיוון חשבון, אָדער עפּעס אַ פּערזענ־לעכן אינטערעס.

דאָן באַטאָנט דער פּסוק: בתוכם. צווישן זיי. פּנחס האָט זיך ניט באַדינט מיט קיין שום פרעמדן כח. ער האָט דעם פראָטעסט נישט אַרויסגעטראָטן אין דרויסן אַרויס, נאָך האָט אַלס אָפּגעטאָן ;בתוכם; צווישן זיי,אין דעם יידישן לאַגער.

עס קומט דאָן דער לעצטער זאַץ: ולא כיליתי את בני ישראל בקנאתי; פאַר די יידן אַליין, פאַר דעם גאַנצן פאָלק

האָט אויך די שאַרפע טאַט פון פנחס, קיין שום שאָדן ניט געברענגט. פאַרקערט: די עקסטרעמע האַנדלונג האָט דווקא איינגעשטעלט צוריק די דיסציפלין און די אָרדע־נונג. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, האָט פנחס אויסגע־פירט זיין אַנטשלאָסענע האַנדלונג. דער בעסטער באַוויז פאַר דער ריכטיקייט פון דער טאַט, איז געווען דער: הנני נותן לו את בריתי שלום; דער שלום, וואָס איז איינגעטרעטן באַלד אין דעם יידישן לאַגער. געוויינלעך נאָך אַזאַ שטאַרקן אַרויסטריט פון אַ פנחס, האָט גע־דאַרפט קומען אַ קעגן רעאַקציע פון דעם פאָלק, אַן אויפ־שטאַנד וכדומה, אָבער דאָ איז געשען פאַרקערט; עס איז געוואָרן שלום ושלווה, שטיל און רואיק.

דאָס איז דער געדאַנק, וואָס חז״ל ברענגען אַרויס פון דעם ערשטן פסוק פון דער היינטיקער סדרה. דאָס לערנט אונדז, אַז אונטער אַנדערע באַדינגונגען, וואָלט די אַקציע פון פנחסן ניט געווען געקענט זיין אין גייסט פון תורה.

דאָס מוזן געדענקען אַלע די, וואָס ווערן אַנגעצונדן אין צייטן פון מאָראַלישע קריזיסן און ווערן באַהערשט פון מאָמענטאַנער עמאָציע. זיי זענען גרייט אָפּצוטאָן דאָס שאַרפסטע, אַלס פראָטעסט קעגן דער מאָראַלישער ירידה. אָבער זיי מוזן פריער זיך איבערלייגן גענוי: צו זענען ביי זיי אויך פאַראַן אַלע די אומשטענדן, וועלכע די תורה רעכנט אויס ביי פנחס, ווייל נאָר דאַמאָלס קען מען נאָכטאָן פנחסן. קוים פעלט איין פונקט, איז עס מער נישט קיין קידוש השם, נאָר אַ חילול השם.

מטות — מסעי

מיט דער היינטיקער סדרה פאַרענדיקט זיך דער פערטער חומש פון דער תורה, דער חומש במדבר. מיט דער היינטיקער סדרה פאַרענדיקט זיך צוגלייך אויך די תורה, וואָס משה רבינו האָט געקומען פון ג־ט ב״ה אויף דעם בארג סיני, דער פינפטער חומש, דער חומש דברים, רופט זיך: משנה תורה און איז אַ ווידערהאָלונג און אַ דערקלערונג פון ענינים, וואָס ווערן דערמאָנט אין די ערשטע פיר חומשים.

איידער די יידן גייען אריין אין זייער אייגן לאַנד אריין, פאַרצייכנט משה רבינו אַלע פאַרשיידענע רייזעס, וואָס יידן האָבן אַדורכגעמאַכט, זינט זיי האָבן פאַרלאָזט מצרים ביז זיי זענען געקומען צום ברעג פון ירדן. די היינטיקע סדרה רעכנט אויס אַלע פלעצער און אַלע פונקטן, אין וועלכע יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין זייער לאַנגער, 40 יעריקער וואַנדערונג. די תורה לייגט אַ גרויס געוויכט, אויף דער גענויער פאַרצייכענונג פון די אַלע ערטער.

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס חז"ל באַמערקן, אַז די נעמען פון די אַלע פּלעצער, וואָס די תורה דערמאָנט, זענען נישט קיין ריכטיקע נעמען, וואָס די פּלעצער האָבן געהאַט פון פריער. זיי זענען נעמען, וואָס די פּלעצער האָבן באַקומען, צוליב די געשעענישן וועלכע האָבן אין זיי פּאַסירט, בשעת יידן האָבן געוווּט אין זיי. די נעמען ווי: מרה, מתקה, דפקה, חרדה, הר שפר, האָבן באַדייטונגען, מרה, מיינט: ביטער. מתקה איז זיס. דפקה, מיינט: האַרץ קלאַפּן. חרדה איז דער טייטש, ציטערניש. הר שפר, מיינט: שיינקייט. די נעמען זענען לויט דעם, ווי יידן האָבן זיך אין די פּלעצער געפילט.

די איבערלעבענישן פון די יידן במשך זייער 40 יעריקער מדבר־וואַנדערונג, דאַרפן דינען פאַר אונדז, אַלס אַ קוואַל פון דערמוטיקונג, האָפענונג און טרייסט אין אַלע צייטן.

אַלע געפאַרן, וואָס יידן מאַכן מיט אין זייער גאַנצער גלות געשיכטע, האָבן ענלעכקייטן אין די פאַרשיידענע פּאַסירונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען בשעת זייער ערשטער מדבר וואַנדערונג. וואָס פאַרא געפאַרן יידן זאָלן אַליך נישט האָבן דורכגעמאַכט, צו דרויסנדיקע, צו אינערלעכע; צו פּאָליטישע, צו עקאָנאָמישע; צו געפאַרן פון מלחמות, אָדער פון אַנטיסעמיטישער העץ פּראָפּאַגאַנדע, אַלס האָבן יידן אין 40 יאָר פון זייער מדבר־וואַנדערונג אַדורכגעלעבט.

ויסעו ויחנו, דאָס איז דער הויפּט אינהאַלט פון די

פאַרצייכענונגען, אין דער הײנטיקער סדרה. ווער פון אונדז אין אונדזער הײנטיקער גענעראַציע, שפּירט נישט ביי זיך אַליין דעם אינהאַלט פון אָט די צוויי ווערטער? ווילן מיר באמת פאַרשטיין אונדזערע אייגענע איבער־לעבונגען, דאַרפן מיר זיך פאַרטראַכטן אין די פסוקים פון דער הײנטיקער וואָך און אין די דרשות פון חז״ל אויף די פסוקים.

דער פסוק זאָגט: ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ד׳, ואלה מסעיהם למוצאיהם. און משה האָט פאַר־שריבן זייערע פּאַסירונגען, לויט זייערער רייזן דורך ג־ט און דאָס זענען זייערע רייזן, לויט זייערע פּאַסירונגען.

די מפורשים שטעלן זיך אָפּ אויף דעם, וואָס קודם שטייט: מוצאיהם למסעיהם און דאַן שטייט פאַרקערט: מסעיהם למוצאיהם. וואָס באַדייט דאָס?

מאָדערנע היסטאָריאָזאָפן מאַטערן זיך איבער די פראַגע: צו די פּאַסירונגען פון דער געשיכטע קומען פאָר, לויט אַ געוויסער אָרדנונג און אַ געוויסער אידעע, אָדער זענען זיי בלויז צופעליקע אָן אַ שום אָרדנונג און אָן אַ שום אידעע. די פראַגע אָבער, קען מען אָנווענדן בלויז צו דער אַלגעמיינער וועלטס געשיכטע. בנוגע צו דער געשיכטע פון יידן דאַקעגן, מוזן אַלע מודה זיין, אַז זי איז נישט קיין צופעליקע; זי איז אפילו נישט קיין נאַטירלעכע.

די יידישע געשיכטע דערציילט אונדז, אַז יידן זענען געקומען אין אַ געוויסן פּלאַץ און דאָרט האָט זיי פּאַסירט,

די אָדער יענע מעשה. דאכט זיך, אַז דאָס איז אַזוי. אין אמתן אָבער איז עס פאַרקערט: יידן האָבן באַדאַרפט אַדורכמאַכן אַ געוויסע פּאַסירונג און נאָר צוליב דער, אָדער יענער פּאַסירונג, זענען זיי געקומען אין דעם גע־וויסן פּלאַץ.

משה רבינו, ווען ער האָט אָנגעשריבן די געשיכטע פון דער יידישער וואַנדערונג, האָט טאַקע ווי געוויינלעך אָנגעשריבן: אמת מוצאיהם למסעיהם; אַלס, וואָס האָט מיט יידן פּאַסירט אויף זייערע רייזן. אָבער ער האָט צו־גלייך באַמערקט: ואלה מסעיהם למוצאיהם; האָט קיין טעות נישט יידן! מיינט נישט, אַז די אַלע פּאַסירונגען זענען פאַרגעקומען, בשעת אייערע רייזן, נאָר פאַרקערט: איר האָט מיט געמאַכט די אַלע רייזעס, כדי אַדורכצו־לעבן די אַלע פּאַסירונגען.

יידישע וואַנדערונגען זענען נישט קיין צופעליקע און נישט קיין נאַטירלעכע. אַלע האָבן זיי געוויסע אידעען און געוויסע צילן. דאָס גיט אונדז די זיכערקייט, אַז טראָץ אַלע ליידן און יסורים, וועלכע מיר מאַכן מיט אויף אונ־דזער לאַנגן וואַנדער־וועג, דערנענטערן מיר זיך דאָך ענדלעך צו אַ ציל און צו אַן אידעע.

פאַראַן אַ קאַפּיטל אין תהלים, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו; דאָס האָט דוד געזונגען, ווען ער איז אַנטלאָפן פון זיין זון אבשלום. פרעגט די גמרא: ווי קומט דאָס, וואָס דוד האָט גאָר געזונגען, ווען ער איז אַנטלאָפן? ווען מען אַנט־

לויפּט, דאַרף מען גיכער קלאָגן, נישט זינגען? ענטפערט די גמרא: דוד ווען ער איז אַנטלאָפן, האָט ער נישט געוואוסט, ווער עס יאָגט אים נאָך. ער האָט געמיינט, אַז קנעכט, אָדער נידעריקע מענטשן לויפן נאָך אים האָט ער זיך טאַקע דערשראָקן. אָבער שפּעטער ווען ער האָט גע־וואוסט, אַז דאָס איז זיין זון אבשלום און אַז זיין זון יאָגט אים נאָך, כדי אים צו הרגענען, האָט ער געזונגען.

דער רבי רב יונתן, אין זיין באַרימטן ספר „יערות דבש" פרעגט: וואָס האָט דאָ די גמרא פאַרענטפערט? דאַכט זיך, אַז פאַרקערט: אויב עס לויפן נאָך קנעכט, אָדער נידעריקע מענטשן, דאַרף מען זיך ווייניקער שרעקן, ווי דאַמאָלס, ווען אַן אייגענער זון וויל הרגענען אַ טאַטן. וואָס פאַר אַ געזאַנג איז עס פאַר אַ טאַטן, בשעת ער זעט, ווי אַן אייגן קינד וויל אים טויטן? אויף אַזאַ פּאַסירונג, האָט דוד נאָך מער געדאַרפט קלאָגן, ווי אויף אַ נאָך יאָגן פון קנעכט, אָדער נידעריקע מענטשן.

די כוונה דערפון איז: דאָס לעבן פון דוד המלך איז געווען אַ לאַנגע קייט פון וואַנדערונגען, פון זיך אויסבאַ־האַלטן פון פאַרשיידענע שונאים און פון אַנטלויפן פון פאַרשיידענע נאָכיאָגערס. פאַרטיפנדיק זיך אין די פּאַ־סירונגען פון זיין לעבנסגעשיכטע, האָט דוד המלך מורא געהאַט: טאָמער זענען די אַלע ליידן זיינע, בלויז נאַטיר־לעכע, בלויז צופעליקע. נאַטור, האָט נישט קיין ציל, האָט נישט קיין אידעע. מען ליידט סתם אין דער וועלט אַריין. אפילו ווען מען ווערט ניצול און מען בלייבט לעבן, וואָס

האָט מען דערפון? סוף סוף, האָט מען אָפּגעלעבט אַ פיינ־לעך לעבן. אָבער, ווען מען איז זיך באוואוסט, אַז אַלע ליידן וועלכע מען האָט אַדורכגעמאַכט, האָבן אַ געוויסן ציל און אַ געוויסע באַדייטונג; זיי זענען נישט קיין נאַ־טירלעכע און נישט קיין צופעליקע, דאַמאָלס באַקומט דער מענטש מוט און האָפענונג. די זיכערקייט, גיט אים כוח צו איבערווינדן אַלע צרות, כדי צוקומען צו דעם פאָרויס־געזעצטן ציל.

דאָס מיינט די גמרא: דוד המלך איז אַנטלאָפן. ער האָט נישט געוואוסט ווער עס יאָגט אים נאָך. ער האָט געמיינט, אַז דאָס זענען געוויינלעכע קנעכט, אָדער גע־מיינע מענטשן, וועלכע יאָגן אים נאָך, כדי אים צו הר־גענען. אויב אַזוי, איז דאָס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און קעגן נאַטור קען מען זיך נישט העלפן. נאַטור איז האַרט, נאַטור איז צופעליק, נאַטור האָט נישט קיין צילן, דערפאַר האָט ער מורא געהאַט. אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז זיין אייגענער זון; ער לויפט אים נאָך און וויל אים הרגענען; דאָס הייסט, דער זון וויל הרגענען דעם טאַטן, דאַמאָלס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט פשוט. דאָס איז נישט נאַטירלעך. דאָס איז אַזאַ אומנאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס יעדער מוז צו־געבן, אַז עס איז ניט קיין צופאַל. דוד המלך זעט אין דעם אומנאַטירלעכן די האַנט פון ג־ט, אויב עס קומט פון ג־ט, האָט עס זיכער אַ ציל און אַן אידעע און דאָס איז די סיבה פון זיין זינגען.

ואלה מסעיהם למצאיהם; די יידישע וואַנדערונגען זענען צוליב זייערע פּאַסירונגען. אַלעס, וואָס יידן מאַכן מיט אין זייערע וואַנדערונגען, איז ניט נאַטירלעך און נישט צופעליק. עס איז פון דער ג־טלעכער השגחה. מיר דערנענטערן זיך, וואָס אַמאָל מער, צו אונדזער ציל און צו אונדזער צוועק. דאָס איז אונדזער טרייסט, אונדזער האָפענונג און אונדזער מוט.

טעג פון טרויער

שבעה עשר בתמוז, דריי וואָכן, ניין טעג און תשעה באב, זענען טעג פון טרויער. טעג, וואָס דערמאָנען אונדז אין שרעקלעכע טראַגעדיעס, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַדורכגעלעבט אין זיי, זינט עס איז געבוירן געוואָרן ביז צום היינטיקן טאָג.

יידן זענען נישט די איינציקע צו טרויערן אויף טראַגעדיעס, וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט. יעדעס פאָלק האָט געדענק־טעג פון צער און ליידן פון אַמאָל. ביי קיין שום פאָלק אָבער, זענען נישט פאַראַן קיין טעג, וואָס זאָלן האָבן אין זיך איינגעזאַפּט, ווי אַ שוואָם, אַזוי פיל יסורים און פיין, ווי די יידישע דריי וואָכן. פון דער ערשטער מינוט, זינט יידן עקזיסטירן זענען די דריי וואָכן געווען, עפּעס ווי אָנגעצייכנט פאַר צרות, ליידן און פיין, פאַר דער יידישער אומה.

דאָס יידישע פאָלק איז אָט־וואָס געבוירן געוואָרן; באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי אין מצרים. עס האָט זיך אויפגעהויבן גאָר הויך ביז צום בארג סיני און ביז צו אַ

תורה, און מיט אמאל איז עם פלוצלונג אראפגעפאלן ביז צום טיפסטן אפגרונט, ביז צו געצענדינסט. אט זענען זיי ערשטע געווען אלע פאראייניקט, ווי איין מאן, און האבן אלע מיט אמאל אויסגעשריגן דעם נעשה ונשמע, און אט שטייען זיי און טאנצן ארום א גאלדענעם קאלב. א שרעקלעכע טראגעדיע! אט שטייט א פאלק ביי קבלת התורה און אט טאנצט עס ארום אן אקס; און ווען איז דאס געשען? — אין שבעה עשר בתמוז.

אין שבעה עשר בתמוז פון דעם ערשטן יאר, אין וועל־כן יידן זענען ארויס פון מצרים. קוים 40 טעג נאכדעם ווי זיי האבן גענומען א תורה, דערזעט משה רבינו, אז אלץ וואס יידן האבן געלערנט ביים בארג סיני, איז צו גרונט געגאנגען. „דאס פאלק האט זיך געזעצט עסן און טרינקען און זיך לוסטיק צו מאכן". דער מדרש זאגט: לוסטיק צו מאכן, מיינט: טרייבן זנות, מארד און געצענ־דינסט.

דער רבש"ע האט טאקע מוחל געווען די יידן פאר דער עבירה. אבער א שרעקלעך ווארט איז דאמאלט גע־זאגט געווארן; וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם; עס וועט קומען א צייט, ווען איך וועל מיך רעכענען מיט זיי פאר זייערע זינד. רש"י זאגט: אין פורעניות באה על ישראל שאין בה מפרעון עון העגל. יעדע צרה, וואס קומט אויף יידן, האט אין זיך א טייל אפצאל, פאר די זינד פון עגל. די צרות אויף יידן קומען אין די טעג, אין וועל־

בע זיי האָבן געמאַכט דאָס עגל, אַלס שטראָף פאַר יענער זינד.

אַ יאָר שפּעטער, אין צווייטן יאָר. נאָכדעם ווי יידן זענען אַרויס פון מצרים. זיי זענען טאַקע באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי. פרייהייט איז אַ גרויסע זאַך, אָבער נישט אַלע מענטשן קענען אָפּשאַצן דעם ווערט פון פרייהייט. מענטשן, וואָס זענען איבערגעבן צו עסן און טרינקן; מענטשן, וואָס בענקן נאָך פיש וואָס זיי האָבן אין זייער קנעכטשאַפט געהאַט בחנם; נאָך ציבעלעס און קנאָבעל, קענען נישט אָפּשאַצן ריכטיק, וואָס עס מיינט פרייהייט. זיי קענען ביי זיך נישט פועלן, אויסצובייטן פיש אויף פרייהייט. האָבן טאַקע דאַמאָלס אַ סך יידן גאָר חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה און גיכער געוואָלט צוריק גיין קיין מצרים, איידער זיך אָנשטרענגען צו גיין קיין ארץ ישראל. זיי שיקן דערפאַר פריער מרגלים צו זען, צו איז כדאי אפילו איבערצולאָזן דעם מדבר אפשר איז גלייכער צו בלייבן אין מדבר. די מרגלים קומען צוריק און ברענגען אַ באַריכט, אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט. דאָס הייסט, אַז עס לוינט כלל נישט צו זיך אָנצושטרענגען פאַר אַן אייגענער היים. דאַמאָלט האָבן יידן אויפגעהויבן אַ שרעקלעך געוויין און האָבן נאָר געוואָלט צוריק קיין מצרים.

ווען איז דאָס געווען? ווידער אין תשעה באב. ווידער איז געפאַלן אַ שרעקלעך וואָרט: אתם בכיתם בכיה של חנם ואני אקבע לכם בכיה של דורות: היינט וויינט איר אומ־

זיסט, אָבער שפּעטער וועט איר, אין די טעג, וויינען אמתדיק און אויף לאַנגע דורות.

נאָך פערציק יאָר וואַנדערן אין מדבריות קומען יידן אַריין קיין ארץ ישראל. זיי עטאַבלירן זיך אין אַ וווּנדער־לעכער מלוכה, מיט אַ דוד המלך און אַ שלמה המלך. אָבער מיט דער צייט גייען זיי אַראָפּ פון דעם ריכטיקן וועג; זיי זינדיקן; זיי דינען צו געצן; זיי לאָזן זיך אַריין אין שכרות און הוללות, אין לוקסוס און שוואַילטאַג. עס קומט דאַן די צייט פון באַצאָלונג. עס קומט חורבן און גלות. ווען געשעט עס? אין תשעה באָב.

בבל מאַכט חרוב די יידישע מלוכה און פאַרטרייבט די יידן פון לאַנד. 70 יאָר איז דאָס לאַנד חרוב. אָבער יידן קומען דאָך צוריק און עטאַבלירן זיך פריש אויפ־סנייַ אין זייער היים. עס פאַרגייט ווייטער אַ צייט און ווידער זינדיקן יידן. נייע דורות מיט נייע חטאים. מען שלאָגט זיך אַרום. מען רייסט זיך ביי די האָר: צדוקים, פרושים און איסיים. ווידער קומט אַ צייט פון באַצאָלונג; ווידער קומט חורבן און גלות. ווען געשעט עס? ווידער אין תשעה באב. טיטוס מיט זיינע 80 טויזנט לעגיאָנערן מאַכט חרוב דעם בית המקדש. ער פאַרברענט די שטאָט ירושלים. ער קוילעט אוים טויזנטער יידישע קעמפּער און מאַכט אַ סוף צו דער זעלבסט שטענדיקער יידישער מלוכה.

60 יאָר נאָך דעם חורבן נעמען זיך צונויף 400 טויזנט יידישע יוגנטלעכע און מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן די

רוימישע אונטערדריקער. בר־כוכבא מיט זיינע העראָאי־שע מיטקעמפער האַלטן אָפּ איין זיג נאָך דעם צווייטן. עס דאַכט זיך כמעט, אַז אָט־אָט האָבן די יידישע גבורים אַ פולשטענדיקן נצחון. אָבער אַן אינערלעכע קנאה—שנאה כאַפּט זיך אַריין אין די רייען פון די יידישע אויפשטענד־לער. דער סוף פון דער אונטערנעמונג איז אַ שרעקלעך טראַגישער. ווידער מוזן מיר זיך פרעגן: ווען איז די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע געשען? אין תשעה באָב פון יאָר תתצ״ה (חורבן ביתר).

עס קומט דער גרויסער לאַנגער גלות. יידן ווערן צע־שפּרייט אין דער גאַנצער וועלט. מערקווירדיק: איינע פון די טרויעריקסטע געשעענישן אין דער יידישער גלות־געשיכטע, איז אויך געשען אין די טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב. דאָס אַרויסטרייבן פון די יידן פון שפּאַניען, איז פאָרגעקומען אין דעם טאָג פון יידישן טרויער, אין תשעה באב רנ״ב 1492.

שרעקלעך איז געווען דאָס בילד, ווען הונדערטער טויזנטער יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען. גרייז גראָע, צו דער ערד געבויגענע זקנים, יונגע קינ־דער, מענער און פרויען, באָרוועסע און נאַקעטע, פאַר־שמאַכטע און פאַרפייניקטע, האָבן געמוזט וואַנדערן אויף אומבאַקאַנטע וועלט־שליאַכן און ימען כדי צו זוכן אַ שטיקל אָרט, ווו אָפּצורוען זייערע מידע וואַנדער־פיס.

די צרות פון די דריי וואָכן האָבן זיך מיט דעם אַלעם נישט געענדיקט. עס איז געקומען אונדזער לעצטער חורבן

אייראָפּע. אין דעם אָנבליק פון אונדזער לעצטן חורבן. זעען יענע פריערדיקע תשעה־באָב׳ס אויס, ווי קינדער שפּילן. בעסטיעס און מערדער האָבן פאַרשניטן זעקס מיליאָן פון אונדזערע בעסטע און טייערסטע, נאָר דער־פאַר, ווייל זיי זענען געווען יידן.

ווען איז דער קולמינאַציאָנס פּונקט פון דעם לעצטן חורבן פאָרגעקומען? אויך אין די טעג צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב.

ווער עס האָט מיטגעמאַכט דעם לעצטן חורבן גע־דענקט, ווען עס זענען פאָרגעקומען די הויפּט־מאַסן־אויס־זידלונגען פון די יידישע געטאָס אין גאַנץ פּוילן. דאָס איז געשען אין די טעג פון אויגוסט 1942. פון דראָהאָביטש און באָריסלאַוו זענען דאַמאָלט אַרויסגעפירט געוואָרן גאַנצע 10 טויזנט יידן מיט אַמאָל און געגאַנגען זענען זיי קיין בעלזעץ אין די גאַז־קאַמערן.

אַ גרויסער פילאָזאָף האָט אַמאָל געזאָגט, אַז געשיכטע מאַכן נאָר די פעלקער, וועלכע האָבן אַ טיפן אינסטינקט פאַר דער איינהייט צווישן פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. פעלקער, וואָס ווילן מאַכן געשיכטע, טאָרן קיין מאָל נישט אַקצעפּטירן קיין וועלט פון בלינדן שיקזאַל און אַבסאָלוטן צופאַל. אויך ביי יעדן יחיד איז אַ גרויסער אונטערשיד צווישן איינעם און אַ צווייטן. ס׳איז דאָ אַ יחיד, וואָס לעבט בלויז זיין אייגן לעבן און באַטראַכט זיך איזאָלירט און זעלבסטגענוגנט; עס גייט אים נישט אָן קיין וועלט, קיין וועלטס־געשיכטע און קיין וועלט אַלס

געשיכטע. עס זענען אָבער אויך פאַראַן יחידים פון אַן אנדערן סאָרט. פאַראַן יחידים, וועלכע לעבן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי זענען אַ טייל פון אַ לאַנגער געשיכטע, וועלכע פאַרשפּרייט זיך אויף טויזנטער יאָרן. אַזעלכע יחידים פילן, און זיך ווי זייער אייגן לעבן איז איינגעוועבט, אין דעם אוממענדלעכן געוועב פון דער גאַנצער געשיכטע פון זייער פאָלק. זיי פילן, אַז זייער פּערזענלעך אייגן לעבן, איז אינטים פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון זייער פאָלק. אויב ס'איז אַזוי מיט איינצלנע מענטשן, דאַן עס איז ביי פעלקער זייער וויכטיק, אַז זיי זאָלן לעבן נישט בלויז מיט דער קעגנוואַרט, אָן דעם באַוואוסטזיין פון זייער פאַרגאַנגענהייט. פעלקער, וואָס לעבן בלויז מיט דער קעגנוואַרט זענען אַנטיהיסטאָריש, זיי מאַכן נישט קיין וועלטס געשיכטע.

פאַראַן אַ פּסוק אין תורה: ואם לא תשמעו לי והלכתם עמי בקרי והלכתי עמכם בחמת קרי ויסרתי אתכם שבע על חטאתיכם. אויב איר וועט אייך ניט צוהערן צו מיר און איר וועט גיין מיט מיר מיט קרי, וועל איך גיין מיט אייך מיט צאָרן פון קרי און וועל אייך שטראָפן זיבן מאָל מער פאַר אייערע זינד. דער רמב"ם (פ"א ה' תענית ה"ג) זאָגט, אַז דער וואָרט קרי מיינט: מקרה, מיינט, צופאַל אויב יידן וועלן אַלע זייערע פּאַסירונגען און געשיכטע צושרייבן בלויז צו צופאַל, בלויז צו פאַטאַליזם, וועט דער צופאַל זיי ברענגען אַזעלכע צרות, וואָס זיי וועלן דאַן מוזן מודה זיין, אַז עס איז נישט קיין צופאַל. ליידן, וואָס

קומען כסדר אין איין און דער זעלבער צייט; ליידן, וואָס זענען לגמרי נישט נאָרמאַל, נאָר אומבאַשרייבלעך, מוזן ברענגען דעם געדאַנק, אַז זיי זענען נישט צופעליק, נאָר קומען אַלס אַ פאַרגעלטונג פאַר זינד און פאַר שלעכטע זוגגן.

מיר האָבן היינט אַ מדינת ישראל. ישראל איז ווידער געבוירן געוואָרן. נאָך טויזנטער יאָרן פון חורבן און גלות, קערן מיר זיך ווידער צוריק אין אונדזער אייגן לאַנד אַריין. זאָלן די טעג פון תשעה באב אונדז דערמאָנען אין אונדזער געשיכטע; אין אונדזערע ליידן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די טעג. זאָלן די ליידן אונדז באַלייכטן אונדזער נייעם וועג און די פאַרגאַנגענהייט זאָל אונדז פירן צו אַ זיכערער צוקונפט.

תשעה באָב

אין אונדזערע בתי מדרשים און אין אנודזערע שולן, וועלן זיך היינטיקן שבת-צו-נאַכטס, ווידער דערהערן די טרויעריקע קלאַנגען פון איכה, אויף איבערגעקערטע, ניי־דעריקע בענק וועלן יידן זיצן אין די זאָקן, און זאָגן די אַלטע יידישע קינות. בילדער פון יידישע חורבנות, וועלן זיך שטעלן פאַר אונדזערע אויגן. אונדזערע הערצער, וועלן וויטאָגן און קלעמן אויף די וואונדן פון דעם יידישן פאָלק.

מיר מוזן צוגעבן, אַז די תשעה-באָבס נאָך דעם אויפ־קום פון מדינת ישראל, זענען אַנדערש פון די אַמאָליקע, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין משך פון אונדזער צוויי טויזנט יעריקן גלות. מיר מוזן צוגעבן, אַז היינט דאַרפן מיר מער נישט קלאָגן אויף די: דרכי ציון אבלות; אויף די חרובדיקע וועגן פון ציון. די וועגן פון ציון, ווערן פון טאָג צו טאָג מער באַבוויט, מער באַלעבט; זיי שטראַלן פון פראַכט און פרייד. אָבער דאָך, האָבן די קינות נישט פאַרלוירן פון זייער אַקטואַליטעט. מגילת איכה, איז

אפשר נישט מער קיין טרויער ליד אויף דעם יידישן לאַנד, אָבער עס איז נאָך אַלץ אַ קלאָג ליד אויף דעם יידישן פאָלק. איכה, איז נישט בלויז קיין טרוקענע דערמאָנונג פון דעם עבר, נאָר איז פיל מער אַן אָנווייזונג אויף אונדזער אייגענעם חורבן. אַן אַלטער מקונן האָט אַמאָל געזאָגט: אַ לאַנד, אויב עס ווערט חרוב, איז נאָך נישט אַזוי מסוכן; אַ פאָלק קען אויפבויען, אפילו אַ חרוב געווארן לאַנד. אָבער, אויב אַ פאָלק ווערט חרוב, ווער קען עס אויפבויען? דער היינטיקער איכה, קומט דערפאַר, נישט בלויז אונדז צו דערמאָנען, נאָר פילמער צו מאָנען פון אונדז, זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון פון אונדזער מצב.

ירמיהו הנביא דריקט זיך אויס: ודמע תדמע ותרד עיני דמעה; און טרערן וועט טרערן און צוגיין וועט אין טרערן מיין אויג. פרעגט די גמרא: שלש דמעות הללו למה? צו וואָס האָט דער נביא אין איין זאַץ זיך באַדינט דריי מאָל מיט דעם זעלבן וואָרט „טרערן"? און די גמרא ענטפערט: אחת על מקדש ראשון, ואחת על מקדש שני, ואחת על ישראל; דרייערליי טרערן דאַרפן מיר פאַרגיסן: איין טרער אויף דעם ערשטן בית המקדש; אַ צווייטע, אויף דעם צווייטן בית המקדש און אַ דריטע, אויף דעם יידישן פאָלק. די לעצטע טרער, איז די טרויעריקסטע. דער חורבן פון דעם פאָלק איז טראַגישער פון די חורבנות פון די בתי מקדשים. בשעת ווען מיר טרויערן אויף חורבן פון די בתי מקדשים, מוזן מיר בעיקר געדענקען, וועגן די סיבות, וועלכע האָבן געבראַכט צו דעם חורבן. די סיבות

זענען געקומען, נאָר פון דעם חורבן פון דעם פאָלק. חז״ל האָבן, ווענן דעם זייער אַ סך גערעדט. חז״ל באַטאָנען, אַז אין די חרבנות פון אונדזערעביידע בתי מקדשים, זענען הויפּטזעכלעך שולדיק געווען, טאַקע מיר אַליין — דאָס יידישע פאָלק, דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן דערפאַר, ווייל יידן האָבן געזינדיקט. זיי זענען געווען געצנדינער. אָבער זינד, זענען נישט אַזוי געפער־לעך. אויף זינד קען מען תשובה טאָן. יידן האָבן טאַקע תשובה געטאָן און ווידער האָבן זיי געהאַט אַ נייעם בית המקדש, נאָך אַ שענערן פון דעם, וואָס איז חרוב געוואָרן. דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, נישט פאַר זינד, נאָר פאַר שנאת חנם, פאַר אָרומרייסע־ניש, פאַר צעררינסנקייט. דאָ העלפט נישט קיין תשובה. דאָ מוז קודם קומען דער אחדות, די פאַראייניקונג. מען מוז זיך פאַקטיש ליב האָבן און בילדן איין פאָלק, דאַמאָלט ערשט קען מען האָפן אויף דער אמתער גאולה.

כדאי זיך צו מאַכן אַ חשבון, ווי זעט עס אויס מיט אחדות אין אונדזערע היינטיקער צייט. דאַכט זיך, אַז אפשר איז דאָס פּראָבלעם נאָך קיין מאָל פאַר אונדז נישט געווען אַזוי ערנסט און צוגלייך אַזוי פאַרוויקלט ווי היינט. אונדזער אויסגעבענקטע מדינת ישראל, איז אַנטשטאַנען אין אַ צייט פון גאָר שווערע געראַנגלנישן אין דער גע־שיכטע פון פעלקער און מענטשהייט. די לעצטע צוויי גרויסע וועלט מלחמות האָבן פאַר יעדן באַשיינפערלעך געוויזן, אַז אויסהאַלטן און אַדורכהאַלטן אין שווערע ציי־

טן, קענען נאָר די פעלקער, וואָס זענען אם־בעסטן אָר־גאַניזירט און מאָבליזירט. דער עיקר איז, אַז אַ פאָלק זאָל צו יעדער צייט קענען זיין אומשטאַנד צו פאַראיי־ניקן אַלע זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות פאַר זיין איינהייט און אחדות.

עס איז אמת, אַז עס זענען פאַראַן פעלקער, וואָס פאַרמאָגן אחדות און דווקא די אחדות זייערע, איז דער גרעסטער סימן דלות פון זייער גייסטיקן מצב. פאַראַן פעלקער, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין דיפערענצירט לעבן; עס פעלט זיי די פאַרשידנפאַרביקייט און די פילזייטיקייט פון דעם לעבן; נישטאָ ביי זיי דערפאַר קיין פאַרשיידענע גייסטיקע פיזיאָנאָמיעס, במילא לעבן זיי פאַראייניקט. אָבער נישט אויף אַזאַ אחדות דאַרפן מיר אַרויסקוקן. אָפּ־געהיטן זאָלן מיר ווערן פון אַזאַ אחדות. יידישע אחדות, מיינט גאָר עפּעס אַנדערש. חז״ל ווייזן אונדז אָן אויף אונדזער פאָטער יעקב. יעקב אבינו איידער ער גייט אוועק פון דעם וועלט, האָט ער זיך פאַרטראַכט אין דעם מצב פון זיינע קינדער. ער האָט דאַן אויסגעפונען, אַז ער האָט צוועלף קינדער. דאָס מיינט: ער האָט אויסגעפונען, אַז די צאָל צוועלף מיינט נישט בלויז קוואַנטיטאַטיוו צו ציילן צוועלף פערזאָן, נאָר מיינט פיל מער: צוועלף עק־זעמפּלאַרן, וואָס זענען קוואַליטאַטיוו אַנדערש איינער פון דעם צווייטן. יעדער פון זיינע קינדער איז אַ מסכת בפני עצמה. יעדער האָט זיך זיין באַזונדערע אָנשויאונג, זיין אייגענעם שכל און זיין ספּעציפישן כאַראַקטער. יעקב

אבינו זעט, אז זיינע קינדער זענען גאר אנדערש פון אנ־
דערע, אין זייער צייט. זיי זענען גייסטיק אזוי שטארק
אנטוויקלט, אז זיי לאזן זיך נישט באאיינפלוסן איינער פון
דעם צווייטן. יעדער פון זיי בויט זיך אן אנדערן וועג אין
דעם לעבן. יעקב ווייזט דאן אן אויף די גרויסע דיפערענ־
צירונגען, וואס הערשן ביי זיינע קינדער. ראובן איז א
פחז כמים; ווי א שטורמיקער שטראם. שמעון מיט לוי,
זענען: כלי חמס מכירותיהם; זיי האבן ליב די וואפן.
יהודה גור אריה; יהודה האט איינגשאפטן פון א לייב.
זבולון לעבט נאר אויף שיפן און אויף וואסערן פון ימים.
יששכר, איז ווי א ביינעקער אייזל און אזוי ווייטער: דן,
ווי א שלאנג: נפתלי, ווי אן אינד. בנימין, ווי א וואלף.
יעקב זעט כמעט נישט קיין איין כאראקטער־שטריך, וואס
זאל קענען פאראייניקן זיינע קינדער. ער זארגט זיך ווי
אזוי וועלן אזעלכע באזונדערע עקזעמפלארן, זיך קענען
פאראייניקן אין איין פאלק און לעבן צוזאמען.

נאך עפעס ווייסט יעקב. ער ווייסט, אז בלויז איין
איינציק מאל אין זייער לעבן, האבן זיינע קינדער זיך
פאראייניקט, אין איין געדאנק און אין איין געפיל. דאס
איז געווען אין דער גרויסער עת צרה, ווען זיי זענען
אריינגעפאלן אין פרעמדע הענט אין מצרים, ווען מען
האט אויף זיי אוים געטראכט א בלבול, אז זיי זענען
מרגלים — שפיאנען, ווען דער טויט איז געשטאנען פאר
זייערע אויגן, דאמאלט האבן אלע ווי איינער אויסגע־
שריגן דעם: אבל אשמים אנחנו: אלע האבן זיך בא־

קענט, אַז זיי זענען שולדיק. דעמאָלט אין יענער עת צרה, איז געווען: ויאמרו איש אל אחיו; איין ברודער האָט גע־רעדט צום צווייטן ברודער; ערשט אין דער את צרה, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אַלס ברידער. ווען יעקב אבינו דערמאָנט זיך אין דעם אַלעם, האָט ער מורא: אפשר איז דאָס טאַקע די אייגנשאַפט פון זיינע קינדער, אַז זיי וועלן זיך קיין מאָל נישט קענען פאַראיי־ניקן, נאָר ווען זיי וועלן אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט; מען וועט אויף זיי אויסטראַכטן בלבולים און עס וועט זיי שטיין דער טויט פאַר די אויגן, דאַמאָלט ערשט וועלן זיי דערזען זייער שולד און דאַמאָלט ערשט, וועלן זיי זיך באַטראַכטן פאַר ברידער. יעקב אבינו, שרעקט זיך פאַר דעם.

די גמרא זאָגט, אַז דאַמאָלט האָבן יעקבס קינדער געזאָגט: שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד.

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די קינדער פון יעקב האָבן זייער באַזאָרגטן פאָטער געזאָגט, אַז טראַכט דעם, וואָס זיי זענען אַזוי ווייט איינער פון דעם צווייטן, איז דאָך פאַראַן ביי זיי אַ געמיינזאַמע שפּראַך. און אַ געמיינזאַמע אי־דעע. דאָס איז די אידעע פון דעם; שמע ישראל. זייט דאַ־מאָלט, אין דער שמע ישראל געבליבן אַלס די הויפּט פאַ־ראָלע, וואָס פאַראייניקט אַלע אָפּגעזונדערטע יידן אין איין גאַנצעס, אין איין צבור און אין איין כלל.

אויך משה רבינו, ווען עס קומט פאַר אים די צייט, אַוועקצוגיין און איבערצולאָזן די יידן, דערציילט די תורה,

אַז ער האָט צוזאַמענגערופן אַלע יידן און האָט צו זיי גע־רעדט: לפני מותו. אויך משה רבינו, ווייזט אָן, אַז יידן זענען געטיילט אין צוועלף שבטים. זיי זענען טאַקע אַלע בני ישראל, אָבער עס זענען דאָ: שבטי ישראל; פאַר־שיידענע גרופן און פאַרשיידענע פאַרטייען. דאָס איז גאָר קיין אומגליק נישט. משה רבינו רעכנט דאָן אויס אַלע אָנשויאונגען און כאַראַקטער שטריכן פון יעדן שבט. אָבער אין משה רבינו׳ס צייטן האָבן יידן שוין געהאַט אַ תורה. משה רבינו זאָגט זיי דערפאַר: ויהי בישרון מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל; ווייסט איר ווי אַזוי ביי יידן וועט קענען זיין אַ מלך; ווי אַזוי יידן וועלן זיך קענען פאַראייניקן, יחד אַלע שבטי ישראל? — תורה צווה לנו משה; דורך די תורה, וואָס משה האָט אונדז געגעבן.

ביז אויף אונדזער היינטיקן טאָג, זייט דריי טויזנט און פינף הונדערט יאָר, איז נאָך קיינעם נישט געלונגען, אויס צוגעפינען פאַר יידן עפּעס אַ ניי פאַראייניקונגס מיטל. אַלע סוראָגאַטן וואָס מען האָט געפּרובט אָנצוואווענ־דן אַלס רפואה פאַר יידישער אחדות, האָבן אַלע באַנק־ראָטירט. נישט קיין שפּראַך, נישט קיין זיטן און אַ לע־בנסשטייגער, קענען פאַראייניקן יידן. נישט קיין ריין סאָציאַלע, נישט קיין ריין נאַציאָנאַלע און אפילו ניט קיין געמיינזאַמע מדינה, קען ברענגען אמתע יידישע אחדות. ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, זענען פאַראַן בלויז צוויי אויסגעפּרובטע זיכערע מיטל פאַר יידישער פאַראיי־

ניקונג. דאָס זענען: אָדער חלילה אַן עת צרה; אין געטאָ און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען נישט געווען קיין שום צעריסנקייטן; אין די גאַז־קאַמערן אַריין האָבן אַלע מאַרשירט גלייך און פאַראייניקט. מען האָט זיך געפילט ווי ברידער. עס האָבן אין געטאָ אויך עקזיסטירט פאַרשיידענע פּאַרטייען און גרופּן, אָבער די צרה האָט אַלעמען פאַרברידערט און פאַראייניקט אין אַ שטאַרקער אחדות. עס איז אויך פאַראַן אַן אַנדער זיכער מיטל פאַר יידישער אחדות, און דאָס איז, דער שמע ישראל און די תורה. עס מוזן זיין ביידע: דער שמע ישראל און די תורה, ווייל נישט יעדער קען תורה, אָבער יעדער קען דעם שמע ישראל.

וואָס דערמאָנען אונדז אָדער בעסער געזאָגט, וואָס מאָנען פון אונדז די היינטיקע תשעה־באב'ס? קודם כל אַריינצוברענגען אין יעדן ייד דאָס באַוואוסטזיין, אַז כדי צו פאַרזיכערן דעם יידישן קיום, איז נישטאָ קיין שום אַנדער מיטל, ווי צו וועקן ביי יעדן ייד אַכטונג פאַר זיין אייגענער יידישער קולטור אין אַלע אירע פאָרמען. יידישע קינדער, מוזן וויסן, ווער עס זענען געווען זייערע עלטערן; וואָס זיי זענען זיך אויסגעשטאַנען אין דער וועלט און וואָס זיי האָבן דער וועלט געגעבן. פאַרשיידענע יידישע פּאַרטייען קענען עקזיסטירן. עס איז גאָר נישט קיין אומגליק, אַז מיר פאַרמאָגן פאַרשיידענע פּאַרטייען. אָבער די פּאַרטייען קענען זיין מחולק בלויז וועגן די מיטל, ווי אַזוי צוצוקומען צו איין פאַראייניקטן ציל. פאַר־

טייען טאָרן אָבער באין־אופן נישט האָבן יעדע אַ באַזונ־דערן ציל. אַ ציל מוז שטיין העכער פון דער פּאַרטיי. אַ ציל מוז זיין אַ פּאַראייניקטער, פאַר דעם גאַנצן פאָלק.

צו די אוצרות פון דער יידישער קולטור און צו די יידישע אידעאַלן. מוזן מיר זיך באַציען נישט בלויז מיט אַכטונג נאָר מיט ליבע. מיר מוזן לערנען די העברעישע שפּראַך. וואָס איז צוריק לעבעדיק געוואָרן אין די מיילער פון די יידישע קינדער אין מדינת ישראל. ביז דעם טאָג, אין וועלכן מיר וועלן אַלע רעדן אין דער שפּראַך, וואָס איז דער אוצר פון דעם יידישן וויסן, די מוזיק פון דער יידישער נשמה און דער דופק פון דעם יידישן האַרץ, טאָרן מיר נישט אַרויסלאָזן פון אונדזערע שטיבער אונ־דזער יידיש לשון. מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז אונטער דער מאַסקע פון מכלומרשטער ליבע צו דער העברעישער שפּראַך, זאָלן דערווייל פרעמדע שפּראַכן פאַרנעמען דעם אָרט פון יידיש. אין איין טאָג, קען מען קיין שפּראַך נישט בייטן. לדאבונינו, רעדן נאָר יחידים אין העברעיש. מיר טאָרן דערפאַר חלילה ניט אוועקגעבן אין צווישן קיין שום פרעמדער שפּראַך די מינדסטע פּאָזיציע, וואָס יידיש פאַרנעמט. לאָמיר זיין פאַראייניקט מיט יידישער תורה, יידישע אידעאַלן, און מיט דעם יידישן שמע ישראל. און דאָס וועט אונדז פאַרזיכערן אונדזער קיום און אונדזער עקזיסטענץ. אַזוי לאַנג מיר האָבן דאָס נישט, מוזן מיר זיצן אויף דער ערד, אין די זאָקן, און קלאָגן דעם איכה ישבה בדד.

אלה הדברים

מיט דער היינטיקער סדרה הויבט זיך אָן דער פינפ־טער חומש פון אונדזער תורת — דער חומש דברים. דער פינפטער חומש הויבט זיך אָן מיט אלה הדברים; דאָס זענען די רייד, אָבער דאָס מאָל האָבן זיינע רייד אַ גאַנץ באַזונדערע באַדייטונג. עס זענען די רייד מיט אַן הא הידיעה. רייד, מיט אַן אייגנטימלעכן כאַראַקטער. עס זענען רייד: לעבעדיקע, פרישע, אייביק אמתע, מיט פעסטקייט און שטרענגקייט און צוגלייך מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט.

דער מדרש זאָגט, אַז דריי נביאים האָבן צו יידן גע־רעדט מיט דעם לשון פון „איכה". משה רבינו, ישעיה און ירמיה. משה רבינו האָט געזאָגט: איכה אשא לבדי טרחכם משאכם וריבכם. ישעיה האָט געזאָגט: איכה היתה לזונה קריה נאמנה און ירמיה האָט געזאָגט: איכה ישבה בדד העיר רבתי עם. די דריי נביאים האָבן זייערע רייד צום יידישן פאָלק אָנגעהויבן מיט דעם וואָרט איכה. וואָס מיינט: ווי אַזוי. משה רבינו האָט זיך געקלאָגט: ווי

אַזוי קען איך אַליין דער טראָגן אייער מי, אייער לאַסט און אייער שטרייט, ישעיה קלאָגט: ווי אַזוי איז צו אַ זונה געוואָרן די געטרייע שטאָט. ירמיה האָט געוויינט: ווי אַזוי איז געבליבן זיצן אַליין די שטאָט פון פיל פאָלק.

אין דעם דרש האָבן חז״ל געמיינט ניט בלויז דעם אַזוי גערופענעם וואָרט־שפּיל. ניט בלויז אויסצוגעפינען, אַז אַלע דריי נביאים האָבן זיך באַדינט מיט דעם זעלבן וואָרט. דאָ ליגט אַ טיפערער געדאַנק. חז״ל האָבן צוגלייך אָנגעוויזן, אַז די דריי איכהס זענען געבונדן איינער מיט דעם צווייטן. דער אינהאַלט פון יעדן פון די דריי איכהס, האָט אַ גרויסן שייכות איינער צום צווייטן. געוויס זענען די צייטן פון משה רבינו געווען אַנדערע, ווי די צייטן פון ישעיה, אָדער ירמיה. אָבער ווייל משה רבינו האָט אין זיינע צייטן געקלאָגט זיין איכה, דערפאַר האָט ישעי׳ אין זיינע צייטן געקלאָגט מיט זיין איכה און ירמיה האָט אין זיינע צייטן געקלאָגט זיין איכה.

חז״ל זאָגן, אַז משה רבינו ווען ער האָט געזאָגט זיין איכה, האָט ער געזען די יידן בשלותם. אין זייער רואיקן צושטאַנד. ישעי׳, ווען ער האָט געקלאָגט זיין איכה, האָט ער געזען די יידן בפחזותם, אין זייער אויסגעלאַסנקייט. ירמיה, ווען ער האָט געקלאָגט זיין איכה, האָט ער געזען די יידן בשפלותם, אין זייער נידעריקייט.

ווען משה רבינו האָט געזאָגט זיין איכה, דאַמאָלס האָבן יידן זיך געפונען אין אַ זייער רואיקן מצב. זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ זיכערע. זיי האָבן געהאַט

מן, שלו און וואַסער. זיי האָבן געהאַט באַזיגט זייערע שונאים: סיחון און עוג און האָבן פאַר קיין דרויסנדיקן שונא ניט קיין מורא געהאַט. יידן, ווען זיי געפינען זיך אין אַזאַ מצב, טראַכטן זיי ניט, זיך צו שטאַרקן און זיך צו פאַראייניקן, נאָר אדרבא: אויב עס איז דאָ צו עסן, צו טרינקען און מען איז אַ ביסל זיכער, דאַמאָלס באַטראַכטן יידן פאַר די בעסטע צייט, אינערלעך זיך אַרום צו קריגן. משה רבינו קלאָגט דערפאַר: ווי אַזוי קען איך דערטראָגן אייער מי, אייער לאַסט און אייער קריג. זייענדיק מער וויניקער באַזאָרגט, האָבן יידן דאַמאָלס זיך אַ נעם געטאָן זוכן חטאים אויף משה רבינו. יידן, אויב עס גייט זיי גוט, וואָלט יעדער פון זיי געוואָלט זיין אַ פירער און ניט קיין געפירטער. טאָג און נאַכט זענען זיי דערפאַר געקומען צו משה רבינו און אָנשטאַט צו הערן פון אים, וואָס ער באַפעלט האָבן זיי אים געגעבן פאַרשיידענע עצות און פאַרלאַנגט, אַז משה רבינו זאָל טאָן דאָס, וואָס זיי הייסן אים טאָן. טרחכם, מיינט מי. זיי האָבן ממש פאַרמידעט מיט זייערע עצות. משה רבינו, פאַרשטייט זיך, האָט ניט געקענט אָנעמען זייערע עצות, האָבן זיי אים קריטיקירט, נאָכגעקוקט וואָס ער טוט, אפילו אין זיין פריוואַטן לעבן. השכים לצאת אין נחת באהלו; איז ער אַרוים פריער פון זיין געצעלט, האָבן די ליידיק גייער געזאָגט: מסתמא האָט ער זיך צוקריגט אין שטוב; מסתמא איז ביי אים נישט אין אָרדענונג. איז ער אַ ביסל שפּעטער אַרוים פון זיין געצעלט, האָבן ווידער די ליידיק־

גייער געזאָגט: וועך ווייסט, וואָס פאַר פלענער ער האָט דאָרט אין שטוב היינט אויסגעטראַכט, פאַר אונדזערט וועגן. אַזוי איז עס געוועזן טאָג טעגלעך, מען האָט מער נישט אין זין געהאַט, נאָר צו שפּיאָנירן און נאָכצוקוקן משה רבינו. (ספרי י״ב).

אַ געמיינדע, וואָס אין איר גוטן צושטאַנד האָט זי אין זין, בלויז נאָכצוקוקן איר פירער, בלויז זיך אַליין אַרום צו רייסן, און ניט צו קומען צו אַ ריכטיקער, פּראָדוקטי־ווער פאַראייניקונג. אַזאַ געמיינדע קען ניט האָפן אויף קיין גוטע רעזולטאַטן, בנוגע צו איר געזעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן לעבן. נאָכזוכן חסרונות אויף יענעם און אַליין זיך אַרומקריגן, פירט בלויז צו הפקרות און אויס־געלאַסנקייט. משה רבינו האָט זיך געקלאָגט, אַז יידן, ווען זיי זענען רואיק איז ניט מעגלעך צו דערטראָגן: טרחכם משאכם וריבכם; זייער מי און לאַסט, וואָס זיי ווארפן אויף זייערע פירער און זייערע אייגענע אַרומ־קריגעכצער. דערפאַר האָט ישעיה, אין דער שפּעטערער צייט שוין געזען די פאָלגן פון אַזאַ צושטאַנד; ער האָט געזען; איכה היתה לזונה קריה נאמנה, דער סוף פון משה רבינוס איכה, האָט געמוזט ברענגען צו דעם איכה פון ישעיה. עס איז געקומען: אויסגעלאַסנקייט און הפק־רות. ביי דעם בלייבט עס אָבער ניט. אויסגעלאַסנקייט און הפקרות פירן צו חורבן. דערפאַר האָט ירמיה שוין גע־קלאָגט זיין: איכה ישבה בדד.

ליידער איבערחזרט זיך דאָס בילד אין אַלע דורות.

מאַמענטאַן געפינען זיך צומאָל יידן אין אַ געוויס לאַנד אין אַ רואיקן צושטאַנד. אַנשטאַט צו באַפעסטיקן זייער לעבנסשטייגער, זייערע אידעאַלן און זייער קולטור, קריגן זיי זיך אַרום און האָבן אין זין צו קריטיקירן זייערע פי־רער. עס איז אַ: טרחכם משאכם וריבכם. דאָס ברענגט צו הפקרות און אויסגעלאַסנקייט, וואָס איז: היתה לזונה קריה נאמנה. דאַן קומט דער חורבן, דער איכה ישבה בדד.

אויף דעם פסוק, לא אוכל לבדי שאת אתכם; משה רבינו קלאָגט זיך, אַז ער קען אַליין ניט דערטראָגן די מי און די לאַסט פון דעם יידישן פאָלק, פרעגט רש״י: איז דען מעגלעך אַז משה רבינו, וואָס איז געווען אַזוי גרויס, ער האָט די יידן אַרויסגענומען פון מצרים, ער האָט פאַר זיי געשפּאָלטן דעם ים, ער האָט זיי געגעבן מן און שלו; ער זאָל ניט געווען קענען פירן דאָס פאָלק?

רש״י ענטפערט: משה רבינו האָט מורא געהאַט פאַר אַן עונש. דער תירוץ פון רש״י איז ניט צו פאַרשטיין. פאַרוואָס האָט אַזאַ גרויסער מענטש, ווי משה רבינו באַדאַרפט מורא האָבן פאַר אַן עונש? אַ פּראָסטער בשר ודם, דאַרף טאַקע מורא האָבן פאַר אַן עונש, אָבער אַזאַ משה רבינו וואָס האָט געקענט שפּאַלטן אַ ים און געבן מן, פאַרוואָס האָט ער געזאָלט מורא האָבן פאַר אַן עונש?

דער ענין דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס חז״ל זאָגן אויף פאַרשיידענע אַנדערע מקומות. דער מדרש זאָגט, אַז משה רבינו האָט קיין מאָל זיך נישט באַדינט מיט זיין

אייגענעם כוח. בעם עמד מן הצד, בסיני עמד מן הצד, באוהל עמד מן הצד (מד"ר ויקרא א") אין יעדן ווינכטיקן, אַנטשיידנדן מאָמענט, האָט זיך משה רבינו געשטעלט אין דער זייט. ער האָט אָפּגעווארט. אָדער דאָס פאָלק זאָל אויפנעמען אַליין אַן אַקציע, אָדער ער זאָל הערן דעם באַפעל פון ג-ט. ער האָט אַליין נישט געוואָלט נעמען אויף זיך. אַ קליינער מענטש, מעג גיכער נעמען אויף זיך ווי אַ גרויסער. אַ קליינער מענטש, ווען ער מאַכט אַ פּעַ־לער. איז דער עונש אויך אַ קליינער. אַ גרויסער מענטש דאַרף דאָקעגן, ווען ער מאַכט אַ פעלער, איז דער עונש אַ גרוי־סער, ווייל עס איז דאַן געבונדן מיט חילול השם. דער גרויסער מענטש טאָר זיך ניט פירן מעשה דיקטאַטאָר און האַנדלען בלויז מיט זיין אייגענעם כוח.

דאָס מיינט רש"י: משה רבינו האָט מורא געהאַט פאַר אַן עונש. געווים, האָט אַזאַ גרויסע פּערזענלעכקייט, ווי משה רבינו געקענט מיט כוח פירן דאָס פאָלק. אָבער ער האָט דווקא אַלס דער גרויסער משה רבינו ניט גע־טאָרט אַזוי טאָן. דערפאַר האָט ער זיך געקלאָגט: לא אוכל לבדי שאת אתכם.

די גמרא דערציילט, אַז רבן גמליאל האָט געהאַט צוויי גאָר גרויסע תלמידים, האָט ער זיי שטאַרק מפציר געווען, אַנצונעמען שטעלעס, צו ווערן פירער ביי יידן. זיי האָבן ניט געוואָלט באַין אופן. האָט רבן גמליאל צו זיי געזאָגט: לא שררות אלא עבדות אני נותן לכם. ניט קיין הער־שאַפט, נאָר קנעכטשאַפט ביי יידן, מיין איך; און נאָר

אזעלכע שטעלעס, היים איך אייך אננעמען. דאמאלס האָ־
בן די תלמידים אנגענומען די שטעלעס.

וועו יידן פירן זיך בדרך התורה און פאָלגן דאָס תורה־
וואָרט, איז נאָך עפּעס מעגלעך צו האָפן אויף רעזולטאַטן.
ווען אָבער, מען וויל ניט הערן דאָס וואָרט פון תורה און
מען רעדט זיך איין, אַז אפילו תורה פאַרשטייט מען אויך
בעסער פון דעם פירער, דאַמאָלס קען אפילו אַ משה
רבינו אויך גאָר ניט טאָן; ער קען בלויז קלאָגן: איכה
אשא לבדי טרחכם משאכם וריבכם.

ואתחנן

דער היינטיקער שבת רופט זיך שבת נחמו; דער שבת פון טרייסט. דעם נאָמען האָט דער היינטיקער שבת באַקומען דערפאַר, ווייל די היינטיקע הפטורה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: נחמו, נחמו עמי; טרייסט! טרייסט! מיין פאָלק.

ווען מיר לעזן אויפמערקזאַם די גאַנצע הפטורה, גע־פינען מיר אייגנטלעך ניט קיין שום טרייסט אין איר. אויסער די דערמאָנטע ערשטע ווערטער, איז אין גאַנצן קאַפּיטל פאַראַן זייער ווייניק פון טרייסט. די ווערטער פון נביא אין דער היינטיקער הפטורה קלינגען גיכער מיט אַ טאָן פון קלאָג, איידער מיט אַ טאָן פון טרייסט. אָט זאָגט דער נביא: אַלע מענטשן זענען ווי גראָז, אַלע זיינע גוטע טאַטן זענען ווי שפּראָץ אין פעלד. פאַרטריקנט ווערט דאָס גראָז; פאַרוועלקט ווערט דער שפּראָץ. די ווערטער שמעקן מיט אמתער רעזיגנאַציע. ווייטער זאָגט דער נביא דאָס זעלבע אויך בנוגע צו אַ גאַנץ פאָלק: אכן חציר העם; ווי גראָז איז דאָס פאָלק, עס ווערט פאַר־

טריקנט, עס ווערט פאַרוועלקט און אַזוי ווייטער. וואָס פאַר אַ טרייסט ליגט אין די ווערטער? שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס הייסט דער היינטיקער שבת, דער שבת פון טרייסט? וואו זאָלן מיר געפינען אָט די טרייסט? אין דער הפטורה, אָדער אפשר גאָר אין דער סדרה?

דער דרש זאָגט, אַז דעם נביא אַליין איז זייער שווער געווען צו געפינען אַ טרייסט-וואָרט פאַר דעם יידישן פאָלק. ער זאָגט דערפאַר: קול אומר קרא ואמר מה אקרא; אַ שטימע זאָגט: רוף! אָבער וואָס זאָל איך רופן? דער מדרש שילדערט דאַן, אַז ג־ט האָט גערופן די גרעסטע רע־פרעזענטאַנטן פון דעם יידישן פאָלק און האָט זיי באַ־פוילן צו גיין טרייסטן די יידן. קודם האָט ער גערופן אברהמען דעם שטאַמפאָטער פון דעם יידישן פאָלק און אים געהייסן גיין טרייסטן די יידן. אָבער אברהם קומט צוריק און זאָגט, אַז די יידן ווילן פון אים ניט אָננעמען קיין טרייסט. הקב״ה לאָזט דאַן רופן יצחקן און באַפעלט אים צו גיין טרייסטן די יידן. אָבער אויך יצחק קומט צוריק און זאָגט, אַז יידן ווילן קיין טרייסט פון אים ניט אָננעמען. דאַן שיקט ג־ט יעקב אבינו און משה רבינו, זיי זאָלט טרייסטן יידן. אָבער אויך זיי קומען צוריק מיט דעם זעלבן, אַז יידן ווילן ביי זיי קיין טרייסט ניט אָנ־נעמען. דאַמאָלס זאָגט ג־ט: נחמו נחמו עמי; טרייסט, טרייסט, מיין פאָלק.

דער טרויער פון אַ גאַנץ פאָלק, איז געגליכן צו דעם טרויער, פון אַן איינצעלנעם מענטש. אַ יחיד, ווען ער

מאַכט מיט שווערעליידן, ווערט ער באַפאַלן פון טיפן צער און טרויער, וואָס דערפירן אים ביז צו יאוש און פאַרצווייפלונג. אין אַזאַ מאָמענט נייטיקט זיך דער יחיד אין אַ טרייסט-וואָרט, וואָס זאָל אים דערמוטיקן און באַרואיקן. מען רעדט אוים דעם ליידנדן מענטש, אַז כך דרכו של עולם, אַזוי פירט זיך אויף ער וועלט. כדי צו צוקומען צו אַ געוויסן ציל, מוז מען ליידן. עס איז כדאי צו ליידן, ווייל דער ציל איז אַ גרויסער, אַ הויכער וכדומה. מען שילדערט פאַר אַזאַ מענטשן דאָס גרויסע גליק, וואָס מען האָט דאַמאָלס, ווען מען דערגרייכט דאָס, צו וועלכן מען שטרעבט און אַז עס לוינט זיך צו ליידן. די נאַטור פון דעם מענטש איז אויך, אַז ווען דער מענטש ווייסט, אַז ער גייט אַנטקעגן אַ געוויסן פונקט, אַנטקעגן אַ געוויסן צוועק, זענען די ליידן פאַר אים לייכטער צו דערטראָגן. ער זעט תמיד דעם ציל און דעם צוועק פאַר זיינע אויגן און דאָס גיט אים כוח און אויסדויער צו ליידן.

דאָס זעלבע איז אויך ביי אַ גאַנץ פאָלק. אַ פאָלק, וואָס ליידט קען אויך אַריינפאַלן אין אַ יאוש און אין אַ פאַרצווייפלונג. אויך אַ פאָלק נייטיקט זיך דערפאַר אין טרייסט ווערטער. די טרייסט ווערטער פאַר אַ פאָלק זענען פון דעם זעלבן סאָרט, ווי די טרייסט-ווערטער פאַר דעם יחיד. אויך דעם פאָלק דאַרף מען אויפקלערן, אַז עס לוינט זיך צו ליידן, ווייל עס האָט אַ ציל, אַ צוועק, צו וועלכן עס שטרעבט און אַז דאַמאָלס, ווען עס דערגרייכט

דעם ציל, וועט זיך האָבן געלוינט אַלע זיינע ליידן, וואָס עס האָט אַדורכגעמאַכט.

דער יידישער נביא אָבער זעט, אַז די יידישע ליידן און יסורים זענען אַזוי גרוים, אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין ציל און קיין צוועק, וואָס צוליב אים זאָל מען קענען דערטראָגן אַזעלכע שרעקלעכע יסורים.

פאַר די אויגן פון דעם נביא גייט אַדורך, דאָס שרעק־לעכע בילד פון דער יידישער געשיכטע. ער זעט אַ בילד פון רדיפות, ליידן און פיין, וואָס האָט צו זיך נים קיין גלייכן אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער נביא פרעגט זיך דאַמאָלס: מה אקרא? וואָס פאַר אַ טרייסט־וואָרט, קען איך געפינען פאַר דעם יידישן פאָלק? דער נביא פּרוּווט דאַן אויסרעכענען די אַלע אידעאַלן, מיט וועלכע דער ייד שטאָלצירט און זוכט צו געפינען צווישן זיי, כאָטש איינעם, מיט וועלכן ער זאָל קענען קומען צום יידישן פאָלק און זאָגן: זעט! עס לוינט זיך צו ליידן, ווייל סוף סוף קומט איר צו דעם הויכן ציל און צוועק. אָבער, ליידער! די יסורים פון יידן זענען אַזוי גרוים און אַזוי געוואַלדיק, אַז קיין איינציקער פון די יידישע אידעאַלן איז נישט אומשטאַנד צו באַרואיקן דעם יידישן שמערץ.

צום ערשטן זעט דער נביא ווי ג־ט שיקט אברהם אבינו, וואָס איז דער סימבאָל פון דעם אמתן גלויבן אין ג־ט. אין אַ צייט פון באַרבאַריזם און געצנדינסט, האָט אב־רהם אָנגעצינדן דאָס ליכט פון מאָנאָטעאיזם און מענטשן

ליבע אין דער גאַנצער מענטשהייט. ר׳האָט געליטן. ר׳איז דורך געגאַנגען דורך פייער און וואסער, אָבער ער האָט אלס אָנגענומען פאַר ליב. ער האָט געוואַנדערט זיין גאַנץ לעבן און ניט געהאַט קיין מנוחה. אָבער ער האָט אויס־געפירט זיין פּיאָנערישע מיסיע פאַר ג־טלעכקייט און מענטשלעכקייט. אברהם טרייסט די יידן; ער זאָגט זיי, אַז זייער מיסיע אין דער וועלט איז די זעלבע, ווי זיינע אַמאָל; זיי דאַרפן דערפאַר אָננעמען די ליידן, ווייל פאַר אַזאַ גרויסן אידעאַל לוינט זיך צו ליידן.

אָבער דער נביא זעט, אַז די יידן ווילן ניט אָננעמען פון אברהם אבינו זיינע טרייסט ווערטער. אפשר קען אַ יחיד נעמען אויף זיך ליידן, צוליב אַזאַ אידעאַל. אָבער אַ גאַנץ פאָלק זאָל כסדר שטיין און כסדר פאַרגיסן בלוט, כדי פרעמדע פעלקער זאָלן אָננעמען אַן אידעאַל? ניין! מוחל די מיסיע! עס לוינט ניט, צו ווערן געברענט און געבראָטן, געטריבן און געפייניקט פאַר דער וועלט. פאַרוואָס זאָלן מיר ליידן צוליב דעם, אַז פרעמדע זאָלן שטייגן אין גייסט?

דער נביא זעט דאָן, ווי ג־ט שיקט יצחק, ער זאָל טרייסטן די יידן. יצחק איז שוין אַ גאַנץ אַנדער אידעאַל. יצחק איז זיך ניט מוסר נפש פאַר אַנדערע, נאָר פאַר זיך אליין. ער גייט אויף דער עקדה אַלס אַ קרבן פאַר ג־ט. ער גיט אַוועק זיין גאַנץ קערפּערלעכקייט, צוליב דער נשמה, צוליב דעם גייסט. יצחק טרייסט דערפאַר די יידן, אַז זיי זאָלן אָננעמען זייערע יסורים באהבה, צוליב דער דער־הויבנקייט פון זייער נשמה.

יידן ווילן ניט אָננעמען די טרייסט ווערטער. עס איז מעגלעך פאַר אַ יחיד צו גיין אַלס אַ קרבן פאַר אַן אידעע. אָבער אַ גאַנץ פאָלק איז ניט בכח צו נעמען אויף זיך אַן אייביק מאַרטירערשאַפט, אפילו פאַר דער העכסטער אידעע.

אויך די אידעע פון יעקב אבינו איז ניט אומשטאַנד צו טרייסטן די יידן. יעקב אבינו איז דער סימבאָל פון אוים דויער. ער ליידט שטאַרק; ער ווערט געיאָגט פון עשו און פון לבן; אָבער ער קומט דאָך צוריק אין זיין פעטערלעכן הויז און לעבט מיט זיין גרויסער פאַמיליע אַ רואיקן לעבן. יעקב טרייסט דערפאַר יידן, זיי זאָלן האָבן אויסדויער און סוף סוף וועלן זיי קומען צו זייער מנוחה אָבער יידן ווילן די טרייסט ניט אָננעמען; עס לוינט זיך כלל ניט, צוליב דעם ביסל מנוחה אויף דער עלטער, אַזוי פיל זיך אָנצוליידן אַלע יאָרן.

אויך משה רבינו קען די יידן ניט טרייסטן. משה רבינו האָט אונדז געגעבן די תורה און ער וויל אונדז טרייסטן, אַז עס לוינט זיך צו ליידן און צו לערנען תורה. אין די יידישע געטאָס האָט דער תורה-קלאַנג געשטאַרקט דעם יידן און אים געגעבן מוט און קראַפט אויסצוהאַלטן אַלע צרות. אָבער יידן ווילן אויך די טרייסט ניט אָננע-מען. מיט תורה אַליין קען מען ניט לעבן. אם אין קמח אין תורה, אין צרות און אין ליידן, קען מען נישט לערנען.

נישטאָ דערפאַר נאָר איין טרייסט-וואָרט און דאָס

איז: נחמו נחמו עמי. דער טרייסט איז, אז נאך אלע יסורים און ליידן שטייט דאס יידישע פאלק אלס עמי, אלס דאס פאלק פון ג-ט און לעבט. דאקעגן אלע פעלקער, וואס האבן ניט געליטן, זענען פארוועלקט און פאר־טריקנט געווארן. זיי זענען אפגעווישט געווארן פון דער אבערפלעכע. לעבן פון א פאלק, איז דאס וויכטיקסטע אידעאל׳ עם לוינט פאר א פאלק צו ליידן, אבי צו לעבן. פעלקער, וואס האבן ניט געליטן זענען שוין לאנג גע־שטארבן. ואתם הדבקים בד״ אלקיכם חיים כולכם היום. מיר יידן לעבן ביז צום היינטיקן טאג און וועלן לעבן טראץ אלע ליידן. „עם ישראל חי״ איז דער גרעסטער אידעאל, פאר וועלכן מיר ליידן און עס לוינט זיך צו ליידן. די טרייסט גיבן אונדז: דער פסוק פון דער סדרה און די הפטורה.

עקב

אין דער היינטיקער סדרה טוט משה רבינו פאָרזעצן זיין גרויסע, פלאַם-פייערדיקע רעדע, וועלכע ער האָט גע־האַלטן פאַר דעם יידישן פאָלק פאַר זיין אָפּשטאַרבן.

משה רבינו שילדערט פאַר די יידן, אַלע מעגלעכע דערשיינונגען, וואָס קענען פאָרקומען ביי זיי, בנוגע צו זייער גייסטיקן מצב. ער מאָלט אַ בילד, ווי אַזוי יידן וועלן אויסזען, ווען זיי וועלן פאַרלאָזן זייער אייגענעם לעבנסוועג און פאַרגעסן זייער תורה. דאַן שילדערט ער פאַר זיי, ווי אַזוי זי וועלן אויסזען, ווען זיי וועלן יאָ האַלטן די תורה און לעבן אין יידישן גייסט.

מערקווירדיק! קודם רעדט משה רבינו פון דעם פאַל, ווען יידן וועלן זיך אָפּקערן פון דער תורה. דאַן רעדט ער פון דעם פאַל, ווען יידן וועלן יאָ לעבן אין יידישן גייסט. זייער ריכטיק! קודם רעדט מען פון דעם לייכטערן וועג. פאַרלאָזן דעם יידישן לעבנסשטייגער, איז זייער לייכט. צו דעם גענינגן בלויז עטלעכע קליינע מעלות: אַ ביסל לייכטזיין, אַ ביסל מכלומרשטער פאָרשריט, אַ ביסל אומ־

פאַרשטענדלעכקייט און איינרעדעניש, אַז מען איז אַ חכם. צו די מעלות, אויב מען פאַרקערט נאָך מיט עולם-הזה׳־ניקעס, איז מען אַ פאַרטיקע כלי. מען גייט דאַן זייער לייכט אַוועק פון יידישן וועג. מען פאַרגעסט פון תורה און יידישקייט.

דאַקעגן: דאָס לעבן אין יידישן גייסט; דאָס זיך האַלטן אין יידישן שטאַם, דאָס פאַרלאַנגט שוין עפּעס. דאָס איז ניט אַזוי לייכט. דערפאַר דערמאָנט משה רבינו דעם פאַל שפּעטער.

אונדזערע דענקער באַמערקן נאָך עפּעס: ווען משה רבינו רעדט פון פאַרלאָזן די תורה און פון פאַרגעסן יידישקייט, באַדינט ער זיך מיט דער יחידישער פאָרם; מיט דער איינצאָל. ער רעדט צום יחיד: „אם שכח תשכה”; ווען דו וועסט פאַרגעסן; ווען דו וועסט אָפּקערן פון דיין יידישן וועג; ווען דו וועסט דינען צו פרעמדע געטער; אַלץ אין איינצאָל. דאַקעגן, ווען משה רבינו רעדט פון דעם פאַל, ווען יידן וועלן לעבן מיט זייערע אייגענע אידעאַלן דאַמאָלס באַדינט ער זיך מיט דעם לשון רבים, מיט דער מערצאָל. ער זאָגט: אם שמוע תשמעו; אויב איר וועט היטן, ושמתם את דברי אלה; איר וועט די ווערטער נעמען צו אייערע הערצער, ולמדתם את בניכם; איר וועט לערנען יידישקייט מיט אייערע קינדער און אַזוי ווייטער; אַלץ בלשון רבים, אין מערצאָל.

משה רבינו האָט דאָ אָנגעדייטעט דעם אייביקן אמת, אַז דער ערשטער שריט פאַר פאַרלאָזן דעם יידישן לע־

בנסוועג, איז דאָס אָפּזונדערן זיך פונעם כלל. יעדעס איזאָלירן זיך פונעם צבור, ברענגט צו דעם, אַז שפּעטער פאַרלאָזט מען דעם יידישן וועג, מען גווילט זיך אַ נייעס, פרעמדן לעבנסוועג, וואָס פירט אַליין, וואָס אמאָל מער, צו הפקרות און אויסגעלאַסנקייט.

אין דער היינטיקער סדרה ווענדט זיך משה רבינו צו די יידן און זאָגט: ועתה ישראל מה ד׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ד׳ אלקיך, וכו׳״; און איצט, דו ייד! וואָס פאַרלאַנגט דען דיין ג-ט פון דיר? בלויז אַ קלייניקייט: דו זאָלסט מורא האָבן פאַר ג-ט און אָפּהיטן זיינע געבאָטן. די גמרא פרעגט: אויב מורא האָבן פאַר ג-ט און אָפּהיטן זיינע געבאָטן, איז בלויז אַ קלייניקייט, וואָס קען דאַן שוין זיין אַ גרויסע זאַך? דאַכט זיך, אַז מורא האָבן פאַר ג-ט און האַלטן די תורה, איז דאָס גרעסטע און דאָס העכסטע, וואָס אַ ייד קען דערגרייכן. ווי קומט דאָס, אַז משה רבינו רופט דאָס אָן אַ קלייני-קייט? די גמרא ענטפערט: לגבי משה מלתא זוטרתא היא; פאַר משה רבינו איז דאָס געווען אַ קלייניקייט.

דער תירוץ איז אומפאַרשטענדלעך. משה רבינו האָט דאָך נישט גערעדט צו זיך, נאָר צום יידישן פאָלק. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט זאָגן צו די יידן, אַז מורא האָבן פאַר ג-ט און אָפּהיטן די תורה, איז אַ קלייניקייט?

דאָס דערקלערט זיך זייער פשוט. פאַראַן צוויי וועגן, וועלכע פירן צום אָנערקענען די ג-טלעכע השגחה אין דער וועלט. איין וועג איז: ראשית חכמה יראת ד״; דאָס

העכסטע פון וויסן, פירט צו ג־טעספאַרכטיקייט. אַ ביסל וויסן, פירט אַראָפּ פון אמונה. דאַקעגן, אַ סך וויסן, ברענגט צוריק צו אמונה. ווען עמעצער האָט בלויז אַ ביסל געגאַשט פון חכמה, מיינט ער, אַז ער איז אַ גאַנצער ידען און פאַרשטייט אַלצדינג און דאַרף ניט קיין אמונה. אָבער דער, וואָס קומט ביז צו „ראשית חכמה”, ביז צום מקור פון וויסן, דער זעט, אַז ער הויבט גאָר נישט אָן צו וויסן און אַז ער מוז צו קומען צום גלויבן, אַז עס דאַ אַ הויכע, איבערנאַטירלעכע קראַפט, וואָס רעגירט כסדר מיט דער וועלט און דאָס איז, דער רבש"ע.

דער וועג, איז אַ שווערער. נישט יעדער קען גיין אויף דעם וועג און קומען ביז צו ראשית חכמה. עס איז דערפאַר דאָ אַ צווייטער וועג, זייער אַ לייכטער, אויף וועלכן יעדער קען גיין. דאָס איז: עקב עוונה יראת ד'; עניוות, באַשיידנקייט, פירט צו ג־טעס פאַרכטיקייט. ווען אַ מענטש ווייסט פון זיין שוואַכקייט, פון זיין קליינלעכקייט און זיין אומבאַהאָלפנקייט, קומט ער ממילא צו אמונה, אַז נאָר מיט ג־ט'ס הילף, גייט ער אַדורך די וועלט. אַ בעל גאה, אַ שטאָלצער מענטש, האָט אַ פוסטע איינרעדעניש, וועגן זיך אַליין. ער גלויבט אין זיינע אייגענע כוחות און האָט נישט קיין מורא פאַר קיינעם, אפילו פאַר ג־ט. אַן עניו דאַקעגן, ווייסט אַז מישטיינס געזאָגט, וואָס איז דער מענטש? וואָס איז דאָס מענטשלעכע לעבן? מען מוז האָבן ג־ט צו הילף.

מיט רעכט זאָגט די גמרא, אַז פאַר משה רבינו איז

ג־טעספּאַרכטיקייט געווען אַ קליינינקייט, ווייל משה רבינו איז צוגלייך געווען דער גרעסטער עניו אין דער גאַנצער מענטשהייט און דער וועג איז זייער אַ לייכטער, ממש אַ קליינינקייט, פאַר יעדן צו קומען צו אמונה.

משה רבינו דערקלערט אויך, פון וואַנען קומט דאָס, אַז דאָס שוואַכע באַשעפעניש, וואָס הייסט מענטש, זאָל גאָר פלוצעם ווערן אַ בעל גאה. משה רבינו זאָגט: „פן תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה וישבת וכסף וזהב ירבה לך ורם לבבך ושכחת את ד׳ אלקיך״. אפשר און טאָמער וועסטו האָבן צו עסן צו דער זאַט, און פיינע הייזער וועסטו דיר בויען, און פיל גאָלד וועסטו דיר אָנזאַמלען, וועט גרוים ווערן דיין האַרץ, און דו וועסט פאַרגעסן, אַז עס איז דאַ אַ ג־ט.

דער זאַץ איז גראַמאַטיקאַליש שווער. די כוונה פון משה רבינו איז דאָ, אויסצודריקן דעם געדאַנק, אַז ווען יידן וועלן האָבן רייכקייט, וועלן זיי חלילה פאַרגעסן אין ג־ט. די מורא פון משה רבינו איז געווען, אַז טאָמער וועלן יידן חלילה פאַרגעסן אין ג־ט. אָבער משה רבינו האָט דאָך ניט געמיינט מורא צו האָבן פאַר דעם, וואָס יידן וועלן האָבן פאַרמעגן. ער האָט דערפאַר דעם „פן״, דעם טאָמער, געדאַרפט אָוועקשטעלן פאַר דעם ורם לבבך ושכחת; טאָמער וועלן יידן גרוים ווערן ביי זיך, און פאַרגעסן, אַז עס איז דאַ אַ ג־ט. פאַרוואָס האָט ער דעם פן, דעם טאָמער, אַוועקגעשטעלט פאַר דעם: תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה וישבת? עס האָט געדאַרפט,

לויט גראַמאַטיק, שטיין: כי תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה וישבת וכי" פן ירום לבבך ושכחת וכי' ווען דו וועסט האָבן פאַרמעגן, טאָמער וועסטן שטאַלצירן און פאַרגעסן אין ג־ט. דער טאָמער באַציט זיך דאָך נישט אויף דעם האָבן פון פאַרמעגן, נאָר אויף דעם פאַרגעסן אין ג־ט.

משה רבינו האָט אָבער דאָ אויסגעדריקט נאָך אַ טיפע כוונה. אויב איינער האָט פאַקטיש, באמת אַ גרויס פאַר־מעגן, און ער פאַרגעסט אין ג־ט, איז נאָך אַ האַלבע צרה. לײַדער אָבער איז ביי יידן דער פאַל אַ גאַנץ אַנדערער. יידן זענען צעשפרייט אין אַרבע פינות העולם. וואו און ווען, קענען יידן באַהויפּטן, אַז זיי פאַרמאָגן פאַקטיש גרויסע פאַרמעגנס? מ'שטיינס. געזאָגט: וואָס זענען ווערט די יידישע פאַרמעגנס אין די תפוצות? איין איבערפאַל, איין בלאָז, איין ציטער און אויס, מיט די יידישע בנינים און מיט די יידישע פאַרמעגנס. אין איין שעה, קען אין יעדן גלות לאַנד, פון אַ ייד אַ גביר, ווערן אַ קבצן. דער ייד רעדט זיך בלויז איין, אַז ער איז אַ גביר. ווי נאַריש איז עס דאָן, אַז צוליב אַ בלויזע פאַנטאַזיע פון עשירות, נעמט אַ ייד און בלאָזט זיך אַזוי אָן, אַז ער פאַרגעסט לגמרי, אַז עס איז דאָ אַ ג־ט.

דאָס האָט משה רבינו געמיינט, ווען ער האָט אַוועק־געשטעלט דעם „פן", נישט פאַר דעם ורם לבבך, נאָר פאַר דעם: בתים טובים תבנה וכסף וזהב ירבה לך. אַ ייד, אַז ער קלערט נאָר: טאָמער האָט ער פאַרמעגן ווייל

קיין אמת׳דיק פאַרמאָגן און דויערהאַפטע עשירות האָט ער דאָך בכלל נישט, געניגט שוין דער „טאָמער״, אַז ער זאָל פאַרגעסן אין ג־ט.

ס׳איז די העכסטע צייט, אַז יידן זאָלן זיך פאַרטראַכ־טן, וועגן די אייביקע ווערטער פון משה רבינו.

ר א ה

דער הויפּט-געדאַנק פון משה רבינוס ווערטער, אין דער היינטיקער סדרה, איז אַז דער מענטש איז פריי זיך אויסצוקלייבן, וואָס פאַר אַ לעבנסשטייגער ער זאָל אָננעמען. ער קען לעבן מיט זיין ליידנשאַפטלעכער נאַטור, אָדער מיט דעם וועג פון תורה, וואָס קולטיווירט דעם מענטש און שטעלט אים העכער פון דער נאַטור.

שוין די בלויזע פרייהייט, אָנצונעמען אַן אייגענעם באַשלוס, שטעלט דעם מענטש אַוועק אויף דער העכסטער מדרגה אין דער שאַפונג. אַ חיה האָט ניט קיין מעגלעכקייט אויסצוקלויבן, ווי אַזוי צו לעבן. זי מוז לעבן מיט איר אייגעבוירענער נאַטור. זי מוז טאָן דאָס, וואָס די נאַטור טרייבט איר צו טאָן. דער מענטש אָבער קען זיך ווילן צו לעבן אַנדערש, ווי זיין נאַטור איז פון געבוירנקייט. דער מענטש קען איבערשטאַרקן אַלע ליידנשאַפטן, וואָס די נאַטור האָט אין אים אַריינגעזעצט. דער מענטש קען איבערשטייגן זיין נאַטור און געוועלטיקן איבער איר. דאָס איז די גרויסקייט פון דעם מענטש.

יידישקייט לערנט דעם ייד צו וויסן, אַז פון נאַטור איז ער געשאַפן אַלס, אַן אומפולקאָמען באַשעפעניש. ער אַליין דאַרף דערפאַר זיין גאַנץ לעבן שטרעבן, זיך צו פאַרפולקאָמען. די פאַרפולקאָמונג, קען דער מענטש ניט דערגרייכן, דורך לעבן מיט זיין נאַטור, נאָר דורך לעבן מיט תורה, מיט קולטור, מיט שכל און וויסן. דער מענטש, וואָס לעבט מיט זיין נאַטור, דער איז גלייך צו דער חיה.

די ערשטע פילאָזאָפן, נאָך אין דעם גריכישן פעריאָד. האָבן פאַרהייליקט די נאַטור; זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער מענטש דאַרף לעבן מיט דער נאַטור. אין דעם איז באַשטאַנען זייער געצנדינסט. יידן אָבער, האָבן שוין ביים באַרג סיני געהערט דעם ערשטן פאַרבאָט, ניט צו דינען צו קיין שום נאַטור; דערונטער איז אויך געמיינט די מענטשלעכע נאַטור. דער מענטש טאָר ניט זיין קיין קנעכט צו זיינע אייגענע, נאַטירלעכע תאוות.

די גמרא און דער מדרש דערציילן, אַז דער גרויסער, טורנוסרופוס, האָט געפרעגט רבי עקיבאַן, ער זאָל אים זאָגן: וועמענס ווערק עם זענען שענער, צו די ווערק פון ג-ט, אָדער די ווערק פון אַ מענטש, רבי עקיבא האָט זיך גאָר ניט דערשראָקן פאַר דער פראַגע. ער האָט תיכף געענטפערט: די ווערק פון אַ מענטש זענען שע־נער. טורנוסרופוס, ווויסנדיק אַז רבי עקיבא איז אַ גרוי־סער ירא שמים, ווען ער וועט פאַר אים אַוועקשטעלן אַזאַ פראַגע: וועמענס ווערק עם זענען שענער, צו די

ווערק פון ג־ט, אָדער די ווערק פון אַ מענטש, וועט ער באַלד אויסשרייען: די ווערק פון ג־ט. וואָס פאַר אַ פאַר־גלייך קען דען איבערהויפּט זיין, צווישן די ווערק פון ג־ט און צווישן די ווערק פון אַ מענטש? רבי עקיבא האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און האָט אים אויך באַמערקט: „אני יודע על מה אתה שואלני"; איך ווייס גאַנץ גוט דיין פילאָזאָפישע כוונה. איך ענטפער דיר שוין: די ווערק פון מענטש זענען שענער פון די ווערק פון ג־ט. עס איז כלל גאָר ניט קיין חילול השם, אַזוי צו באַהויפּטן, נאָר פאַרקערט: עס איז דער גרעסטער קידוש השם. אין דעם באַשטייט דער אינהאַלט פון דער יידישער תורה. טור־נוסרופוס האָט זיך ניט געלאָזט ביי רב עקיבאן און האָט אים געפרעגט: הרי שמים וארץ. וואָס רעדסטו, ווי קומט אַ מענטש זיך גאָר וועלן פאַרגלייכן מיט ג־ט? קען אַ מענטש שאַפן הימל און ערד? דערויף האָט רבי עקיבא געענטפערט: מיר רעדן ניט פון וועלט־שאַפונג; מיר רעדן פון מענטשלעכער שאַפונג; דאָרט וואו דער מענטש האָט אַ שליטה צו שאַפן, דאָרט האָט ג־ט אים געגעבן אַ כוח צו פאַרפולקאָמען דאָס, וואָס עס איז געשאַפן פון ג־ט, אַזוי אַז עס זאָל זיין שיינער פון דעם, וואָס עס איז גע־שאַפן פון דעם רבונו של עולם אַליין, אָן דעם מענטשנס האַנט. דער מדרש דערציילט, אַז רבי עקיבא איז דאַן געגאַנגען אַהיים. ער האָט פאַרלאַנגט פון זיין פרוי: זי זאָל אָפּבאַקן פיינע קיכלעך פון ווייצן מעל. די פרוי האָט די קיכלעך געמאַכט, לויט דעם פיינסטן געשמאַק, מיט

צוקער און אייער און זיי זענען וואונדערלעך אַרויסגע־קומען. רבי עקיבא האָט דאַן גענומען די קיכעלעך אויף איין טאָץ און אויף דעם אַנדערן טאָץ האָט ער אַנגעשיט נאַטירלעכן ווייץ, וואָס וואַקסט אין פעלד. מיט דעם איז ער דאַן געקומען צו טורנוסרופוס. ער האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט די צוויי טאַצן און געפרעגט: זאָג מיר, וועלכע זאַכן זענען שיינער: צו די, פון דער טאָץ, (קיכ־לעך) אָדער די פון דער טאָץ? (רויער ווייץ). טורנוסרו־פוס האָט מער נישט געענטפערט.

עס איז כלל נית נייטיק קיין קאָמענטאַרן צו דער דערציילונג פון דער גמרא. דאָ איז פאַרגעקומען דער־זעלבער וויכוח, וואָס עקזיסטירט ביז צום היינטיקן טאָג, צווישן די אָנהענגער פון נאַטור און צווישן די אָנהענגער פון קולטור. טורנוסרופוס האָט זיך געהאַלטן אין דער גריכישער שיטה, אַז מען דאַרף ניט זאָגן, אַז דאָס, וואָס קומט פון ג־ט, איז נישט פערפעקט, איז ניט פולקאָם; במילא איז דער מענטש מיט זיינע תאוות און זיינע ליי־דנשאַפטן, אויך פערפעקט און ער דאַרף לעבן מיט זיינע ליידנשאַפטן. פון אַזאַ שטאַנדפונקט, דאַרף דער מענטש ניט קיין תורה; ער דאַרף ניט קיין געזעצן און קיין פאַר־באָטן; ער דאַרף טאָן, דאָס וואָס זיין נאַטור דיקטירט אים; ער דאַרף זיך נאָכגעבן זיינע נאַטירלעכע ליידנשאַפ־טן. קיינער האָט ניט קיין רעכט צו באַהויפטן, אַז ליידנ־שאַפטן וואָס אַ מענטש האָט פון דער נאַטור זענען ניט ריכטיק וכדומה. רבי עקיבא האָט פאַרטרעטן דעם יידי־

שן שטאַנדפּונקט, וועלכער באַהויפּטעט, אַז אַ מענטש טאָר ניט לעבן מיט זיין נאַטור, כאָטש די נאַטור איז די ג-טלעכע שאַפונג, ווייל דאָס איז די גרויסקייט פון אַ מענטש; אַזוי האָט ג-ט דעם מענטש פון דער ערשטער מינוט אָן באַשאַפן, ער זאָל קענען הערשן איבער זיין נאַטור; דאָס איז דער אַזוי גערופענער „צלם אלקים" אין דעם מענטש. ער האָט אַ פרייע וואַל; ער קען זיך אַליין ווילן דעם לעבנסוועג. ער קען לעבן, ווי אַ חיה מיט נאַטור און ער קען לעבן מיט תורה, מיט קולטור, וואָס מאַכט אים ערשט פאַר אַ מענטש. דייטלעך האָט אים רבי עקיבא דאָס געוויזן מיט דעם משל פון די קיכלעך און דעם רויען ווייץ. בנוגע צו זיינע גשמיותדיקע באַדער־פעניש, וועט קיין מענטש, ניט לעבן ווי די חיה אין וואַלד. ער וועט נישט עסן קיין רויע געוויקסן און רויע גראָזן, נאָר וועט די געוויקסן קולטיווירן, פאַרפיינערן, צוריכטן און דאַן ערשט עסן. פאַרוואָס זאָל דער מענטש מיט זיינע פסיכישע אייגנשאַפטן, האַנדלען אַנדערש? אויך בנוגע צו זיין כאַראַקטער, דאַרף דער מענטש וויסן, אַז ער טאָר זיך ניט באַדינען מיט נאַטירלעכע ליידנ־שאַפטן אין רויען צושטאַנד. ער דאַרף זיין כאַראַקטער אויך קולטיווירן, פלעגן, פאַרפיינערן און צוריכטן, ערשט דאַן זיך מיט אים באַדינען. דעם כאַראַקטער צו פאַר־פיינערן און צו קולטיווירן, קען מען נאָר מיט תורה. מיט אמתער עטישער קולטור.

די מאָדערנע פסיכאָלאָגיע באַהויפּטעט, אַז דער

מענטש, וואָס לעבט מיט זיין נאַטור, ווי אַ חיה, דער איז דער אומגליקלעכסטער אין דער וועלט. יעדער מענטש ווייסט, אַז ער דאַרף זיין אַנדערש, ווי די חיה, דערפאַר ליידט ער שטאַרק פון זיין באַוואוסטזיין, דאַמאָלס ווען ער האַנדלט נישט, ווי אַ מענטש. משה רבינו זאָגט דאָס אין קורצע ווערטער: ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה; זע, איך גיב פאַר אייך היינט אַ ברכה און אַ קללה. די ברכה, אויב איר וועט געהאָרכן צו דער תורה; און די קללה, אויב איר וועט ניט געהאָרכן צו דער תורה. מיינט ניט, אַז פאַרמעגנס און פאַרגעניגנס גיבן אַ ברכה, אָדער אָרעמקייט און אַ באַשיידן לעבן איז חלילה אַ קללה. ניין! די גרעסטע פאַרמעגנס און די אויסגעקלערט־סטע פאַרגעניגנס, קענען זיין די גרעסטע קללה, ווען דער מענטש לעבט אין זיי, ווי אַ חיה; עס פלאָגט אים זיין גע־ווייסן און ער האָט ניט קיין מנוחה. זיין לעבן איז דאַמאָלס ענלטער, ווי דאָס לעבן פון דער חיה, ווייל די חיה האָט ניט קיין געוויסן; עס פלאָגט זי גאָר ניט. דאַקעגן, אויב אַ מענטש לעבט ווי אַ מענטש, אפילו ווען ער האָט נישט קיין רייכטום און קיין פאַרגעניגנס, האָט ער אַ ברכה, ווייל ער איז זעעליש צופרידן, ער איז גליקלעך מיט זיך אַלס מענטש.

דייטלעך זאָגט דאָס משה רבינו: ונתת את הברכה על הר גריזים ואת הקללה על הר עיבל. די ברכה זועסטו געבן אויף דעם באַרג גריזים און די קללה אויף דעם באַרג עיבל. ווי באַקאַנט איז דער הר גריזים, אַן אָרעם,

א י ן   ש ר י פ ט   א ו ן   ו ו אָ ר ט

איינפאַך באַוואַקסענער באַרג און דער עיבל איז אַ פּרעכ־טיקע אַזוי פון בלומען און שיינקייט. אויב אַ מענטש לעבט ווי אַ מענטש, קען ער אפילו אויף דעם פשוטן גריזים האָבן אַ ברכה. אויב אָבער ער לעבט ווי אַ חיה, דאַן קען דער פּרעכטיקער הר עיבל זיין פאַר אים אַ קללה.

דאָס זענען אייביקע אמתן פון אונדזער תורה.

שופטים

די סדרה פון דער היינטיקער וואָך, איז כמעט אין גאַנצן געווידמעט דעם יידישן שטאַט-וועזן, זי פאַרנעמט זיך הויפּטזעכלעך מיט דינים, וואָס זענען געבונדן מיט דעם לעבן פון דעם ייד אין זיין אייגן לאַנד.

צוערשט קומען די פסוקים, וועלכע רעדן אַרום די באַגריפן פון געזעץ און גערעכטיקייט; פון דעם געריכטס-וועזן און פון ערלעכע ריכטער. דאַן קומען פאַרשיידענע דינים בנוגע צו דעם געבוי פון דעם שטאַט, פון דער מלוכה, פון דער אָרדענונג און דיסציפּלין, פון מלחמה און קריג. דאַן פאַרענדיקט די תורה מיט אַ דין פון עגלה ערופה. דער פסוק זאָגט: אויב עס וועט פּאַסירן ביי יידן, ווען זיי וועלן האָבן זייער אייגענע מלוכה, אַז מען וועט געפינען אַ טויטן מענטש; מען וועט ניט וויסן, ווער עס האָט אים געהרגעט; דאַן זאָלן די גייסטיקע פאַר-שטייער און מאַראַלישע פירער פון דעם אָרט ברענגען אַ קרבן און אָפּגעבן אַ דעקלאַראַציע, אַז זייערע הענט האָבן ניט פאַרגאָסן דאָס בלוט און אַז זיי זענען ניט שולדיק

אין דעם מאָרד. דעם דין קען אפילו דער היינטיקער 20־סטער יאָרהונדערט נאָך ניט פאַרדייען. די היינטיקע קולטורעלע מענטשהייט איז נאָך ניט דערוואַקסן צו דער מדרגה צו פאַרשטיין, אַז פאַר אַ מאָרד, וואָס זיין סיבה קען ניט פעסטגעשטעלט ווערן, איז שולדיק קודם כל די נידעריקע מאָראַל פון דער געזעלשאַפט און במילא די גייסטיקע מנהיגים פון דעם אָרט און פון דער צייט.

איך וויל אָבער היינט זיך ניט אָפּשטעלן אויף דעם ענין. איך וויל רעדן וועגן אַ גאַנץ אַנדער קאַפּיטל פון דער היינטיקער סדרה און דאָס איז דאָס קאַפּיטל פון מלחמה. אויך דאָס קאַפּיטל, איז זייער אַקטועל ביז היינט אין 20טן יאָרהונדערט.

אין פלוג דאַכט זיך: וואָס פאַר אַן אַקטואַליטעט קען האָבן אין אונדזער היינטיקער צייט, אַ מלחמה קאַפּיטל אָנגעשריבן מיט 3500 יאָר צוריק? קריגס־וועזן האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז אפילו מלחמה פירונג פון, בלויז 100 יאָר צוריק, האָט היינט קיין שום באַדייטונג ניט. אַ פּשי־טא שוין, מלחמה פירונג פון, פאַר אַ סך, טויזנטער יאָר צוריק. אָבער דאָ איז ניט געמיינט די פאָרם פון מלחמה, נאָר דער אינהאַלט. אינהאַלט בייט זיך נישט. אינהאַלט טוישט בלויז די פאָרם. דער תוך און די מאָראַל בלייבט תמיד די זעלבע.

מערקווירדיק איז די באַמערקונג פון חז״ל אין מדרש, וועלכע ווייזן אָן, אַז איבעראַל וואו די תורה רעדט פון מלחמה, מיינט זי ניט בלויז די דרויסנדיקע מלחמה, מיט

דעם שונא פון דרויסן; נאָר צוגלייך אויך די אינערלעכע מלחמה, וואָס יעדער מענטש פירט געהיים אין זיך אליין, מיט זיך אליין. „הלא צבא לאנוש עלי ארץ", זאָגט דער פסוק; יעדער מענטש מאַכט מיט אויף דער וועלט: אַ פעלדצוג, אַ קריג, — אַ מלחמה. ער דאַרף דערפאַר וויסן די פאָרשריפטן בנוגע צו אַ מלחמה. די פאָרשריפטן טוישן זיך נישט. זיי בלייבן תמיד די זעלבע.

ווען די אַרמיי איז געווען גרייט אַרויסצומאַרשירן צום קאַמף, האָט דער כהן, דער גייסטיקער פירער, זיך געדאַרפט אָוועקשטעלן פאַר דער אַרמיי און זאָגן: איר גייט צום קאַמף קעגן אייער פיינד! זאָל ניט ווייך ווערן אייער האַרץ! איר זאָלט אייך נישט שרעקן און ניט קיין מורא האָבן, ווייל ג-ט איז מיט אייך. מורא האָבן, אָדער ווייך ווערן, וואָלט געהייסן אַ צווייפל אין ג-טס מאַכט און אין ג-טס גערעכטיקייט. נאָכדעם, ווי דער כהן האָט דאָס פאַרענדיקט, איז דאַן געקומען אַן אויפזעער און האָט אויסגערעכנט אַ גאַנצן צעטל פון באַפעלן: אויב איינער האָט געבויט אַ הויז און ניט באַוויזן עס צו פאַרענדיקן, זאָל ער אַהיים גיין. דאָס זעלבע מיט אַ ווייגאַרטן. אויב איינער האָט זיך פאַרלאָבט מיט אַ פרוי און ניט באַוויזן זי צו הייראַטן, זאָל ער אַהיים גיין. צולעצט האָט ער אויך פאַרגעלעזן: אויב איינער איז אַ שרעקנדיקער און אַ ווייכהאַרציקער, זאָל ער אויך אַהיים גיין.

עס איז באַקאַנט, אַז יידן זענען תמיד געווען זייער פאַטריאָטיש. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרטיי-

דיקן זייער אייגן לאַנד, האָט קיין מאָל ניט געפעלט קיין סאָלדאַטן. עס זענען תמיד געווען מער, ווי מען האָט באַדאַרפט, דערפאַר האָט מען זיך געקאָנט דערלויבט צו מאַכן אַזעלכע באַמערקונגען. אָבער, וואָס לערנט דאָס אונדז היינט?

לויט אָנווייזונג פון אונדזערע אַלטע דענקער, לערנט דאָס אונדז קודם כל, אַז נאָר אַ מענטש, וואָס איז אין אָרדענונג מיט זיך אַליין, דער מעג און דער קען, זאָרגן אויך פאַר אַנדערע, — דאָס הייסט פאַרטיידיקן אַ כלל. אויב אַ מענטש איז נישט אין אָרדענונג מיט זיך אַליין; אויב ער איז ניט פעאיק זיך אַליין צו פאַרזאָרגן, מיט וואָס פאַר אַ רעכט, גייט ער דאָס פאַרזאָרגן אַ צווייטן?

ליידער איז דאָס איינס פון די גרעסטע אומגליקן פון היינטיקער מאָדערנער צייט. אַ סך מענטשן זענען גע־שלאָגן מיט דעם וואָס זיי ווילן נאָר זיין וועלט-באַזאָרגער און וועלט-באַגליקער. עס איז פאַר זיי ווייניק זיך אַליין צו באַזאָרגן; עס איז פאַר זיי ווייניק זייער אייגענע מש־פחה; עס זענען אפילו פאַראַן אַזעלכע, וואָס עס איז פאַר זיי ווייניק, זייער אייגן פאָלק; זיי ווילן נאָר באַזאָרגן די **גאַנצע וועלט.**

אַזעלכע מענטשן וועלן אייך אויפווייזן מיט ראיות ברורות אַז זיי זענען באַזעלט מיט אַ הויכער אידעע; אַז זיי זענען גרייט מקריב זיין זיך אַליין פאַר אַ גרעסערן כלל; זיי זענען אידעאַליסטן, ווייט פון יעדן שפור פון עגאָיזם; דערפאַר אָפּפערן זיי זיך פאַר אַנדערע, וכדומה.

יידישע מאָראַל לערנט אָבער, אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט איז פאַלש. פאַרזאָרגן יענעם מעג מען נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט קודם זיך אַליין פאַרזאָרגט. אַ מענטש קען וואַקסן אויף אַ הויכער מדרגה ניט פון דרויסן, נאָר פון זיך אַליין. ליבע צו יענעם, דאַרף אַרויסוואַקסן פון ליבע צו זיך. וחי אחיך עמך, לויטעט דאָס געבאָט פון דער תורה; פון דיין אייגענעם לעבן, דאַרף זיך אַנטוויקלען דאָס געפיל פון לעבן פאַר אַ צווייטן. אויב אַ מענטש לעבט אַליין ניט, קען ער נישט לעבעדיק מאַכן אַ צווייטן. דער פּסוק זאָגט אויך: „את פני מבין חכמה ועיני כסיל בקצה הארץ". (משלי י"ז כ"ד) דער פאַרשטענדיקער ווייסט, אַז די חכמה דאַרף ער קודם באַווייזן אין דעם, וואָס עס ליגט פאַר זיינע אויגן. דער נאָר זוכט צו פאַר־זאָרגן ערגעץ אין אַן אַנדערן עק פון דער וועלט. ווער עס קען אין זיין אייגענעם קרייז, אין זיין אייגענער גע־זעלשאַפט, גאָר ניט אויפטאָן, דער טאָר זיך ניט וואַרפן אויף קיין וועלטס־פּראָבלעמען; ער טאָר ניט זיין קיין וועלטס באַגליקער. אויב אַ מענטש קען נישט, אָדער וויל ניט זאָרגן פאַר דעם, וואָס עס שטייט פאַר זיינע אויגן און וויל נאָר באַזאָרגן די וועלט, איז דאָס ניט קיין אידעע, ניט קיין אידעאַליזם, נאָר אַ פּשוטער, נידעריקער טריק, זיך צו מאַכן פאַר וויכטיק, זיך אַרוים צו שטעלן אין דער עפנטלעכקייט, דאָס איז דער שעדלעכסטער עגאָיזם, וועלכער איז נאָר פאַראַן.

ווען אַ מענטש האָט געצויגן אין דער אַרמיי, אויפ־

צונעמען אַ מלחמה; קיין אונטערשיד, צו אַ מלחמה מיט דעם דרויסנדיקן שונא, אָדער אַ מלחמה מיט אַן אינערן שונא, האָט דער גייסטיקער פירער געדאַרפט זיך אוועק־שטעלן און אויפמערקזאַם מאַכן, זאָגנדיק: איר גייט אויפנעמען אַ קאַמף אין לעבן, איר געטרויט אייך צו באַזיגן פאַרשיידענע שונאים. איר מוזט קודם באַווייזן אייערע פעיקייטן אין אייער אייגענעם לעבן. האָט עמעצער פון אייך געבויט אַ הויז און ניט באַוויזן, עס צו פאַרענדיקן און זיך אַריינצוזיצן; אָדער האָט עמעצער פון אייך געפלאַנצט אַ גאָרטן און נאָך ניט באַוויזן, אַרויסצוברענגען אפילו די ערשטע פירות פון זיין גאָרטן; האָט עמעצער פון אייך זיך פאַרלאָבט און ניט באַוויזן זיך איינצואָרדענען אַ פאַמיליען לעבן; אויב ער האָט דאָס ניט באַוויזן, האָט ער קיין רעכט ניט צו זיין אַ פאַרזאָרגער פאַר אַ כלל. דער, וואָס וויל נוצן פאַר דער מענטשהייט, מוז קודם נוצן זיך און זיין אייגענעם קרייז.

צו לעצט האָט דער אויפזעער נאָך אויסגערופן: „מי האיש הירא ורך הלבב". ווער עס האָט מורא און האָט אַ ווייך האַרץ, דער זאָל אויך אהיים גיין. פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס האָבן באַשלאָסן זיך צו וואַרפן אויף גאָר גרויסע זאַכן, ניט דערפאַר, ווייל זיי ווילן ווייזן, אַז די קליינע זענען פאַר זיי ניט גענוג, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געפּרואווט לייסטן מיט קלייניקייטן און עס איז זיי ניט געלונגען, גייען זיי איבער צו גרויסע זאַכן. זיי האָבן פשוט מורא נאָכאַמאָל אָנצוהויבן ביי קלייניקייטן,

זיי זאָלן ניט דורכפאַלן. דער זאָל אַהיים גיין, ער זאָל אָנ־הויבן פון דאָס ניי. ער זאָל זיך כלל ניט רעכענען מיט דעם, וואָס עס איז געווען, נאָר טראַכטן קודם אויסצופירן די פליכטן, וואָס ער האָט פאַר זיך, דאַן ערשט וועט ער קענען גיין אין מלחמה פאַר גרויסע ענינים, פאַר אַ גרויסן כלל, פאַר דער וועלט.

הלוואי וואָלט דער היינטיקער דור זיך גענומען צום האַרצן אָט די דאָזיקע ווערטער.

כי תצא

כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ד׳ אלקיך בידיך ושבית שביו. אז דו וועסט ארויסגיין אין קאמף קעגן דיינע פיינט און ג־ט, דיין ג־ט וועט דעם שונא איבערגעבן אין דיינע הענט און דו וועסט פאנגען זיין געפאנגענעם.

גראמאטיקאליש איז דער פסוק שווער. דער פסוק הויבט אן מיט א קאמף קעגן פיינד; דאס הייסט, א סך שונאים און גייט באלד איבער צו לשון יחיד, צו איין שונא. דאן איז דער אויסדרוק: פאנגען זיין געפאנגענעם, ניט צו פארשטיין. פאנגען זיין געפאנגענעם מיינט, פאנגען אזעלכן, וואס איז געווען דעם שונאים געפאנגענער. וואס באדייטעט דאס?

אונדזערע חכמי המוסר באמערקן, אז דא איז פאראן אן אנדייטונג און אן אנווייזונג אויף אן אנדערער סארט מלחמה; דא איז געמיינט די גרויסע, אינערלעכע מלחמה, וואס יעדער מענטש פירט אין זיך און מיט זיך אליין.

רש״י ברענגט דעם דרש פון דער גמרא אויף דער חיינ־

טיקער סדרה, וועלכער לויטעט, לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע; די תורה האָט דאָ גערעדט קעגן דעם יצר הרע. די חכמי המוסר זאָגן, אַז אויך די גמרא האָט דאָ אָנגע־וויזן, אויף דעם קאַמף, וואָס דער מענטש פירט אָן מיט דעם יצר הרע, מיט זיינע שלעכטע ליידנשאַפטן.

ניט בלויז דאָ, נאָר איבעראַל, וואו די תורה רעדט פון מלחמה, מיינט זי נישט נאָר די מלחמה מיט אַ דרויסנ־דיקן שונא. זי מיינט אויך די אינערלעכע מלחמה, וואָס יעדער מענטש מוז אָנפירן געהיים, אין זיך אַליין, מיט זיינע נידעריקע אינסטינקטן.

אין דער סדרה פון דער פאַריקער וואָך האָט די תורה אָנגעשריבן, אַז ווען דו וועסט אַרויס גיין אין מלחמה, קעגן דיינע פיינד זאָלסטו דיך נישט שרעקן; אויך דאָרט זענען געמיינט, די פאַרשיידענע תאוות און ליידנשאַפטן. ווען דו וועסט זיי וועלן באַקעמפן, זאָלסטו דיך נישט שרעקן. די תורה האָט דאָרט אָנגעוויזן, אַז דער כהן, דער גייסטיקער פירער דאַרף אָנווייזן יעדן מענטש, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירן אין דעם קאַמף. דאָס ערשטע, וואָס מען דאַרף וויסן איז, אַז די מלחמה איז אַ מלחמת הרשות; דער מענטש איז פריי; ער קען די מלחמה יאָ אויפנעמען, אָדער נישט אויפנעמען; ער איז ניט גע־צווינגען צו איר; ער האָט די בחירה. דאַן מוז ער וויסן, אַז כי תצא למלחמה; קוים גייט אַ מענטש נאָר אַרויס אין דער מלחמה, איז: ונתנו ד׳ אלקיך בידיך; וועט ג־ט דעם שונא, די ליידנשאַפט, דיר איבערגעבן, אין דיינע

הענט. דו דאַרפסט נאָר אויפנעמען דעם קאַמף; דער זיג איז געזיכערט; אַזוי איז דער מענטש געשאַפן, אַז ער איז בכח צו באַקעמפן יעדע לײַדנשאַפט.

באַקעמפן די לײַדנשאַפט איז אָבער נאָך ווייניק. באַקעמפן אַ לײַדנשאַפט מיינט: זי, מאָמענטאַן צו אונטערדריקן. אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, זי צו באַזיגן און צו באַהערשן. דער פסוק זאָגט: מי יעלה בהר ד׳ ומי יקום במקום קדשו; ווער קען אַרויפגיין אויף ג־ט׳ס באַרג און ווער קען בלײַבן שטיין אויף דעם הייליקן פּלאַץ? געוויס איז אַ גרויסע זאַך, אַרויפצושטייגן אויף ג־ט׳ס באַרג, אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָס גאַנצע. דער עיקר איז, אַז מען זאָל בלײַבן דאָרט. דערויף גיט די תורה אַן עצה: ושבית שביו; דו זאָלסט פאַנגען זײַן געפאַנגענעם; ווען דער מענטש באַקעמפט זײַן נייגונג, זאָל ער זיך פאַרטראַכטן אין דעם אופן, ווי אַזוי ער ווערט באַהערשט פון זײַן נייגונג; ער זאָל זיך אָפּגעבן אַ חשבון, איבער די מיטל, מיט וועלכע דער מענטשלעכער אינסטינקט באַדינט זיך, בדי אים צופירן די לײַדנשאַפטן; זאָל ער דאַן דעם זעלבן מיטל אָנווענדן, כדי צו באַקעמפן זײַנע נייגונגען.

זייער דייטלעך דערקלערט דעם ענין דער חובת הלבבות. ער דערציילט, אַז מען האָט אַ מאָל געפרעגט אַ גרויסן חסיד, אַ פרומען מאַן, ער זאָל אים זאָגן, ווי אַזוי מען דאַרף דינען ג־ט, ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַן אופן, דאַרף אַ מענטש טאָן גוטע מעשים? דער חסיד האָט געענטפערט; דעם אופן, דאַרף מען ניט לערנען. יעדער

ווייסט אים אליין ביי זיך. יעדער מענטש דארף זיך בלויז פארטראכטן אין זיך, און זיך אפגעבן א חשבון, מיט וואס פאר א ליידנשאפט, מיט וואס פאר א שטרעבונג, מיט וואס פאר א תאווה און לעבעדיקייט, ער גייט צו, צו זיין קערפערלעכן פארלאנג; מיט וואס פאר א ווילן, ער פירט אוים אן עבירה; וואס פאר א פארגעניגן ער האט ביים נאכגעבן זיך זיינע א ליידנשאפט; זאל ער דאן די זעלביקע תאווה, דאס זעלבע שטרעבן און דאס זעלביקע פארגעניגן, אנווענדן ביים טאן א גייסטיקע, אידעאלע טעטיקייט. אויב ער וועט אזוי טאן, דאן איז ער אויף דעם ריכטיקן וועג, פון אמתער, אידעאלער האנדלונג. ליידער ווי הויך א מענטש זאל נים שטייגן, אויף דער רוחניתדיקער מדרגה, קען ער זיך קיין מאל נים בארימען, אז ער האט ביים טאן פון א גוטער טאט, פונקט אזא התלהבות, פונקט אזא ברען און הנאה, ווי ער האט דאס, ביים אויספירן זיין פיזישן פארלאנג, אדער ביים אפטאן פון אן עבירה.

וויל דער מענטש בלייבן אויף א הויכער גייסטיקער מדרגה, מוז ער קודם כל פאנגען די מיטל, די כלי זין, מיט וועלכע דער מענטשלעכער אינסטינקט באדינט זיך, ביים אויספירן זיינע נייגונגען; זאל דער מענטש דאן די זעלבע מיטל אנווענדן אין זיין גייסטיקן לעבן, דאמאלס וועט ער וויסן, אז ער געפינט זיך אויף א הויכער גייסטיקער מדרגה.

אונדזערע חכמי המוסר זענען געגאנגען נאך ווייטער.

זיי האָבן אין די פּסוקים פון דער היינטיקער סדרה גע־פינען אַן אַנדייט, אויף דעם, וואָס עס זענען די מיטל, מיט וועלכע דער מענטשלעכער אינסטינקט באַדינט זיך, ביים פאַנגען זיין קרבן, אָפּצוטאָן שלעכטע מעשים. קודם כל איז דאָס, דער: וראית בשביה אשת יפה תואר; צו ערשט פאַנגט דער אינסטינקט, מיט דער דרויסנדיקער שיינקייט. אויסערלעכע שיינקייט, איז די הויפּט פאַרפירערישע זאַך, וואָס ברענגט דעם מענטש צו אָפּטאָן די ערגסטע מעשים; דער מענטש ווערט באַצויבערט פון דעם דרויסנדיקן גלאַנץ און פאַלט אריין. ווייל אַ מענטש שטייגן גייסטיק, דאַרף ער זען, אַז די גוטע, איידעלע זאַכן, זאָלן אויך האָבן שיינקייט און דרויסנדיקן גלאַנץ. זאָל ער זיינע אידעאַלן אויך איינהילן אין עסטעטיק און פּראַכט. ליידער ווייסן מענטשן צו באַשיינען זייער פיזישן לעבן; אין דער עס־טעטישער זייט פון זייער פיזישן לעבן, לייגן מענטשן אַריין ראשו ורובו; דער גאַנצער לוקסוס קומט פון דעם שטרעבן פונעם מענטש צו פאַרשענערן זיין גשמיותדיקן לעבן. קוים אָבער קומט עס צום גייסטיקן לעבן, דאָרט דאָרט באַגניגט זיך דער מענטש מיט דער טאָט אַליין; ער דענקט אפילו ניט פון צו געבן צו דער אויספירונג פון אַן אידעע, אויך אַ ביסל שיינקייט, פּראַכט און אַ ביסל גלאַנץ.

אַ צווייט מיטל פון אינסטינקט איז, אַז אַזוי ווי אַ מענטש ווערט באַהערשט פון אַ ליידנשאַפט, טראַכט ער באַלד זיך נאָכצוגעבן די תאווה און נישט אָפּצולייגן די

אויספירונג. דער פסוק זאָגט דערפאַר: וחשקת בה ולקחת לך; אַזוי ווי דער מענטש האָט נאָר דעם חשק, אַזוי טוט ער עס באַלד. ער לייגט ניט איבער; ער איבערקלערט זיך ניט. דער מענטש דאַרף דאָס מיטל אָנווענדן ביי זיינע רוחניותדיקע, גייסטיקע טעטיקייטן; זאָל ער דאָרט אויך אַזוי טאָן; געפעלט אים אַן אידעע, זאָל ער ניט וואַרטן; זאָל ער ניט איבערלייגן, נאָר ער זאָל באַלד אויספירן די גוטע טאַט.

ליידער איז עס ניט אַזוי אין דעם מענטשלעכן לעבן. ווען עס קומט צו אַ גוטער טאַט, באַקלערט ער זיך און האָט תמיד צייט; ער לייגט אָפּ אויף שפּעטער. דער גרויסער נביא ישעיה באַקלאָגט דעם נידעריקן, מאָראַלישן מצב פון ירושלים, ער זאָגט: צדק ילין בה ועתה מרצחים; גערעכטיקייט האָט געהערשט אין דער שטאָט און אַצינד זענען זיי רויבער. איינער פון אונדזערע אַלטע דענקער האָט דעם פסוק געטייטשט זייער אינטערעסאַנט. דער נביא — האָט ער געזאָגט — האָט דאָ געמיינט נאָך אַ פּסיכאָלאָגישן, נעגאַטיוון כאַראַקטערשטריך. „צדק ילין בה" מיינט, ווען עס האַנדלט זיך אין צדק, אין גערעכטיקייט, דאַמאָלס איז „ילין בה", לאָזט מען עס איבערנעכטיקן; מען האָט צייט. אָבער, ועתה מרצחים"; ווען עס האַנדלט אין מרצחים, אין רויב, איז אויסצופירן אַ ליידנשאַפט, איז ועתה; טוט מען דאָס אָפּ שוין תיכף ומיד; מען וואַרט גאָר ניט; מען האָט יעט קיין צייט.

אין שריפט און וואָרט

דער מוסר השכל פון דער פאַרטראַכטונג ברענגט דעם מענטש דערצו, ער זאָל איינזען, אַז טראָץ דעם וואָס ער איז אַ קאָמבינאַציע פון קערפּער און גייסט, באַהאַנדלט ער זיין קערפּער תמיד בעסער און מיט מער אויפמערקזאַמקייט.

ת ב א

והיה כי תבוא אל הארץ; און עס וועט זיין, אז דו וועסט קומען אין דיין לאַנד און דו וועסט דיך דאָרט באַזעצן. חז״ל זאָגן: אין והיה אלא לשון שמחה; דער וואָרט „והיה״ מיינט פרייד. די תורה וויל דאָ באַטאָנען. אז יעדער ייד זאָל וויסן, אז עס איז פאַר אים נישטאָ קיין שום פרייד, וואָס זאָל זיין אַזוי גרויס, ווי די פרייד פון באַזעצן זיך אין זיין אייגענעם לאַנד. די אמתע פולע פרייד פאַר אַ ייד, איז נאָר דאַמאָלס, ווען ער קומט אַהיים און לעבט אין זיין אייגן לאַנד. אויף דער פרעמדער וועלט, איז פאַר דעם ייד נישטאָ, מיט וואָס זיך צו פרייען. זיין פרייד קען נאָר זיין אויף זיין אייגענעם באָדן.

די פסוקים פון דער היינטיקער סדרה, מאלן אַ וואונדער שיין בילד פון דעם גליקלעכן לעבן, וואָס אַ ייד האָט, בשעת ער זיצט אויף זיין אייגן לאַנד. ער האָט זיין אייגן ברויט; אויסער ג־ט האָט ער איבער זיך קיין שום בעל הבית נישט. פון זיין שפע גיט ער, ווען ער דאַרף צו געבן, לויט דעם באַפעל פון ג־ט. ער גיט דעם אָרעמאַן,

דעם גר, דעם לוי, דעם יתום און דער אלמנה און באַ־
דאַנקט זיך פאַר זיין גליק, פאַר זיין פרייד און פאַר זיין
פרייהייט, בלויז ביים רבונו של עולם.

זיין דאַנק צום רבונו של עולם, האָט דער ייד אויס־
געדריקט מיט דעם, וואָס ער האָט פון יאָר צו יאָר גע־
ברענגט ביכורים; די ערשט צייטיקע פרוכט פון זיינע
פעלדער, אין בית המקדש אריין. דאָס ברענגען פון די
ביכורים, איז יעדעם יאָר געווען פאַרבונדן מיט גאָר גרוי־
סע פייערלעכקייטן. בעיקר האָט געשפילט אַ ראָלע די
דעקלאַראַציע, וואָס יעדער ייד האָט געמוזט מיט אַ הויך־
כער שטימע אָפּגעבן אין בית המקדש אין דאָס דווקא
אין לשון הקודש.

די דעקלאַראַציע האָט יעדער ייד געמוזט אָפּגעבן פאַר
דעם כהן. יעדער ייד האָט געמוזט זאָגן, אַז ארמי אובד
אבי; לבן הארמי האָט געוואָלט פאַרניכטן מיין פאָטער;
און דאַן איז ער געגאַנגען קיין מצרים; די גאַנצע געשיכ־
טע, ביז יידן זענען געקומען אהיים, אין זייער לאַנד.

אויף דעם פסוק: ארמי אובד אבי, האָט זיך אויך גע־
שטיצ'ט דער בעל הגדה און געזאָגט: צא ולמד מה בקש
לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו; גיי אַרויס און לערן,
וואָס לבן האָט געוואָלט טאָן צו אונדזער פאָטער יעקב.
פרעה האָט בלויז געוואָלט אומברענגען די יידישע זכרים,
אָבער לבן האָט געוואָלט פאַרניכטן אונדז אין גאַנצן.

נישט איין מאָל קומט אונדז אויס זייער מאָדנע דער
אורטייל, פון דעם תנא. מיר פאַרשטייען נישט: ווי קומט

דאָס, וואָס דער תנא האָט אַזוי שווער פאַראורטיילט לבן הארמי? — לבן זאָגט ער — איז געווען פיל ערגער פון פרעהן; לבן בקש לעקור את הכל; לבן האָט געוואָלט פאַרניכטן אַלע יידן. מיט וואָס? מיר ווייסן דאָך, אַז פרעה האָט באַפוילן אַריינצוּוואַרפן יידישע קינדער אין טייך אַריין; פרעה האָט די יידן פאַרשקלאַפט און זיי געלאָזט אַרבעטן עבודת פרך; יידן האָבן נעבעך געקרעכצט און געזיפצט אויף דער שווערער אַרבעט. צום סוף קומט גאָר אוים. לויט דעם תנא, אַז פרעה איז גאָר געווען דער גוטער?

וואָס האָט לבן געטאָן שלעכטס? אמת! די תורה דער־ציילט, אַז לבן איז געווען אַ שווינדלער; ער האָט יעקבן אָפּגענאַרט; געגעבן אים לאהן אַנשטאָט רחלן; יעקב האָט נעבעך געמוזט אַרבעטן אויפסניי זיבן יאָר; דאַן האָט ער אים אַ סך מאָל באַשווינדלט, ביים לוין, וואָס ער האָט אים געצאָלט. אָבער דאָס גיט באין אופן ניט קיין רעכט צו זאָגן, אַז ער איז געווען ערגער פון פרעהן. לבן האָט חלילה קיינעם נישט געהרגעט; פאַרקערט, אויף לבנס ערד איז יעקב געקומען צו זיך. אַ פאַרשטויסענער, אַ באַ־רויבטער און אַ דערשראָקענער איז יעקב געקומען צו לבן, מיט ליידיקע הענט. דאָרט ביי לבן האָט ער געפינען אַ היים און געמאַכט אַ פאַרמעגן. חתונה געהאַט מיט לבנס טעכטער, און אַזוי ווייטער. זאָל זיין, אַז לבן האָט יעקבן אָפּגענאַרט אָבער אונטער לבנס דאַך זענען געשטאַנען די וויגעלעך פון די בני ישראל, פון יעקבס קינדער. מיט

וואָס פאַר אַ רעכט זאָגן מיר דאָס, אַז לבן איז געווען ערגער פון אַ פרעה?

דער רמב"ם ערקלערט דעם ענין זייער דייטלעך אין איינעם פון זיינע בריוו. דער רמב"ם ברענגט דעם פסוק, וואו דער נביא זאָגט: כל כלי יוצר עליך לא יצלח וכל לשון תקום אתך למשפט תרשיעי; יעדעם געצייג, וואָס וועט אין פאַרשידענע צייטן געשאַפן ווערן קעגן דיר, וועט ניט מצליח זיין; יעדע צונג, וואָס וועט זיך שטעלן צו משפט מיט דיר, וועסטו שולדיק מאַכן (ישעיה נ"ד י"ז) דער פסוק איז אומפאַרשטענדלעך. וואָס האָט דער נביא געמיינט מיט דעם כלי יוצר און מיט דעם לשון תקום למשפט?

דער רמב"ם שרייבט, אַז דער נביא האָט דאָ אָנגעוויזן, אויף צוויי מיני שונאים פון דעם יידישן פאָלק. אויף צוויי פאַרשיידענע אופנים — זאָגט דער רמב"ם — ווילן פעלקער פון דער וועלט פאַרניכטן די יידן. איין טייל שונאים שטייט תמיד, מיט כלי זין, מיט אַ בלאַנקער שווערד, כדי יידן אויסצוקוילענען. זיי זענען דאָס די רעפּרעזענטאַנטן פון להשמיד להרוג ולאבד; פון רויבן, מאָרדן און פאַרניכטן. אַ צווייטער טייל איז דער זעלבער שונא, ווי דער ערשטער; אָבער ער קומט מיט אַן אַנדער מיטל; ער קומט מיט דיסקוסיעס, מיט טעאָריעס און מיט ווייכע רייד; ער וויל בלויז אויפקלערן דעם ייד, אַז עס איז נאַריש זיך צו האַלטן אין עפּעס אַ יידישקייט וואָס איז אומקולטורעל און האָט ניט מער קיין עקזיסטענץ

באַרעכטיקונג און אַז עס איז די העכסטע צייט יידן זאָלן זיך אַסימילירן און זיין בכלל הגויים.

ביידע מינים שונאים זענען זייער געפערלעך פאַר דעם ייד. דער שונא אָבער פון דעם צווייטן מין, איז פאַר דעם קיום האומה מער געפערלעך, ווי דער שונא פון דעם ערשטן מין. הרגענען, רויבן, און מאָרדן קען מען ניט, יעדע מינוט און ניט אפילו יעדן טאָג, אָדער אפילו יעדן מאָנאַט. דאַקעגן די אַסימילאַציע־אַרבעט, קען אָנ־גיין כסדר אומאונטערבראָכן, ביי טאָג און ביי נאַכט.

דער יידישער נביא זאָגט צו דעם ייד, אַז ער זאָל דאָך קיין מורא נישט האָבן, ווייל קיין שום כלי זין וועט דעם ייד ניט אָפּמעקן פון דער וועלט; און גלייכצייטיק קיין שום שפּראַך, קיין שום איינרעדעניש וועט דעם ייד אין גאַנצן נישט אַראָפּ פירן פון זיין יידישקייט. די יידי־שע אומה איז אייביק; ניט דער מערדער און ניט דער פרעדיקער וועט די יידן פאַרניכטן.

דאָס זענען ווערטער, וואָס דער רמב״ם האָט געזאָגט אין נאָמען פון יידישן נביא.

די ווערטער זענען אייביק אמת. יידן האָבן אין זייער לאַנגן צוויי טויזנט יעריקן גלות, זיך באַגעגנט מיט צוויי־ערליי מיני פעלקער. יידן פאַרטריבענע, דערשראָקענע, האָבן זיך באַזעצט אין געוויסע לענדער, אויף וועלכע עס האָט זייט יאָרן לאַנג געוואוינט די איינהיימישע באַפעל־קערונג. זי האָט מיט קנאה געקוקט אויף דעם ייד און נאָר געוואָלט אים הרגענען און אים פאַרניכטן. אין אַזעלכע

לענדער האָט דער ייד נעבעך כסדר געהאַט פּאָגראָמען און שחיטות.

יידן פאַרלאָזן נעבעך די דאָזיקע לענדער און קומען אין מער פאָרגעשריטענע מקומות, מער ליבעראַלע, מער קולטורעלע. אָבער דאָרט באַגעגענען זיי זיך מיט מענטשן, וואָס האַלטן אין איין באַדינען זיך מיט זייער שפּראַך, מיט זייער לשון, אַז עס איז נאַריש זיך צו האַלטן אין אַ באַזונדערן לעבנסשטייגער; אַז מען דאַרף לעבן ככל הגויים. מען דאַרף אויפגעבן יידישקייט.

פאַר דער יידישער אומה, פאַר איר קיום און איר המשך, איז דער שונא פון דעם צווייטן מין געפערלעכער, ווי דער שונא פון דעם ערשטן מין. וואָלטן יידן נישט גע־ווען געהאַט, אין משך פון טויזנטער יאָרן, קיין געטאָס, קיין עפנטלעכע שנאות און אַרויסשטויסונגען, וואָלטן זיי דאָך ניט געווען געשמידט זייער גייסט, אויף צו קענען אויסהאַלטן אין די פרייע לענדער. די פרייע לענדער וואָלטן זיי דאָן שוין לאַנג געווען אַזוי אַסימילירט, אַז עס וואָלט קיין זכר פון קיין ייד ניט געווען. דער אַסימילאַ־ציאָנס שטראָם איז געפערלעכער פאַר דעם ייד, ווי שחי־טות; פון שחיטות קען מען זיך רעטען, מען אַנטלויפט, מען באַהאַלט זיך; פון אַסימילאַציע קען מען ניט אַנט־לויפן און מען קען זיך ניט באַהאַלטן.

לבן איז געווען דער ערשטער שונא פון דעם מין. פאַרקערט, ער האָט יעקבן געגעבן אַלע מעגלעכקייטן פון לעבן; נאָר איין זאַך האָט ער פאַרלאַנגט: הבנים בני

והבנות בנותי; דיינע זין זענען מיינע. און דיינע טעכטער זענען מיינע. דאָס הייסט: בקש לעקור את הכל, ער האָט געוואָלט אונטערברענגען די גאַנצע אומה; אַסימילירן זי, אַז זי זאָל אין גאַנצן אויפהערן צו עקזיסטירן.

מיט רעכט זאָגט די תורה: ווען יידן וועלן קומען אין זייער אייגן לאַנד אריין, זאָלן זיי ביים ברענגען ביכורים פון זייערע אייגענע פעלדער, דערמאָנען אַלע ביידע מיני גלותן. זיי זאָלן קודם דערמאָנען דעם געפערלעכסטן, דעם לבן־גלות; דעם גלות, וואָס דער שונא גיט אפילו זיינע טעכטער פאַר ווייבער, און גיט מעגלעכקייט פאַר מאַכן פאַרמעגנס. אָבער בעיקר מיינט ער, כדי מיט דעם צו אַסימילירן דעם ייד, ער זאָל אין גאַנצן אויפהערן צו עק־זיסטירן. דאַן זאָל דער ייד אויך דערמאָנען דעם שונא, וואָס מאָרדעט און שלאָגט און רויבט: ער זאָל דאַנקען ג־ט, וואָס ער קען לעבן אין זיין אייגן לאַנד, ווייל נאָר דאָרט, האָט ער די זיכערקייט פאַר זיין קיום.

שבת סליחות

היינט 12 אַ זייגער ביינאַכט, ווען אַ פּשוט'ער בשר ודם איז פאַרזונקען אין שלאָף און טרוימט זיינע וואָכע־דיקע חלומות; ווען די, וואָס שלאָפן נישט, פאַרברענגען אין פאַרווייליונגס פּלעצער און מאַכן פון רעאַלן לעבן אַ פּוסטע חלום, דעמאָלט, קומען די קינדער פון ישראל, זיך צונויף אין די שולן און אין די בתי מדרשים — זיי זאָגן סליחות.

עס קומען יידן פרומע; עס קומען יידן נישט פרומע, נאָר זיי זענען נאָך געבונדן מיט יידישער טראַדיציע, מיט ערנסטע פּנימער און פילנדיקע הערצער, שטייען זיי און זיי זאָגן סליחות. און עס איז זייער וויכטיק דאָס, וואָס מען קומט צו סליחות. עס איז וויכטיק דערפאַר, ווייל סליחות איז אַ מאָמענט, אין וועלכן אַ יידישער יחיד לעבט איבער אַ שטימונג פון ערנסטקייט, אַ שטימונג פון דענ־קען און טראַכטן.

אין דעם מאָמענט פון סליחות, דערמאָנט זיך דער ייד, אַז ווידער ענדיקט זיך אַ יאָר. דאָס מיינט, אַז ער

האָט אָפּגעלעבט נאָך אַ יאָר און עס איז אים געבליבן מיט אַ יאָר ווייניקער צו לעבן. גרעסער איז געוואָרן די פאַרגאַנגענהייט און קלענער איז געוואָרן די צוקונפט. דער ייִד, וואָס רעדט זיך איין אַ גאַנץ יאָר, אַז ער איז אַ גאַנצער מושל בכיפה, דערזעט מיט אַמאָל זיין נישטיקייט און זיין קליינלעכקייט, אין פאַרהעלטניש, צום סוד, צום געהיימניש פונעם דאַזיין און צום תכלית פון וועלט און מענטש. פון אַזאַ טראַכטן, קומט מען צו נאָך אַ גרעסערן חשבון. פון איין זייט, איז דער מענטש מיט זיין שכל, ביכולת צו קאָנטראָלירן די נאַטור און זי אויסצונוצן, לויט זיין באַגער; פון איין זייט, קען דער מענטש בויען און פאַרניכטן; ער קען שאַפן און צושטערן; ער שפּאַנט איבער דעם ים און פליט אין דער לופט. דאָס אַלעס פאַר־פירט אים צו דענקען, אַז ער איז אַ כל יכול. פון אַ צווייטער זייט, דערבליקט ער פּתאום, אַז זיין גאַנצע חכמה און זיין גאַנצע גבורה איז אַ קליין טיילעכל, כמעט אַ גאָר נישט, פון דעם באַשאַף און אַז אַלע זיינע חכמות און זיינע גבורות, קענען קיין מאָל נישט זיין: נישט קיין תכלית און נישט קיין ציל פון זיין עקזיסטענץ. אָט דער העכערער חשבון, ברענגט דעם דענקנדיקן מענטש צו דער איבערצייגונג, אַז נאָך אַלע די גרויסע אויפטואונגען פון דער מאָדערנער צייט, שטייט די מענטשהייט אַלץ, וואָס אַמאָל ווייטער פון ציל און תכלית פון לעבן. דער מענטש קען היינט צעטיילן עלעמענטן אין אַטאָמען: ער קען די אַטאָמען אויך צוריק פאַראייניקן אין פאַרשיידענע

פאַרמען. אָבער, וואָס איז דער כח, וואָס האַלט אויף די אַטאָמען? וואָס איז דער סוד פון דעם באַשאַף? דאָס ווייסט קיינער נישט. דער מענטש קען גיין טוויזנטער יאָר אויף צוריק און דערקלערן די אַנטוויקלונג פון פאַרשיידענע געשעענישן. אָבער פון וואַנעט האָט זיך גענומען דאָס ערשטע געשעעניש, דאָס ערשטע פינטעלע לעבן, דאָס בלייבט אַ געהיימניש, אַ מיסטעריע, וואָס קיין מאָל וועט דאָס קיינער, מיט מענטשלעכן שכל, נישט קענען אויפ־קלערן. דער מענטש קען אויך פאָרויס באַשטימען, אַז אַזאַ, אָדער אַזאַ געשעעניש וועט פאָרקומען. אָבער צו וואָס? צוליב וואָס פאַר צוועק און צוליב וואָס פאַר אַ ציל, דאָס אַלעס געשעט, דאָס ווייסט קיינער נישט און דאָס, קען מען מיט קיין שכל נישט דערקלערן.

אָט אַזעלכע געדאַנקען און חשבונות, אַנטשטייען אין די מוחות פון יידן, וועלכע שטייען ביי סליחות אין מיטן נאַכט. דער מענטש דערזעט זיך אין זיין נאַקעטקייט. ער דערזעט ווי צייט לויפט. נאַריש איז די איינרעדעניש, אַז ער איז אַ מושל. מישטיינס געזאָגט; אַ ממשלה, וואָס פירט צום קבר, דערפאַר מוז ער אָנערקענען, אַז עס איז דאָ אַן אמתער גרויסער מושל, וועלכער ווייסט אי דעם אָנהויב און אי דעם תכלית פון דעם באַשאַף. אויב אַזוי, האָט מען דאָך עפּעס געוויסע פליכטן פאַר דעם גרויסן מושל; מוז מען במילא אַריינטראַכטן, וועגן דעם פאַרהעל־טעניש פון דעם מענטש צו דעם העכסטן מושל פון דער וועלט.

ווען עס קומט צו דעם פאַרהעלטניש פון דעם מענטש צו דעם גרויסן מושל פון דער וועלט, דאַמאָלט קומט ווי־דער, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, אַרויף דער געדאַנק, וועגן דעם לויף פון דער צייט און וועגן דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס פאַרשווינדעט מיט יעדן יאָר. עס עגבערט פון דאָס ניי, די אַלטע אייביקע פראַגע: וואָס איז לעבן און וואָס איז דער צוועק און תכלית פון לעבן? מענטשן, זענען כסדר טאָג און נאַכט באַשעפטיקט מיט דעם פאַר־שאַפן זיך וואָס מער באַקוועמלעכקייטן אין לעבן. אָבער, צו לעבן מיר אין גאַנצן בלויז צוליב דעם, כדי צו האָבן באַקוועמלעכקייטן? זענען באַקוועמלעכקייטן טאַקע דער ציל און דער תכלית פון לעבן? מאָדערנע דענקער (דווקא גאָר ניט יידישע) זענען היינט אין דער מיינונג, אז לעבן שטייט אפשר אין קאָנטראַסט צו באַקוועמלעכקייט. לע־בן איז נישט קיין שפּיל, קיין געזאַנג און קיין טאַנץ. לעבן, איז ערנסטקייט; לעבן, איז גייסטיק און נשמה׳דיק.

די סליחות דערמאָנען אונדז אין דעם: מאין באת ולאן אתה הולך; אין דער געבירט פון אַ מענטש און אין דעם ענדע פון אַ מענטש. די תורה האָט אונדז אָנגע־שריבן: בעצבון תלדי בנים! אַ מענטשנקינד ווערט נישט געבוירן דורך באַקוועמלעכקייטן. די געבורט פון אַ קינד, איז נאָך היינט, דאָס אַממייסטן שמערצלעכע און אַמ־מייסטן אומבאַקוועמלעכסטע, אין לעבן פון דעם מענטש. אויך דאָס ענדע פון דעם מענטשלעכן לעבן, איז גאָר נישט באַקוועם און בכלל זייער נישט אָנגענעם. וואָס פאַר אַ

רעכט האָט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, צו מאַכן פֿון דער מיט, צווישן דער געבורט און דעם שטאַרבן, אַ שפּיל און אַ געלעכטער? די סליחות דערציילן אויך, אַז ווען דער מענטש ווערט געבוירן און קומט אַרויס אויף דער וועלט, קומט ער מיט אַ געוויין. דאָס ערשטע, וואָס אַ געבוירן קינד ברענגט מיט זיך, איז דאָס וויינען. דאַן, ווען אַ מענטש גייט אַוועק פֿון דער וועלט געשעעט עס אויך, בלויז דורך געוויין און נאָך וואָס פֿאַר אַ געוויין: אַ יאָמער און אַ ביטערקייט! ווי נאַריש און אומבאַרעכנט איז דאָס, אַז צווישן די צוויי געוויינען פֿון געבורט און טויט, זאָל מען אַריינשטעלן, מוזיק און דזשאַז טענץ ! עס פּאַסט זיך בכלל נישט אַריין, אין דעם רעמעל פֿון געבורט און אָפּשטאַרבן.

דע מאין באת ולאן אתה הולך. אונדזערע אַלטע מוסר ספרים משלן אָפּ דאָס מענטשלעכע לעבן, זיי פֿאַר־גלייכן עס צו אַ נסיעה, צו אַ רייזע, וואָס אַ מענטש מאַכט אַמאָל פֿון צייט צו צייט. ווען אַ מענטש מאַכט אַ נסיעה, אַ רייזע, פֿאַרלאָזט ער דעם פּלאַץ, אין וועלכן ער געפֿינט זיך און ער פֿאָרט צו אַ געוויסן פּלאַץ, וועלכן ער דאַרף צו דערגרייכן. געוויינלעך, פֿירט יעדע רייזע דורך בלומען־גערטנער און דורך שטעט. אַ רייזנדער, האַלט זיך טאַקע אויף אין די אַלע שיינע מקומות, דורך וועלכע ער פֿאָרט אַדורך. אָבער קיין איינציקער רייזענדער וועט נישט זיין אַזוי נאַריש, ער זאָל אין גאַנצן פֿאַרגעסן אין דעם, אַז ער פֿאָרט ערגעץ און אַז ער האָט עפּעס אַ ציל,

וואוהין ער דארף אנקומען. קיין איינציקער רייזנדער וועט נישט מאכן דעם טעות צו דענקען, אז ער וועט זיך בלויז קוויקן מיט די שיינע פלעצער, מיט די בלומען גערטנער און מיט די שטעט, אין וועלכע ער פארט דורך און פארגעסן אין גאנצן דעם תכלית פון זיין נסיעה. די אלע שיינע מקומות. זענען בלויז זייטיקע, צופעליקע ענינים, וואס האבן מיט דעם תכלית פון זיין נסיעה, גאר נישט צו טאן.

אויך דאס מענטשלעכע לעבן, איז נישט מער ווי א נסיעה, א רייזע. מען ווערט געבוירן. יארן לויפן. מיט דעם לויף פון די יארן, לויפט אויך דער מענטש. ער פארט וואס אמאל ווייטער און ער דערנענטערט זיך צום עדנ־פונקט פון זיין רייזע, צו דעם באשטימטן ארט, צו וועל־כן ער פארט און צילט. אויף דעם וועג, באגעגנט דער מענטש פארשיידענע באקוועמלעכקייטן, פארשיידענע פריידיקע מאמענטן, מאמענטן פון הנאה און דערקוויקונג. דער מענטש האלט זיך אויף, אין אזעלכע מאמענטן. ער קוויקט זיך, ער אונטערהאלט זיך, אבער קיין מענטש טאר נישט זיין אזוי נאריש און אין אזעלכע מאמענטן, גאר פארגעסן אין זיין גאנצער רייזע. ער טאר פאר איין מינוט נישט פארגעסן, אז די אלע דערקוויקענישן, זע־נען בלויז זייטיקע, צופעליקע ענינים, וואס האבן בכלל גאר נישט צו טאן מיט דעם תכלית און ציל פון זיין לע־בנס געלויף.

דע מאין ולאן אתה הולך. מיר טארן אבער פאר איין מינוט נישט מאכן קיין טעות און דענקן, אז די מחשבות

ווען די געבורט פון אַ מענטש און ווען דעם ענדע פון דעם מענטשלעכן לעבן, ברענגען חלילה צו פּעסי־מיזם, צו טרויעריקייט. פאַלש איז די מיינונג, אַז די גע־געדאַנקען פון: מאין באת און לאן אתה הולך, ברענגען טרויער פאַר אַ ייד. חלילה! פונקט פאַרקערט. אין דער חסידישער וועלט איז באַקאַנט אַן עפּיזאָד, וואָס איז פאָר־געקומען ביים רבין ר׳ ברוכ׳ל פון מעזשיבוזש און זיין משמש הירש׳ל אוסטראָפּאָליער. דער רבי ר׳ ברוכ׳ל, איז געווען פון זיין נאַטור, אַן ערנסטער, טרויעריקער כאַ־ראַקטער. ער האָט אין זיין לעבן אַליין, כמעט קיין מאָל נישט קיין שמייכל געטאָן. הירש׳ל האָט פון צייט צו צייט געמוזט דעם רבי׳ן אויפהייטערן און אים אַ ביסל אויפ־מונטערן צו פריילעכקייט, און חדווה. איין מאָל, אין ראש השנה, האָט דער רבי געדאַוונט פאַר דעם עמוד. קומענ־דיק צו דעם פּיוט. אדם יסודו מעפר וסופו לעפר; דער מענטש קומט פון ערד און גייט צו ערד, האָט זיך דער רבי זייער צעוויינט. הירש׳ל, זעענדיק, אַז דאָס נעמט קיין סוף, דער רבי קען זיך גאָר ניט איינשטילן, איז ער צוגע־גאַנגען צום רבין און געזאָגט צו אים בזה הלשון: איך פאַרשטיי גאָר ניט וואָס דער רבי האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרפּליכעט, ביי דעם: אדם יסודו מעפר וסופו מעפר. וואָס איז דאָ פאַראַן צו וויינען? מילא, ווען עס זאָל דאָ געווען שטיין אָנגעשריבן, אַז: אדם יסודו מזהב וסופו לעפר; אַז דער מענטש קומט פון גאָלד און גייט אין דער ערד, דאַן וואָלט געווען, וואָס צו וויינען, אַ קליינקייט! ער

קומט פון גאָלד און גייט נעבעך אין דער ערד אַריין. ווען עס שטייט: יסודו מעפר וסופו לעפר; דער מענטש קומט פון דער ערד און גייט צו דער ערד, איז דאָך אַ גלייכער חשבון. ער קומט פון דאָרט און גייט צוריק אַהין פון וואַנעט ער איז געקומען. וואָס איז דאָ צו וויינען? מען קומט פון דער ערד און מען גייט צו דער ערד און אין דער מיט, כאַפּט מען אַ לחיים און אַ מצוה; מען לערנט, מען דאַוונט, מען דערוויקט זיך מיט מעשים טובים. אויף דעם זאָל מען גאָר וויינען?

דער: מאין באת ולאן אתה הולך ברענגט דערפאַר נישט קיין פּעסימיזם אין לעבן נאָר דווקא דעם גרעסטן אָפּטימיזם. אונדזער חשבון, איז גאָר אַן אַנדערער. מיר קומען צו גאָר אַנדערע מסקנות. אַ בשר ודם, קומט פון שטויב און פאַרגייט אין שטויב. טראָץ דעם אַלעם, טראָץ די נישטיקייט פון זיין קומען און טראָץ דער עלנטקייט פון זיין פאַרגיין, קען דער מענטש, אין דער מיט, דער־גרייכן די העכסטע מדרגות פון ווערטפולקייט און דער־האבנקייט. דער בשר ודם, דער נישטיקער מענטש, קען דורך תורה, מעשים טובים, זיך דערהויבן ביז צו ג־טלעכ־קייט, ביז צו תכלית פון וועלט און מענטש. אויב אַזוי, איז טאַקע אַ מענטשלעך לעבן יאָ ווערט געלעבט צו ווערן.

היינט ביינאַכט, ווען מיר אַלע שטייען ערנסט ביי די סליחות, לאָמיר מאַכן אַ חשבון פון דעם תכליתדיקן לע־בן; לאָמיר אַלע קומען צו דער אמת׳ער מסקנא, אַז יעדער

מענטש איז בכח צו האָבן אַן עכטן תענוג, אַן עכטע פרייד און אַן עכטן נחת רוח, ביים הערן אַ געשמאַקן שיעור אין תורה און חכמת ישראל, יעדער ייד האָט אַ געפיל פון גליקזעליקייט, ווען ער טוט מעשים טובים פאַר כלל ישראל און מדינת ישראל און דאָס איז דער יידישער תכלית פון לעבן.

טייערע יידן פון מעקסיקע ! איך ווינטש אייך אַ כתיבה וחתימה טובה, מיט אַלעם גוטן.

ראש-השנה

ווי באַקאַנט פאַרמאָגן מיר פינף יידישע ימים טובים: פּסח, שבועות, סוכות, ראש-השנה און יום-כיפּור. די פינף יידישע ימים טובים, רעפּרעזענטירן פינף פאַרשיידענע הויכע אידעאַלן, וועלכע הערשן און באַהערשן דאָס גייס־טיקע מענטשלעכע לעבן. אָן די אידעאַלן, וואָלט אַ מענטשלעכע לעבן געווען אוממענטשלעך. פּסח, סימבאָ־ליזירט פרייהייט. שבועות, געזעץ. סוכות, — סאָציאַלע פליכטן. ראש השנה, —וועלטס געריכט, יום הדין. יום כיפּור, — חרטה און געוויסנבאַקענטעניש.

אָן אַלטע, יידישע לעגענדע דערציילט: איין מאָל זע־נען זיך די פינף ימים טובים צוזאַמענגעקומען ביי איין טיש און זיך אויסגעטענה'ט צווישן זיך: ווער פון זיי, עס דאַרף פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ, וועמען פון זיי, עס קו'מט די בכורה און ווי אַזוי, עס דאַרף אָנגיין זייער ריי, לויט זייערע וויכטיקייטן. אין אַנדערע ווערטער: ווער פון זיי, האָט דעם וויכטיקערן איינפלוס, אויף דעם גייסטיקן לעבן פון אַ מענטש. פּסח האָט באַהויפּטעט, אַז

ער איז דער וויכטיקסטער. ער איז דער זמן חירותנו. ער רעפּרעזענטירט די פרייהייט. אָן פרייהייט, איז בכלל קיין לעבן נישטאָ. ער פאַרטיידיקט מענטשן-ווירדע. אין שקלאַפעריי, איז דער מענטש קיין מענטש נישט. ער איז דערנידעריקט און פאַרשמאַכט. שבועות האָט געזאָגט, אַז ער איז וויכטיקער, ווייל פרייהייט אַליין, אָן געזעץ איז גאָר נישט ווערט. פרייהייט אָן געזעץ, מיינט הפקירות און ברענגט חורבן דער מענטשהייט און דער וועלט. סוכות האָט אויפגעוויזן, אַז די הויפּטראָלע, אין דעם מענטשלעכן לעבן, איז ברודער-ליבע און ריכטיקע סאָציאַלע פאַרהעלטנישן. די סוכה, גלייכט אוים די מענטשהייט און פאַראייניקט זי. אָן סאָציאַלן לעבן, איז קיין מענטשלעכקייט נישטאָ. ראש-השנה האָט אַרגומענטירט אַז פרייהייט, געזעץ און מענטשן ליבע, זענען בלויז אַבסטראַקטע באַגריפן, וועלכע שוועבן אין דער לופט. מענטשן מוזן האָבן אמונה אין דעם גערעכטן ג-ט. מענטשן מוזן גלייבן, אַז זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם יום הדין; אַז זיי ווערן געצווינגן צו פאַראַנטוואָרטונג פאַר זייערע מעשים און אַז עס איז פאַראַן שטראָף און באַלוינונג. אָן דער אמונה, זענען די אַבסטראַקטע אידעאַלן פון פרייהייט און געזעץ נישט דורכפירבאַר אין דעם לעבן און קענען קיין קיום נישט האָבן. צו לעצט, האָט יום כיפּור אָוועקגעלייגט זיין באַהויפּטונג, אַז ער איז דער וויכטיקסטער אין דעם מענטשנס לעבן, ווייל דאָס וויכטיקסטע איז, אַז דער מענטש זאָל אַליין באַדויערן זיינע

שלעכטע מעשים, איינזען זיין פאלשן וועג אין לעבן. דער עיקר איז: דער מענטש אליין, זאל חרטה האבן און זיך באקענען צו זיינע חטאים ועוונות און בעטן מחילה וסליחה.

נאך א לאנגער שקלא וטריא, האבן זיך ענדלעך אלע פאראייניקט, אז אלץ, אלץ: פרייהייט, געזעץ, מענטש־לעכע חרטה און געוויסנסביסע, אויך סאציאל לעבן, איז נאר דאמאלט מעגלעך, ווען דער מענטש גלייבט אין א יום הדין; ווען ער גלייבט, אז: היום יכתב בספר הזכרו־נות, אז אלע זיינע מעשים ווערן פאר שריבן; ווען ער גלויבט, אז יאר־יערלעך אין דעם יום הדין, שטייט יעדער כלל פאר א גערעכטן משפט; ווען ער גלויבט, אז פאר דעם גערעכטן משפט, ווערן פארגעלעזן אלע מעשים, וואס ווערן אפגעטאן אויף דער וועלט; אלע שלעכטיקייטן און אלע גוטקייטן. ראש־השנה דערמאנט, אז עס איז פא־ראן א ג־טלעך אויג, וואס זעט אלץ און עס איז פאראן א ג־טלעך בוך, וואס פארשרייבט אלץ. אויף דעם סמך פון דעם ספר הזכרונות ווערט באשטימט דער גורל, אזוי פון דעם יחיד, ווי פון דעם כלל. נאר דער גלויבן אין אזא יום הדין און אין אזא ספר הזכרונות, קען קערעווען דעם גאנג פון דער מענטשהייט.

היום יכתב בספר הזכרונות; אין יום הדין, ווערט אלס פארשריבן אין דעם הימלישן ספר הזכרונות. דאס איז דאס וויכטיקסטע, וואס דעצידירט אין דעם לעבן פון א מענטש און פון א כלל. אן דעם גלויבן, איז יעדער יחיד

פעיק אָפּצוטאָן דאָס שעדלעכסטע. אָן דער אמונה קען די מענטשהייט דערגיין ביז צו די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס פון חורבן און פאַרניטכונג.

צו מוזן מיר נישט מודה זיין, אַז מיר לעבן היינט אין אַ צייט, ווען מענטשן האַלטן אין איין שרייבן. מען פאַר־שרייבט אַלעס, וואָס עס קומט פאָר. מען שרייבט היסטאָ־ריע. מען שרייבט סאָציאָלאָגיע. מען שרייבט פילאָזאָפיע. גאַנצע ריזיקע בערג מיט ספרים, זענען פאַראַן אין דער היינטיקער וועלט. אָבער וואָס ברענגען זיי? וואָס ענדערן זיי ?

צו מוזן מיר נישט מודה זיין, אַז מיר לעבן היינט אין אַ צייט, אין וועלכער עס מאַנגלט בכלל נישט קיין מש־פּטים. עס פעלן נישט קיין געריכטן אין דער וועלט. די גאַנצע וועלט איז היינט פול מיט משפּטים, מיט אַרעס־טן און טורמעס, מיט שטראָפן און לעבנס־ליקווידירונ־גען. אָבער, וועמען משפּט מען? מען משפּט כסדר נאָר דעם צווייטן. עס משפּט נאָר איינער דעם אַנדערן. עס טרעפט זיך אפילו איין מאָל נישט, אַז מען זאָל משפּטן זיך אַליין. דאָס איז דאָס גרויסע אומגליק פון דער היינ־טיקער וועלט. עס פעלן די ביכער און די משפּטים, וועל־כע שטעלן אַזוי יעדן יחיד, ווי יעדן כלל, פאַר זיין איי־גענעם געריכט און אורטיילן וועגן אייגענע מעשים, וועגן אייגענע פאַרברעכנס און אייגענע זינד.

די גמרא זאָגט, אַז אין ראש השנה איז באַשאַפן גע־וואָרן דער ערשטער מענטש און אין דעם זעלבן ראש־

השנה, איז דער ערשטער מענטש געמשפט געוואָרן. נישטאָ, הייסט עס, קיין מענטשלעכער באַשאַף אָן קיין מענטשלעכן משפט. דער ערשטער, פון ג־ט אַליין, גע־שאַפענער מענטש, פאַלט צום קרבן פון זיינע אייגענע ליידנשאַפטן; ער זינדיקט. ויתחבא האדם ואשתו; דער ערשטער מענטש מיינט אַז ער קען זיך באַהאַלטן. ער קען באַהאַלטן זיינע זינד. די גאַנצע וועלט איז זיין און ער קען אַפטאָן, וואָס ער וויל. קיינער וועט אים נישט ציען צו קיין שום פאַראַנטוואָרטונג. אָבער עס קומט תיכף דער משפט. ער דערהערט פלוצום אַ ג־טלעכע שטימע, וואָס שרייט: איכה? ווי ביסטו מענטש! עס איז גענוג איין ג־טלעך וואָרט, וואָס זאָל אויפטרייסלען די מענטש־לעכע נשמה. איכה! ווי ביסטו? וויפל טיפער אינהאַלט, ליגט אין דעם איינעם וואָרט! מענטש! דו האָסט טאַקע די גאַנצע וועלט, אָבער ווי ביסטו אַליין? וואָס ביסטו און ווער ביסטו?

ווינדערלעך איז דערפאַר די צונויפשטעלונג פון די יידישע ימים טובים. ראש־השנה, איז אין זיבעטן חודש. פאַר ראש־השנה, איז — פסח און שבועות. נאָך ראש־השנה, איז יום כיפור און סוכות. ראש השנה, איז אין דער סאַמע מיט. ער איז אין צענטער. ער איז דער צענ־טראַל פונקט פון די מענטשלעכע אידעאַלן. אַלע ימים טובים, דערציילן אונדז פאַרשיידענע מעשיות און פאַ־סירונגען, היסטאָריעס פון אַמאָל. ראש השנה דערציילט נישט קיין שום מעשה און דערמאָנט נישט אין קיין שום

היסטאָריע. דאָך הייסט ראש השנה: יום הזכרון; אַ טאָג פון דערמאָנונג, ווייל דער טאָג דערמאָנט יעדן אין זיך אַליין און פון זיך אַליין. חז״ל באַמערקן, אַז וועגן דער באַדייטונג פון ראש השנה, שטייט קיין איין וואָרט נישט אין דער תורה. דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז כלל נישט נייטיק צו דערמאָנען די באַדייטונג פון אָפּגעבן זיך אַ דין וחשבון פון זיך אַליין און פון זיין אייגענעם לעבן.

מאָדערנע פסיכאָלאָגיע באַמערקט, אַז דער מענטש איז אַזוי געשאַפן, אַז וואָס מער ער איז אַריינגעטאָן אין דעם דרויסנדיקן לעבן, אַלץ מער פאַרגעסט ער אין זיין אייגענעם. אין אַ פרייער צייט, זוכט דער מענטש פאַרשייטענע פאַרוויילונגען. דער מענטש נאַרט זיך אָפּ. ער דענקט אַז די פאַרוויילונגען ברענגען אים פאַרגעניגונגען. אָבער דאָס איז נישט אמת. די פאַרוויילונגען ברענגען בלויז דאָס, וואָס דער מענטש דענקט נישט אין זיך. ער איז פאַרטאָן אין דער פאָרשטעלונג און ער פאַרגעסט אין זיין אייגענעם לעבן. מערקווירדיק איז, אַז כמעט יעדער מענטש איז פעיק צו דענקען וועגן יענעם. אָבער זייער ווייניק זענען פאַראַן, וועלכע זאָלן קענען דענקען וועגן זיך. יידן האָבן דערפאַר אַ פליכט. איין מאָל אין יאָר, אין דעם יום הדין, זיך צו פאַרטיפן אין זיך אַליין, אין דעם ציל און תכלית פון דעם אייגענעם לעבן, דאָ אויף דער וועלט, דער רמב״ם זאָגט, אַ כאָטש דאָס שופר בלאָזן איז אַ געזעץ פון דער תורה, האָט עס אויך אַ באַדייטונג. דער שופר דערמאָנט דעם ייד, אַז עס קען

נישט זיין באין אופן, אז אַ מענטש זאָל זיבעציק יאָר כסדר שפּינען אַ געוועב, וואָס רופט זיך לעבן, כדי אַז נאָך זיבעציק יאָר, זאָל זיך דאָס געוועב צעררייסן און עס זאָל פון דעם גאָר נישט בלייבן. ווי נאַריש וואָלט געווען דאָס גאַנצע לעבן. יעדער ייד, דאַרף ביים שופר בלאָזן זיך באַרעכענען, אויף וויפל זיין אייגן לעבן איז געבונדן מיט אַ לעבן, וואָס איז מער פּערמאַנענט, וואָס פאַרמאָגט מער דויער, וואָס שמעקט מיט העכערקייט, מיט אייבי־קייט און מיט מער אומאויפהערלעכן לעבן.

אשרי העם יודעי תרועה: גליקלעך איז דאָס פאָלק, וואָס פאַרשטייט דעם שופר. קיין שום פאָלק אין דער וועלט, פאַרשטייט נישט די שפּראַך פון דעם שופר. פאַר זיי, איז דער שופר נישט מער, ווי אַ בלאָז־האָרן, וואָס דינט אַלס מיטל צו רופן צו פאַרזאַמלונגען און מאָבי־ליזירן אַרמייען. קיין פאָלק ווייסט נישט פון דעם כח פונעם שופר, צו רופן און צו דערמאָנען אין זיך אַליין. דער שופר דערמאָנט אין גייסטיקייט פון לעבן און אין אי־דעאַלן פון דעם לעבן.

עס שטעלט זיך דערפאַר די פראַגע: וואָס פאַר אַ אידעאַלן דאַרפן דאָס זיין, מיט וועלכע אַ ייד דאַרף פאַר־בינדן זיין לעבן? דאָס לערנט אונדז דער אינהאַלט פון ראש השנה. דער תוכן פון דעם ראש השנה, דרייט זיך אַרום דריי באַגריפן. די תפילות זענען געטיילט אין דריי טיילן: — מלכות, זכרונות און שופרות; די תקיעות וואָס מיר בלאָזן זענען געטיילט אין דריי קולות: תקיעה שב־

רים און תרועה. די קריאות, וואָס מיר לייענען דערמאָ־
נען דריי יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן רעפּרע־
זענטירט דריי פאַרשיידענע יידישע אידעאַלן, וואָס צו־
זאַמען בילדן זיי דעם עסענץ פון יידישקייט. דאָס זענען
געווען: יצחק, יוסף און שמואל.

חז"ל זאָגן: בראש השנה נפקדו שרה, רחל וחנה. ווען
אַ ייד וויל וויסן, וואָס עס הייסט יידישער אידעאַל, זאָל
ער זיך דערמאָנען, אַז אין ראש השנה איז דעצידירט
געוואָרן, וועגן דער געבורט פון דריי יידישע זין, וועלכע
האָבן אויף אייביק אָנגעצייכענט דעם וועג פון יידישן
אידעאַלן לעבן. אין דעם ערשטן טאָג פון ראש השנה,
לייענט מען וועגן דער געבורט פון יצחק אבינו און מען
ענדיקט מיט דער הפטורה פון דער געבורט פון שמואל.
אין צווייטן טאָג פון ראש השנה, לייענט מען וועגן די
עקדה פון יצחק און מען פאַרענדיקט מיט דער הפטורה,
וואָס דערמאָנט אין דער מוטער רחל.

יצחק, יוסף און שמואל, רעפּרעזענטירן אידעאַלן:
פון אמונה, פון יידישן נאַציאָנאַליזם און פון יידישער
תורה. יצחק, האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דער אמונה
אין ג־ט. אַ דאַנק זיין מסירת נפש, האָבן יידן אויסגע־
האַלטן אַלע עינויים קשים און געבליבן ביי זייער אמונה.
יוסף, האָט פאַר איין מינוט נישט פאַרגעסן אין זיין לאַנד
און אין זיין אָפּשטאַם; גערעדט אין זיין שפּראַך און איז
געווען צוגעבונדן צו זיין פאָטערלעכן הויז. שמואל, איז
געווען געבונדן מיט תורה. שקול שמואל כנגד משה

ואהרן. שמואל איז געווען גרויס, ווי משה רבינו און אהרן, אין תורה. קודשא בריך הוא, ישראל ואורייתא חד הוא. אונדזער אמונה, אונדזער נאַציאָנאַליזם און אונדזער תורה, זענען פאַראייניקט אין איין אידעע. דער־מאָנט אונדז טאַקע דער מוסף פון ראש השנה קודם אין מלכות; דאָס איז אמונה אין דעם מלך מלכי המלכים, צו וויסן, אַז די וועלט איז נישט הפקר. דאַן קומט זכרונות. דאָס איז דאָס נאַציאָנאַלע. עס דערמאָנט, אַז מיר זענען אַנדערש פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן געהאַט אַן אַנדערע געשיכטע פון אַלע פעלקער און מיר מוזן לעבן אַנדערש פון זיי. דאַן קומט שופרות, וואָס דערמאָנט אין דעם באַרג סיני, וואו מיר האָבן גענומען די תורה און זיך פאַרפליכטעט צו לעבן אין איר גייסט. אויך די תקיעות דערמאָנען אונדז אין די דריי פונדאַ־מענטאַלע אידעאַלן פון דעם ייד. די תקיעה דערמאָנט אין אמונה. די תקיעה איז אַ גלייכע שטימע, אַ פשוטה, ווייל גלויבן איז פשוט און גלייך. דער שברים דערמאָנט דעם גורל פון יידישן פאָלק, וואָס איז נישט אַלע מאָל גלייך, נאָר געבראָכן. די תרועה קלאָגט אויף דעם מצב פון תורה וואָס איז ליידער זייער שפל'דיק.

ג־טלעכקייט, נאַציאָנאַלע אידעע און תורה, זענען די אידעאַלן, וואָס יעדער ייד מוז אין זיי געדענקען אין ראש־השנה. מיט די אידעאַלן, וועלן מיר זוכה זיין צו אַ גוט געבענטשט יאָר און צו אַ גאולה שלימה במהרה בימינו.

יום-כיפור

(פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען וועגן דער באַדייטונג פון

יום הכיפורים, איז די קרוין פון אונדזערע הייליקע טעג. אין דעם טאָג, קומט פאָר אַ געוויסע דערנענטע־רונג פון דעם יידישן מענטש, פון דעם יידישן בשר ודם צו דער ג-טלעכקייט. דאָס מערקווירדיקסטע פון דעם פּראָצעס איז, אַז אפילו אין דעם טאָג פון יום כיפור, אין אַ טאָג, ווען מען לעבט אַ גאַנצן מעת לעת, ווי אַ מלאך, אָן עסן, אָן טרינקען און אָן יעדן צייכן פון גש־מיות׳דיק לעבן, אפילו אין אַזעלכע הויכע מאָמענטן, קען מען נישט זיך דערנענטערן צו גייסטיקייט און צו הייליקייט, ביז מען אָנערקענט נישט קודם, אַז מען האָט זינד און אַז מען האָט אָפּגעטאָן פאַרשיידענע חטאים. נאָר מיט אַ געפיל פון שולדיקייט, נאָר מיט אַ קלאַפּן אין הארצן און זאָגן דעם על חטא, נאָר מיט דעם, באַ־קענען זיך צו זינד, קען דער מענטש זיך לייטערן און שטייגן אויף העכערע שטאַפּלען פון גייסטיקייט.

יום כיפור איז דערפאַר הויפּטזעכלעך אַ טאָג פון

חרטה. דער ענין איז גאָר נישט קיין איינפאַכער, גאָר נישט קיין פּשוטער. גרויסע דענקער, אין אַלע צייטן און באַזונדער אין אונדזער מאָדערנער צייט, קענען דעם ענין נישט פאַרשטיין. וויסנשאַפטלעך, איז עס זייער גוט צו באַגרייפן, אַז חרטה און תשובה זאָלן קענען קערעווען דעם מענטש אויף נייע וועגן אין דעם לעבן. חרטה און תשובה, זענען זייער וויכטיקע פּסיכאָלאָגישע מיטל, פאַר דעם עזיבת החטא; הרטה און תשובה, פאַרהעלפן דעם מענטש צו פאַרלאָזן דעם זינדיקן וועג און זיך צו ווילן אַ נייעם עטישן און אָנשטענדיקן וועג אין לעבן. אָבער, וואָס פאַר אַ כח קען האָבן חרטה, אָדער תשובה מתקן צו זיין די פאַרגאַנגענהייט, צו פאַררעכטן דאָס אָפּגע־טוענע? דאַכט זיך, אַז אַן אָפּגעטוענע זאַך איז אין דער בחינה פון מעוות לא יוכל לתקון; אַ פלעק וועלכן מען קען קיין מאָל נישט אָפּוואַשן. אַ מענטש, קען ענדערן זיין צוקונפט; ער קען זיך איינריכטן אַ ניי לעבן מהיום והל־אה; ער קען אָנהויבן אַנדערש צו לעבן. דאָס מיינט, ענדערן דאָס לעבן פון היינט אָן, אָבער ווי אַזוי קען מען פאַררעכטן דאָס אָפּגעטוענע? דאָס, וואָס עס איז געווען איז מער נישטאָ און מען קען עס מער נישט צוריק־ברענגען. מיר קענען דערפאַר דעם עבר נישט מתקן זיין. מיר קענען נישט לייטערן די פאַרגאַנגענהייט. מיר קע־נען די פאַרגאַנגענהייט נישט אויסבעסערן ווייל זי איז נישט מער אין אונדזערע הענט. פאַרוואָס זשע, זאָל העל־פן תשובה, אָדער חרטה אויף דעם עבר?

מאָדערנע פסיכאָלאָגיע, באַפאַסט זיך זייער פיל מיט דעם פּראָבלעם. איך וויל בלויז באַמערקן, אַז להבדיל די חז״ל האָבן אויף אַ גאָר וואונדערלעכן אופן דערקלערט דעם גאַנצן פלאָנטער פון דער פראַגע.

קודם כל, האָבן חז״ל אוועקגעשטעלט אַן הנחה, אַ טעאָריע, אַז על פי וויסנשאַפט, על פי חכמה, איז טאַקע אַזוי. על פי חכמה, איז נישטאָ קיין שום תיקון צו אָפּגעטועוענע מעשים. די חכמה האַלט, אַז: חטאים תרדוף רעה. די זינדיקע, בלייבן מיט זייערע שלעכטיקייטן, זייער גאַנץ לעבן. לויט וויסנשאַפט, איז אַן אָפּגעטועוענע זינד פאַרפאַלן. זי קען קיין מאָל נישט אָפּגעווישט ווערן. אָפּגעטועוענע זינד, בלייבן אַ פלעק פאַר דעם זינדיקער אויף זיין גאַנץ לעבן. חז״ל אָבער זאָגן, אַז אַ מענטש לעבט נישט, בלויז מיט וויסן, בלויז מיט שכל. אַ מענטש, קען זיך אויפהויבן העכער פון דעם שכל. אַ מענטש קען לעבן אין אַזעלכע גייסטיקע ספערן, וועלכע שטייען העכער פון דעם שכל. אויב דער מענטש דערהויבט זיך ביז צו יענע העכערע ספערן, דאַמאָלס ווישט ער אָפּ אַלע זיינע זינד, אפילו פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער שכל, קען נישט פאַררעכטן די פאַרגאַנגענהייט, ווייל די פאַרגאַנגענהייט איז מער נישטאָ. דער שכל, האָט נישט קיין שליטה אין באַגריפן, וועלכע זענען נישט קיין ממשותדיקע. דער עבר, איז נישט מער קיין ממשות. דערפאַר קען דער שכל אַהין נישט צוקומען. אין העכערע ספערן אָבער, לעבט דער מענטש נישט מיט קיין ממשות׳דיקייטן, דערפאַר

קען אַ מענטש, אין יענע ספערן, דערגרייכן אפילו דעם עבר אויך. אין אַנדערע ווערטער: אין די ספערן, וועלכע זענען העכער פון דעם שכל, איז בכלל נישטאָ קיין חילוק צווישן עבר און עתיד. עס עקזיסטירט בכלל נישט קיין חילוקים אין דער צייט. נישטאָ קיין צוקונפט און קיין פאַרגאַנגענהייט.

חז״ל זאָגן, אַז שכל האָט נישט צוטאָן מיט קיין ג־ט־לעכקייט. מיט קיין שכל, קען מען בכלל נישט האָבן קיין שום השגה פון ג־טלעכקייט. ווייל מען זיך דערנענטערן צום באַגריף פון ג־טלעכקייט מוז מען זיך קודם כל אַ ביסל אויפהויבן העכער פון דעם שכל. דאָס איז דער סוד וואָס ג־טלעכקייט איז אין אונדזער תורה אויסגע־דרוקט אין די פיר אותיות פון: הוי״ה. פון די פיר אותיות, שטעלן זיך צוזאַמען די דריי ווערטער: היה, הוה און יהיה. דאָס מיינט, אַלע דריי צייטן: געווען, זיין און וועט זיין. דאָס איז: קעגנוואַרט, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט פאַראייניקן זיך צוזאַמען. נישטאָ קיין אונטערשידן אין צייט. ווען אַ מענטש הויבט זיך אַ ביסל אויף העכער פון דעם טאָג טעגלעכן שכל, דערשפירט ער אַ טעם פון נצ־חיות, פון אייביקייט. אין אייביקייט, עקזיסטירט בכלל נישט קיין חילוק פון היה, ביז הוה, אָדער ביז יהיה. איי־ביקייט, האָט נישט קיין פריער און קיין שפּעטער. דאָס, וואָס איז; דאָס, וואָס עס איז געווען און דאָס, וואָס עס וועט זיין, איז צוזאַמען.

ווער עס האָט אַ ידיעה אין דעם בליק פון חז״ל אויף

מענטש, וועלט און ג־ט, פאַר דעם איז דאָס נישט קיין שווערער ענין. הײנטיקע אינטעליגענץ, מאַכט בלויז אַ שווערן טעות, דענקענדיק, אַז אַזעלכע טעאָריעס זענען טעאָקראַטישע און באַלאַנגען צום מיטלאַלטער. דער טעות באַשטייט אין דעם, וואָס מען ווייסט נישט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון הײנטיקער מאָדערנער פילאָזאָפיע.

די פילאָזאָפיע פון דער נייער צייט, נאָך איינשטיין, טיילט דעם באַגריף פון צייט אין צוויי קאַטעגאָריעס: אין אַ פּראַקטישע, אָדער מאַטעמאַטישע צייט און אין אַ שעפערישע, באַוועגלעכע, לעבעדיקע צייט. די ערשטע, איז די צייט פון דעם זייגער. די צייט פון מינוטן, שעה׳ן, טעג, און יאָרן. די צווייטע, איז די צייט פון באַוועגונג, פון שוואונג און לעבן. שוין איינשטיין, האָט פאַרשטאַנען אַז די צייט פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, די צייט פון דעם זייגער, געהערט בכלל נישט צום באַגריף פון צייט. זי איז גאָר אַ פערטע דימענסיע פון דעם רוים. אמת׳ע צייט, טיילט זיך נישט בכלל, ווייל טיילן, מיינט שטיין־בלייבן. אמת׳ע צייט, בלייבט קיין מאָל נישט שטיין, נאָר פליסט כסדר. אמת׳ע צייט, האָט גאָר נישט קיין פאַר־גאַנגענהייט, קיין צוקונפט און קיין קעגנוואַרט. אמת׳ע צייט, איז דווקא דאָס, וואָס נעמט צוזאַמען די געטיילטע צייטן און בילדעט פון דעם איין גאַנצע זאַך, וואָס הייסט צייט. אַ בוך, לייגט זיך צונויף פון איינצעלנע אותיות. אַ דענקער, דענקט נישט אין קיין אותיות. ער דענקט

מיט אַן אינהאַלט. דער אינהאַלט, איז נישט דאָס, וואָס עס זענען די אותיות. ווען דער דענקער זאָל דענקען מיט אותיות, וואָלט ער קיין אינהאַלט נישט געהאַט. אַ גע־דאַנק, טיילט זיך אין ווערטער און אין אותיות. אָבער אותיות אַליין, אָן אַ געדאַנק, קענען גאָר נישט געבן. די מינוטן און שעה׳ן פון דער צייט, זענען נישט מער ווי אותיות פון אַ געדאַנק. די אמתע צייט, איז דער אינהאַלט פון דעם צייטלעכן געדאַנק.

נאָך דייטלעכער ברענגט דאָס אַרויס פראָפ. בערגסאָן מיט זיין באַקאַנטן משל פון מוזיק און געזאַנג. יעדעס געזאַנג, באַשטייט פון איינצעלנע טענער. די טענער, קומען איינער נאָך דעם אַנדערן. ווען מיר הערן די טע־נער אַליין, הערן מיר יעדן טאָן, אין אַן אַנדערע סעקונדע. די טענער קומען פאַר, אין דער פּראַקטישער צייט, אין סעקונדן, מינוטן און אין שעה׳ן. טענער אַליין, זענען נישט קיין ניגון. דער ניגון, איז דער סינטעז פון די טענער. דער ניגון, איז דאָס איבערלעבן פון דעם מענטש־לעכן געפיל, וועלכער פילט די קוואַליטעט פון די טענער, אַלס אַ גאַנצעס, אַלס אַ ניגון. דאָס זעלבע איז מיט צייט. די צייט פון מינוטן און שעה׳ן, איז פונקט, ווי די איינ־צעלנע טענער פון דעם ניגון. די צייט אָבער, וואָס איז דער לעבנסשטראָם, די דויער, די באַוועגונג, דאָס איז ווי דער ניגון. די צייט, נעמט צונויף דאָס געטיילטע און מאַכט עס פאַר אַ גאַנצעס.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ, צו דערקלערן גענוי די

טעאָריעס פון מאָדערנער פילאָזאָפיע, בנוגע צו צייט. איך וויל בלויז ציטירן אַ זאַץ פון פּראָפ. אַלעקסאַנדער. ער באַהויפּטעט, אַז עס איז אַ גרויסער אונטערשיד צווישן אַ מענטש, וואָס לעבט פאַר זיך, פאַר זיין טאָג טעגלעכן לעבן און צווישן אַ מענטש, וואָס לעבט אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק, אָדער אין דער גאַנצער מענטשהייט. אַ מענטש, וואָס לעבט אַן איזאָלירט לעבן, פאַר זיך אַליין, לעבט בלויז אין דער צייט פון דעם זייגער. ער לעבט, אין מינוטן און אין שעהן. אַ מענטש אָבער, וואָס לעבט אין זיין פאָלק, מיט זיין פאָלק און פאַר זיין פאָלק, דער איז אַ טייל פון דער געשיכטע פונעם פאָלק. ער הויבט זיך אויף העכער פון דער צייט, וואָס עס ווייזט דער זייגער. ער לעבט אין דער צייט פון שעפונג, פון באַוועגונג און פון אייביקייט.

די גרויסקייט פון יום כיפור באַשטייט אין דעם, וואָס אין דעם טאָג הויבט זיך דער ייד אויף העכער פון דעם טאָג טעגלעכן לעבן. ער הויבט זיך אויף העכער פון מינוטן און שעה'ן, אין דער צייט. דער ייד, לעבט אַדורך אַ גאַנצן מעת לעת, אין אַ ספערע, וואָס שטייט העכער פון פּראַקטישקייט. אויב דער ייד פאַרשטייט, אין דער העכער גייסטיקער ספערע פון יום-כיפור-גייסט, צו האָבן חרטה און צו טאָן תשובה, קען ער לייכט רייניקן, אפילו די זינד פון דעם עבר. ער קען אָפּווישן, אפילו די אָפּגעטוענע זינד, ווייל אין דער ספערע, אין וועלכער אַ ייד געפינט זיך יום כיפור, עקזיסטירט נישט קיין טיילונג

פון קיין צייט. עס עקזיסטירט בלויז לעבנס-דויער, וואָס האָט נישט קיין איבערריים און ווייסט נישט קיין חילוק פון עבר, עתיד און הוה.

חז"ל, האָבן דעם געדאַנק געפינען אין איין פסוק אין תהלים. תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור. ג-ט ברענגט דעם מענטש צום אָנערקענען פון זיינע זינד און זאָגט אים: טו תשובה, ווייל טויזנט יאָר זענען ביי ג-ט, ווי איין טאָג. (תהלים צ') דער זאַץ איז גאַנץ אומפאַרשטענד-לעך. וואָס מיינט דאָס, אַז דערפאַר, וואָס ביי ג-ט איז טויזנט יאָר ווי איין טאָג, דערפאַר זאָל דער מענטש טאָן תשובה? אָבער אין דעם פסוק, איז אויסגעדרוקט די גאַנצע פילאָזאָפיע פון צייט. ג-ט זאָגט דעם מענטש, ער זאָל טאָן תשובה אפילו אויף זיינע אָפּגעטוענע מעשים רעים. ער זאָל נישט שרעקן און זיך נישט איינרעדן, אַז מען קען נישט פאַררעכטן קיין עבר, ווייל ביי ג-ט איז נישטאָ קיין אונטערשיד פון צייט. טויזנט יאָר, זענען ביי ג-ט ווי איין טאָג. ווען דער מענטש, הויבט זיך אויף צו ג-טלעכקייט, לעבט ער אויך אין אַ ספערע, ווי עס ווערן פאַרווישט די גרענעצן פון צייט. ער לעבט, אין דער לעבנסדויער, וואָס שטרעמט און פליסט אומאיבערגעריסן און איז אַ טייל פון אייביקייט, וואָס האָט נישט קיין פריער און קיין שפּעטער.

יידישקייט, האָט פון תמיד געלערנט, אַז אַ ייד דאַרף פאַרשטיין צו לעבן אין צווייערליי וועלטן: אין אַ פּראַק-

טישער וועלט; אין אַ וועלט פון גשמיות, וואָס האָט אַ נעכטן, אַ היינט און אַ מאָרגן און אין אַ רוחניות'דיקער וועלט; אין אַ וועלט, וואָס איז אייביק, הייליק און גייס־טיק. דאָס אייביקע, הייליקע, גייסטיקע לעבן, קען יעדער ייד פילן אין יום־כיפור. גליקלעך איז דער, וואָס פילט עס, וואָס לעבט עס אַדורך.

טייערע יידן פון מעקסיקע! איך ווינטש אייך אַן הרגשה פון הייליקייט און רוחנית'דיקייט אין דעם קו־מענדיקן יום כיפור.

לזכר פון די קדושים

„זכרונות פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן". אָט דאָס איז די טעמע, אויף וועלכער איך דאַרף היינט צו אייך רעדן.

זכרונות, פון די עינויים קשים, צער, פיין און ליידן, וואָס איך האָב מיטגעמאַכט אין די געטאָס, אַרבעטס־לאַגערן און אין די קאָנצענטראַציעס. איך בין איבער־צייגט, אַז עס איז נישטאָ קיין איין לעבנגעבליבענער ייד פון יענער שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, וועלכער זאָל ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, פון צייט צו צייט נישט איבער־לעבן קיין טרויעריקן שוידער, פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט. דאָך אָבער, היינט פאַר אייך צו אי־בערחזרן פאַקטן פון יענער טראַגעדיע? קודם כל, דאַכט זיך, איז די מענטשלעכע שפּראַך צו אָרעם, מען זאָל אין איר קענען איבערגעבן, אפילו נאָר אַ קליינעם טייל פון די אַלע מיתות משונות, דערנידערונגען, הונגער, נויט, קראַנקהייטן און עפּידעמיעס וואָס מען האָט אדורכגע־מאַכט. דאַן: צו וואָס דערציילן? רעדן פון ליידן אַליין

האָט גאָר קיין ציל נישט. וואָס קען דאָס ברענגען?
דערפאַר, ווייל איך היינט רעדן, נישט בלויז פון די ליידן אַליין, נאָר פילמער פון די העלדישקייט און גבו־רות, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יענע ליידן. העל־דישקייטן און גבורות, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט, אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

זיכער איז דער פיזישער אויפשטאַנד פון אַ קליינער גרופּע העלדן, אין דעם וואַרשעווער געטאָ אַקעגן אַ גע־פערלעכן, אומבאַזיגבאַרן שונא, געווען דער העכסטער אויסדרוק פון יידישער גבורה און איבערמענטשלעכן מוט. אָבער, אויך יענער כסדרדיקער, גייסטיקער אויפשטאַנד פון צענדליקער טויזנטער יידן, אַנטקעגן דעם מאָראַלישן געפאַלענעם שונא; אויך דער גייסטיקער אויפשטאַנד, האָט פאַרמאָגט אין זיך העלדישקייט און גבורה, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט.

בנוגע צום פיזישן אויפשטאַנד אין דעם וואַרשעווער געטאָ, האָבן אַלע, אפילו די, וואָס האָבן אים אָרגאַניזירט, געוואוסט אַז ער איז לכתחילה פאַראורטיילט צום דורכ־פאַל. דאַקעגן האָט יעדער ייד, אין זיין הייליקן, קדושה־דיקן קאַמף, אַקעגן דעם מנובלדיקן שונא געפילט, אַז דער גייסטיקער נצחון איז זיינער, איז דעם יידס. דער פיזיש פאַרמאַטערטער ייד, האָט גייסטיק אויף אייביק, באַ־זיגט דעם פיזיש שטאַרקן, אָבער מאָראַליש געפאַלענעם און רוחניותדיק עלענדן שונא.

אין אונדזער לעצטער טראַגעדיע, האָבן זיך, אין אַ

היסטאָרישן גראַנגל באַגעגנט. פון איין זייט, די דייטשע פיזישע מאַכט מיט דעם יידישן גוף. אין דעם קאַמף, האָבן מיר פאַרשפּילט. דער דייטשער גוף האָט געזיגט. אין דעם זעלבן געראַנגל האָט זיך אָבער אויך באַגעגנט דער דייטשישער גייסט מיט דער יידישער נשמה און אין דעם קאַמף האָבן מיר געזיגט. דער זיג בלייבט אויף אייביק אונדזערער.

דער שר של עשו, דער רעפּרעזענטאַנט פון פיזישן כוח, גיט יעקבן אַ שטאַרקן קלאַפּ. יעקב הינקט נאָך דעם קלאַפּ, ער קען זיך קוים שטעלן אויף די פיס. יעקב באַקומט אָבער דעם נאָמען ישראל. כי שרית עם אלקים ועם אנשים; אַלע מוזן צוגעבן די גייסטיקע איבערשטייגונג פון יעקב, אַנטקעגן אַלע זיינע שונאים.

שטייט די מענטשהייט פון דער היינטיקער וועלט פאַר צוויי גרויסע רעטענישן. פאַר צוויי געהיימנישן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. איין מאָל איז באַין אופן נישט צו פאַרשטיין: פון וואַנען האָט זיך גענומען צו חיות אין מענטשלעכן געשטאַלט, אַזוי פיל רשעות, אַזוי פיל אכזריות, וואָס די דייטשע בעסטיע האָט באַוויזן? פון וואָס פאַר אַ קוואַל האָבן געשטראָמט יענע אַלע קונציקע איינפאַלן און אויסטראַכטענישן, ווי אַזוי צו פּלאָגן, ווי אַזוי צו מאַטערן און צו שענדן דעם יידישן גוף? דייטשע חכמה האָט באַוויזן ממש געניאַליטעט אויף דעם געביט. אַ נייע געניאַליטעט אַ געניוס פון רשעות און בייז.

אַקעגן דעם געהיימניספולן סוד, שטייט אַ צווייטענס

אומדערלערבאַרעס רעטעניש. דאָס איז דער סוד פון דער יידישער נשמה, צו קענען באַגעגענען דאָס ערגסטע רשעות און בייז.

מיר פרעגן זיך היינט אַלע אַליין: פון וועלכן קוואַל האָט אַרויסגעשטראָמט אַזוי פיל גייסטיקע גבורה, אַזוי פיל איינפאַל פון דערהויבענע מעשים, פאַר דעם הייליקן געדאַנק און פאַר דעם הייליקן וואָרט: אַזוי פיל גייסטיקע דערפינדערשיקייט אין מאָמענטן פון גרעסטער מאַרטי־רערשאַפט, אין מאָמענטן, ווען פון נאַטור וואָלטן אַלע מענטשלעכע חושים געוועץ באַדאַרפט זיין פאַראַליזירט און אָפּגעשטאָרבן?

איך וויל פאַר אייך שילדערן אַ פאָר פאַקטן פון גייס־טיקער גבורה, פאַר דער יידישער אמונה, פאַר דעם יידי־שן קיום האומה און פאַר דער יידישער תורה.

צוערשט וועגן גייסטיקן אויפשטאַנד פאַר דער יידי־שער אמונה.

באַלד ווי די נאַצים זענען אַריין קיין בּאָריסלאַוו, האָבן זיי צונויפגעטריבן אַ פאָר הונדערט יידן אויף דעם פּלאַץ, וואָס האָט זיך גערופן פּאָטיק. דאָס איז געווען אַ פּלאַץ פון אַ זומפּ, פון מיסט און אומריינקייטן. אַן „עם־עם״־מאַן, האָט פון דעם צונויפגעטריבענעם עולם, אַרויסגעצויגן אַ מיטגליד פון דעם ראַבינאַט. אַ רב, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער ירא שמים. טאָג און נאַכט כסדר איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה. אַלט געווען

ביי 80 יאָר און איז געווען זייער באַליבט און פאַרהיי־ליקט ביי עמך.

די דייטשן ימ״ש האָבן אים געצווינגען צו שפּאַצירן אין די מיאוסקייטן, אַהין און אַהער. דעם רב האָט ניט ווי געטאָן דאָס קריכן אין דעם קויט איבער דער קני. עס האָט אים אויך נישט געאַרט דער בזיון. ער האָט גאָר דעמאָלט געהאַט גאַנץ אַנדערע מחשבות: ליידן בלויז דערפאַר, ווייל מען איז אַ ייד, איז טאַקע אַ מדרגה. אָבער קיין קידוש השם איז אין דעם נישטאָ. ער האָט אין די ליידן נישט געפילט קיין קידוש השם. פאַרקערט, ער האָט מורא געהאַט, אַז די אַלע יידן וואָס שטייען און קוקן, ווי ער, דער צדיק און למדן, קריכט אין מיסט, וועלן נאָך חלילה אַריינפאַלן אין אומגלויבן. זיי וועלן פאַרלירן זייער אמונה. ער האָט דערפאַר מיט אַ הויכער שטימע אויסגערופן: יידן! אַלע יאָרן האָט איר אין מיר אַ טעות געהאַט. קיינמאָל בין איך קיין צדיק נישט געווען, אפילו נישט קיין ריכטיקער ערלעכער ייד. אַ חוטא, אַ זינדי־קער אומערלעכער בין איך תמיד געווען, גערעכט איז ג־ט און גערעכט איז זיין משפט. אין דעם מיסט אויף דעם פּאָטיק, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

אויב מלאכים, ווי אין דער באַקאַנטער מעשה פון פּרץ, האָבן געזוכט דאָ, אויף דעם עולם הייליקייטן, האָ־בן זיי זיכער אויפגעכאַפּט די ווערטער פון דעם רב און זיי געברענגט אַלס אַ מתנה פאַר דעם כסא הכבוד.

אין דעם אויפשטאנד פאר דער יידישער אמונה, האט דער ייד געזיגט.

.2

צוויי יאר שפעטער. דאס לעבן אין געטא ווערט אומ-מעגלעך. הריגות, קומען פאר יעדע שעה און די לעבע-דיקע יידן שרעקלעכן הונגער און געפערלעכע עפידע-מיעס. נישטא מער ווי בלויז איין זארג: וויאזוי ראטע-וועט מען זיך? א פאר יחידים דערוויסן זיך, אז א גוטער גלח האט רחמנות אויף יידן און גיט ארוים ארישע פא-פירן. בלויז איין קלייניקייט: ער פארלאנגט מען זאל זיך שמד׳ן. א פאר יידישע מיידלעך דערוויסן זיך, אז גוטע שקצים ווילן זיי אויסבאהאלטן. נאר א קלייניקייט: זיי ווילן זיי זאלן לעבן מיט זיי. מען קומט צו מיר, מען קומט צום ראבינאט. מען פרעגט: צו מעג מען דאס טאן על פי דין? א שווערע פראגע! ע״ז און גילוי עריות, באלאנגען צו: יהרוג ואל יעבור, מען מוז זיך לאזן הרג׳נען און נים עובר זיין אויף די עברות. א הייליקע וויזיע האבן מיר דאמאלס געהאט: די יידישע געשיכטע רעדט פון מסירת-נפש וואס יידן געהאט אין משך פון זייער מארטי-רערטום. אבער, צו איז דען באמת, אמאל געווען ביי יידן מסירת נפש? האבן דען יידן אמאל אוועקגעגעבן זייער נפש, זייער נשמה? יידן האבן דאך, פארקערט, מוסר גע-ווען זייערע גופים, כדי צו דערהאלטן זייערע נפשות. יידן האבן דאך זיך געלאזט ברענען, הרג׳נען און קיינ-

מאָל דעם שונא נישט געוואָלט איבערגעגעבן זייערע נש־מות. דער לעצטער עטאַפּ פון דעם יידישן מאַרטירער־טום, דאַרף זיין אמתע מסירת „נפש". יידן זאָלן אוועק־געבן זייערע נפשות, כדי צו רעטן דעם קיום האומה. דער פסק דין האָט געלויטעט: יידן! טוטס וואָס איר קענט, אָבי ראַטעווען אייערע גופים, פאַר דעם דערהאַלט פון דעם יידישן פאָלק. אויב מלאכים האָבן דאַמאָלס געזוכט הייליקייטן אויף דער שפּלדיקער וועלט, האָבן זיי אויך דעם פסק פון דעם דרהאביטשער בי"ד אויפגעכאַפּט און געברענגט אַלס אַ מתנה פאַר דעם כסא הכבוד.

דאָס איז געווען אַן אויפשטאַנד פאַר דעם קיום האו־מה, וואָס האָט געזיגט און וועט אייביק זיגן.

.3

צוויי יאָר שפּעטער. אין טויטן לאַגער אין בוכנוואַלד. צענדליקער טויזנטער מענטשן פון פאַרשידענע נאַציעס, זענען צוזאַמענגעטריבן אין באַראַקן, וואַרטנדיק אויף דער ריי אַריינגערוקט צו ווערן אין די קרעמאַטאָריעס. דער הונגער איז גרויס. דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ שיקט פּעקלעך פאַר די העפטלינגע. אָבער יידן באַקומען נישט פון די פּעקלעך.

אויפן פּריטש געבן מיר, ליגט אַ מאַן, וואָס הייסט ד"ר טעלעקי פון בודאַפּעסט. אַ פילאָזאָף פון הויכער ביל־דונג. אַ געוועזענער רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג. זיין פאָטער האָט זיך געשמד'ט נאָך איידער ער

איז געבוירן געוואָרן. זיין מוטער אַ קריסטין. ער איז שוין אפילו ניט געמלט און ווייסט בכלל נישט פון קיין יידישקייט. די נאַצים האָבן אים אָבער באַטראַכט פאַר אַ ייד און גענומען אין אַ לאַגער. מיר טענהן צו אים: ד״ר טעלעקי! פאַרוואָס נעמסטו נישט פון די רויטע קרייץ פעקלעך? דיר, ווערט מען דאָך זיכער געבן. פאַרוואָס הונגערסטו? מיט כעס האָט דר. טעלעקי אָפּגעוואָרפן אונזער פאָרשלאָג. צוויי יאָר, האָט ער געזאָגט, מאַטער איך זיך, ווייל איך בין אַ ייד. זאָל איך פאַר אַ רויטן קרייץ פעקל, זיך אָפּזאָגן פון מיינע ביזהעריקע מאַטערנישן, אַלס אַ ייד? אַ ניין? צופיל האָט דאָס ביסל יידיש בלוט אין מיינע אָדערן מיך געקאָסט, איך זאָל עס פאַרשאַכערן פאַר אַ טאָפּ לינדזן אין דער געשטאַלט פון אַ פעקל פון רויטן קרייץ. אמת, איך ווייס ווייניק פון פראַקטישער יידישקייט. אָבער יידישע תורה און יידישע אידעאַלן זענען פאַר מיר הייליק. איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרטוישן, אפילו פאַר דעם גרעסטן קערפּערלעכן געווינס.

אויב מלאכים האָבן אין טויטן לאַגערן געזוכט הייליקייטן, האָבן זיי זיכער אויפגעכאַפּט די ווערטער פון ד״ר טעלעקי און זיי געברענגט אַלס אַ מתנה, פאַר דעם כסא הכבוד.

דאָס איז געווען אַ גייסטיקער אויפשטאַנד פאַר יידישער תורה און יידישן אידעאַל. אין דעם גייסטיקן אויפשטאַנד, האָבן מיר יידן געזיגט. עס לעבט די יידישע

אמונה. עס לעבט דאָס יידישע פאָלק און עס לעבט די יידישע תורה.

* * *

ווען מיר זענען היינט דאָ פאַרזאַמלט צום 15-טן יאָר-טאָג פון דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, לאָמיר אַלע ווי איינער אויסשרייען:

נידעריקע נאַצישע בעסטיעס! מיר וועלן עס אייך תמיד געדענקען. ימח שמכם וזכרכם.

הייליקע יידישע קדושים:

מיר וועלן אין אייך קיינמאָל, נישט פאַרגעסן!

עם ישראל חי!

וואָס מיינט סאָציאַלע טעטיקייטן ביי יידן

די השגחה האָט מערקווירדיק געפירט צו דעם, אַז אונדזער קהלה „נדחי ישראל" אין מעקסיקע האָט באַשטימט די דאַטע פון לייגן אַ גרונטשטיין, פאַר דעם נייעם בנין ביים אש"ל אין קוערנאַוואַקאַ, דווקא היינט, זונטיק ב' ז'ר"ח אלול. דאָס איז דער זונטיק, נאָך דעם שבת פון פּרשת ראה, און פאַר דעם שבת פון פּרשת שופטים. אין די צוויי סדרות, ראה און שופטים, האָט אונדזער תורה אָנגעצייכנט די גרונט־פּרינציפּן פון יידישער סאָציאַלער טעטיקייט און יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זאָלן יידן אין מעקסיקע נישט מיינען, אַז דער ענין פון סאָציאַלע טעטיקייט איז אַ פּשוטער און איינפאַכער, וואָס דאַרף בכלל נישט קיין דינים, אָדער פאַרשריפטן, ניין! הפקירות אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, איז לויט חז"ל, דאָס געפערלעכסטע פאַר דעם קיום פון דעם צבור און פון דער יידישער געזעלשאַפט.

ווי באַקאַנט פאַרמאָגן מיר צווייערליי גמרות. פאַראַן ביי אונדז אַ תלמוד בבלי און אַ תלמוד ירושלמי. אין

דעם תלמוד ירושלמי, קומען צום אויסדרוק די מיינונ־גען פון די חז״ל, וועלכע האָבן געלעבט אין ארץ ישראל; אין תלמוד בבלי, קומען צום אויסדרוק די מיינונגען פון די חז״ל, וועלכע האָבן געלעבט אין בבל — אין די גלות׳ן. לויט דעם תלמוד ירושלמי, קענען ענינים פון סאָציאַלער טעטיקייט נישט דערליידיקט ווערן, נאָר אין אַ קערפּער־שאַפט פון 23 פּערזאָן (סנהדרין קטנה), סאָציאַלע טעטי־קייט, איז נישט ווייניקער וויכטיק פון דיני נפשות. לויט דעם תלמוד בבלי, איז גענוג אַ געוויילטער טריבונאַל פון דריי פּערזאָן אָבער ווייניקער פון דריי געוויילטע מענטשן, טאָרן נישט דערליידיקן קיין שום ענינים פון געזעלשאַפט־לעכער לייסטונג.

די קערפּערשאַפט, וואָס האָט זיך באַפאַסט מיט דעם דערליידיקן פון די ענינים האָט זיך געמוזט ריכטן, לויט דינים און פאַרשריפטן פון דער תורה, יעדע אָפּנייגונג פון דער תורה, אפילו אויף דעם געביט פון איינפאַכער צדקה, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס הפקירות און נישט יידיש.

מערקווירדיק איז די באַמערקונג פון איינעם פון אונדזערע גרויסע, חסידישע גוטע יידן, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער מאָדנע סמיכת הפרשיות, אין דער סדרא פון ראה וואָס מיר האָבן ערשט נעכטן געלייענט. קודם קומט אַ גרויסע פרשה וועלכע הויבט זיך אָן מיט די באַקאַנטע פסוקים פון כי יקום בקרבך נביא וכו׳, כי יסיתך אחיך וכו; ווען עס וועט אויפשטיין פון צווי־

שן דיר אַ נביא; ווען עס וועט דיך אָנרעדן דיין אייגענער ברודער און אַזוי ווייטער. די גאַנצע פרשה רעדט, וועגן דעם ענין פון פאַלשע נביאים, וועלכע קומען צו דעם פאָלק; זיי שטעלן זיך אַוועק און זיי שטרעבגען זיך אָן, אַראָפּ צופירן די מאַסע פון דעם יידישן אויסגעטרעטע־נעם וועג. דאַן קומט די פרשה, וועלכע נאָרמירט די עני־נים פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אין פלוג איז דאָס גאַנץ אומפאַרשטענדלעך: וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די צוויי זאַכן, איינע צו דער צווייטער? וואָס פאַר אַ פאַר־בינדונג האָט סאָציאַלע טעטיקייט מיט אַ נביא השקר און מיט אָנרעדענישן צו דינען פרעמדע געטער? — אָבער — האָט דער רבי געענטפערט — נישטאָ ביי יידן נאָך קיין שום פעלד פון טעטיקייט, וואָס זאָל זיין אַזוי שטאַרק באַדראָט פון פאַלשע נביאים, ווי דאָס פעלד פון סאָציאַלער אַרבעט. די סטרא אחרא לייגט זיך אַריין דווקא אויף דעם פעלד און שטעלט אויף פאַרשיידענע מכלומרשטע, אידעאַליסטן, וועלכע שטעלן זיך אַוועק און פרעדיקן פרעמדע אידעאַלן; זיי שטרעבגען זיך אָן צו שטערן די אמת׳ע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פון יידן און נישט צו דערלאָזן צו פאַראייניקטע כלל־אַרבעט. דער־פאַר האָט די תורה צוזאַמענגעשטעלט די צוויי פרשיות, כדי יידן צו דערמאָנען, אַז בנוגע צו סאָציאַלער הילף זאָל מען אַממערסטן זיין געוואָרנט זיך, נישט צו לאָזן אַראָפּפירן פון אמתדיקן יידישן וועג.

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס די תורה זאָגט ביים

נביא השקר, אין דער נעכטיקער סדרא: ובא האות וה־מופת אשר דבר אליך; ווען אפילו עס זאָלן זיין אמת די אַרגומענטן, וואָס דער נביא השקר וועט אָנגעבן; ווען אפילו עס זאָל מקויים ווערן דאָס, וואָס ער האָט פאָרויס־געזאָגט, אפילו דאַן; לא תשמע אל דברי הנביא ההוא; זאָלסטו דיך צו אים נישט צוהערן. די מפורשים שטעלן זיך אָפּ מיט אַ שווערער קשיא: אויף אַ צווייטן פלאַץ, אין דער היינטיקער סדרא (דברים י״ח, כ״א), זאָגט די תורה גאָר אַנדערש. דאָרט שטייט, אַז כדי פעסטצו־שטעלן די ריכטיקייט פון אַ נביא דאַרף מען זען, צו זיינע רייד ווערן מקויים, צו ניין. אויב זיינע רייד ווערן מקויים, הייסט דאָס, אַז ער איז אַן אמת'דיקער נביא. פאַרוואָס האָט די תורה דאָ אָנגעשריבן, אַז אפילו ווען עס זאָלן מקויים ווערן זיינע רייד, זאָל מען זיך אויך נישט צוהערן צו אים? דער תירוץ איז: דאָ רעדט זיך פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט וועלכע האָט אַן אַלטע טראַדיציע און אַן אויסגעטרעטענעם וועג. אויף דעם פעלד, ווען עס שטייען אויף יחידים און ווילן אַראָפּפירן פון דעם באַקאַנטן, אויסגעטרעטענעם וועג, דאַמאָלט, אפילו ווען זייערע אַרגומענטן זענען גאָר אמת און זיי־ערע פאָרויסזעאונגען ווערן גאָר מקויים, טאָרן יידן אויך זיך נישט צוהערן צו זיי, נאָר זענען מחויב צו גיין אויף דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן וועג.

כדאי זיך צו באַקענען מיט אַ פּאָר דינים פון אונדזער תורה, בנוגע צו סאָציאַלער אַרבעט. דער פסוק זאָגט: כי

יהיה בך אביון מאחד אחיך באחד שעריך, בארצך אשר ד׳ אלקיך נותן לך: ווען עס וועט זיך געפינען אן אביון ביי דיר, ביי דיינע ברודער אין איינעם פון דיינע טויערן (שטעט) אין דיין לאנד, וואס ג־ט וועט דיר געבן. חז״ל האבן אנגעדייטעט, אז דער פסוק רעדט פון דרייערליי טעטיקייטן. די תורה האט דא אנגעוויזן ווי אזוי סאָציאלע הילף דארף אויפגענומען ווערן. קודם קומט: כי יהיה בך אביון מאחד אחיך; דאס מיינט, אז די ערשטע פליכט איז די הילף פאר דעם „בך״ און „מאחד אחיך״: פאר די נויטן פון דיר אליין און פון דיין אייגן בלוט און פלייש. נישט ביי איין משפחה געפינען זיך אייגענע על־טערן, וואס זענען עלנט און הילפלאז. זיי קענען זיך נישט אויסלעבן אין זייער רו און מנוחה. עס איז א הייליקער חוב, ווענן זיי צו טראכטן. קענענדיק דעם כאַראַקטער פון א מענטש האט די תורה געוואוסט, אז דער מענטש זוכט כבוד. פאר דעם וואס מען לייסטעט פאר אייגענע, האט מען ווייניקער כבוד, ווי פאר דעם וואס מען לייסטעט פאר פרעמדע. די לייסטונגען פון דעם „בך״ און דעם „מאחד אחיך״, קלינגען נישט אזוי אין גאס, ווי די לייסטונגען פאר פרעמדע. דערפאר האט די תורה צו ערשט געשטעלט די פליכטן פאר זיך אליין און פאר די אייגענע משפחה.

דאן קומט דער: באחד שעריך; די פליכטן פאר דער שטאט, אין וועלכער מען וואוינט. אויך דא האט די תורה זיך גערעכנט מיט דעם כאראקטער פון א מענטש.

מען איז פון תמיד מער פאַראינטערעסירט אין פרעמדער כלל אַרבעט, די תורה האָט דערפאַר געשטעלט דעם באחד שעריך צו ערשט, כדי צו דערמאָנען, אַז קודם מוז מען פאַרזאָרגן די הצטרכותן פון דער אייגענער שטאָט: די קהלה די שולן, די הילפס-פאַראיינען, די גמילות חסד׳ם, די שפיטאָלן וכדומה, דאַן קומט דער: בארצך אשר ד׳ אלקיך נותן לך; די הצטרכות׳ן פון ארץ ישראל. יעדער ייד האָט אַ חוב זיך צו באַשטייערן פאַר ארץ ישראל און ער טאָר נישט פאַרגעסן אין ארץ ישראל.

אָט די רייענפאָלגע, איז אַריין אַלס פעסטער דין אין אונדזער שלחן ערוך. אַזוי שטייט אין יורה דעה סימן רמ״ז ביז סימן ר״ס: סאָציאַלע הילף איז נישט קיין ענין פון קיין יחידים און הפקירות, נאָר באַלאַנגט צום צבור. די אָנפירער פון דער סאָציאַלער הילף, ביי יידן, מוזן געדענקען אַז קודם קומען אין באַטראַכט: אייגענע. דאַן קומען אַלע הצטרכות׳ן פון דער שטאָט, אין וועלכער מען וואוינט, פון: עירך. דאַן די הצטרכות׳ן פון: ארצך: פון ארץ ישראל.

נאָך עפעס לערנט אונדז די צונויפשטעלונג. זי לערנט אונדז, אַז אין דעם באַגריף פון סאָציאַלער הילף, גייען טאַקע נישט אַריין מער פון די דריי אָפטיילונגען. אויב נישט די אייגענע נויטן, אויב נישט די נויטן פון דער אייגענער שטאָט און אויב נישט די הצטרכות׳ן פון ארץ ישראל, איז עס בכלל נישט קיין סאָציאַלע הילף און איז נישט קיין חוב פון דער תורה, נישטאָ ביי אונדז קיין חוב

פון דער תורה, אז יידן זאָלן זיין מחוייב צו זאָרגן ווע־גן הצטרכות׳ן פון סתם אַנדערע שטעט, אין דער וועלט. אויב עס זענען פאַראַן גבירים און עשירים וועלכע האָבן שוין דערפילט זייער חובות לגבי זייער משפחה, לגבי זייער שטאָט און לגבי ארץ ישראל און ווילן נאָך טאָן פאַר הצטרכות׳ן פון אַנדערע שטעט אין דער וועלט, אַ ברכה אויף זייערע קעפּ. אָבער צו איבערדרייען די יוצרות: נישט פאַרזאָרגן די אייגענע שטאָט, נישט גע־דענקען אין ארץ ישראל און זאָרגן פאַר דער וועלט, דאָס איז שלא על פי תורה און ברענגט אַ צערשטערטקייט אין דער גאַנצער כלל אַרבעט, אין דעם מוזן די מנהיגי העיר גוט געדענקען.

אויף אַ זייער אינטערעסאַנטן אופן, איז דער ענין אַנגעדייטעט געוואָרן אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואָך. די תורה זאָגט, אַז ווען יידן וועלן זיך מאָביליזירן אין דער אַרמיי, כדי צו גיין אין מלחמה מיט אַ שונא, זאָל דער כהן זיך אַוועקשטעלן און פאַר זיי האַלטן אַ רעדע. דער כהן האָט, צווישן אַנדערע רייד, אויך געדאַרפט אויפשטעלן אַ גאַנצן צעטל פון פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע ער האָט געדאַרפט אַהיים שיקן און נישט שיקן זיי אין דער מלחמה. ווען איינער האָט נישט באַוויזן צו באַנייען זיין הויז, צו האָבן פרוכטן פון זיין גאָרטן, אָדער צו הייראַטן זיין פרוי, האָט ער געדאַרפט אַהיים גיין. אויך אַ מאַן מיט אַ שוואַכער נאַטור האָט געדאַרפט אַהיים גיין. זיכער, האָבן די פסוקים אַ פשוטע טייטש.

אָבער אונדזערע חכמי המוסר האָבן אין דער פרשה גע־פונען אַ רמז, אַן אָנדייט פאַר דעם טאָג טעגלעכן לעבן פון אַ ייד.

דאָס לעבן איז אויך אַ למחמה. עס איז אַ גאָר שווע־רער קאַמף, וועלכן יעדער מענטש מוז אויפנעמען און מוז דעם קאַמף האַרטנעקיק פירן. פאַראַן יחידים, וועלכע זענען באַשענקט מיט פעיקייטן: זיי קענען דעם לעבנס־קאַמף פירן, נישט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַנדערע. זיי קענען פאַרהעלפן אויך אַנדערע זיך אַדורכ־צושלאָגן אין דער שווערער לעבנסמלחמה. זיי האָבן אַ חוב דאָס צו טאָן. אַזוי שטייט אין דער תורה: וחי אחיך עמך; אַ מענטש, וועלכער איז ב״ה באַזאָרגט פאַר זיך מוז דאַן אָנשטרענגען אַלע זיינע כוחות צו פאַרהעלפן זיין חבר. אָבער דער, וואָס פאַרזאָרגט זיך אַליין נישט וואָס פאַר אַ רעכט און וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס, וואָס ער זאָרגט פאַר יענעם? דער: וחי אחיך, קומט נאָר, ווען עס איז דאָ דער: עמך; ווען דו אַליין ביסט אין אָרדענונג. אָבער אָן דעם; עמך, איז נישטאָ קיין וחי אחיך.

דער כהן, דער גייסטיקער פירער, ביי יידן, האָט גע־האָט אַ פליכט אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַזוי דעם יחיד, ווי אויך דעם כלל: אויב מען האָט נישט פאַרזאָרגט זיין אייגענע היים, אויב מען האָט נישט איינגעריכטעט זיינע אייגענע אינסטיטוציעס און מען איז אַליין צו שוואַך, האָט מען נישט קיין רעכט צו פירן קיין מלחמות פאַר

דרויסנדיקע אידעאַלן. דאָס איז איינס פון די יסודות פון יידישקייט. דער נייער בנין אין קוערנאַוואַקאַ ווייזט, אַז אונדזער קהלה גייט אויף דעם ריכטיקן וועג. זאָל השי״ת אַריינגעבן אין די מוחות פון אונדזערע קהלה־פירער, אמת׳דיקן יידישן פאַרשטאַנד, צו זאָרגן פאַר דער אַנט־וויקלונג און הצטרכותן פון דעם ישוב; צו בויען אין אונ־דזער ישוב אינסטיטוציעס פאַר חיזוק התורה, פאַר חיזוק און פאַר פאַרשענערונג פון יידישן גייסטיקן לעבן, ווייל דאָס איז דער ערשטער צוועק פון יידישער סאָציאַלער טעטיקייט. לאָמיר מיט אַלע כוחות זיך אָנשטרענגען צו העלפן מדינת ישראל און זי באַשיצן אין יעדער עת צרה ח״ו, און מיר וועלן זוכה זיין צו אַ גאולה שלימה במהרה אמן.

תוכן הענינים

מכתב נשיא הקהלה — — — — — — — — — — — IX
מכתב בן המחבר — — — — — — — — — — — XI
הקדמה המחבר — — — — — — — — — — — VX
בדין רוצח וגואל הדם — — — — — — — — — 3
בדין גלות בשליח בי"ד — — — — — — — — 23
בדין גלות בהזמה — — — — — — — — — — 33
בסוגיא דחנוכה — — — — — — — — — — — 41
בדין אשלד"ע — — — — — — — — — — — — 57

חלק האגדה

ויקרא — — — — — — — — — — — — — — 63
צו — — — — — — — — — — — — — — — 71
שמיני — — — — — — — — — — — — — — 79
תזריע מצורע — — — — — — — — — — — 87
אחרי קדושים — — — — — — — — — — — 95
אמור — — — — — — — — — — — — — — 104
בהר בחוקותי — — — — — — — — — — — 112
במדבר — — — — — — — — — — — — — 120
נשא — — — — — — — — — — — — — — 126
בהעלותך — — — — — — — — — — — — 132
שלח — — — — — — — — — — — — — — 138

קרח	144
חקת	150
בלק	156
פינחס	162
מטות מסעי	168

במדבר דברים

במדבר	177
נשא	186
הר סיני	194
מתן תורה	202
שלח	212
קרח	220
חקת	229
בלק	237
פינחס	245
מטות מסעי	253
טעג פון טרויער	260
תשעה באב	268
דברים	277
ואתחנן	284
עקב	291
ראה	298
שופטים	305
תצא	321
תבוא	319
שבת סליחות	326
ראש השנה	335
יום כיפור	344
לזכר פון די קדושים	353
סאָציאַלע טעטיקייט	362